STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05007

LIBSHAFT

Shlomo Warzager

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Felix & Miriam Glaubach
in memory of
Rachel & Max Herlinger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואַרזאַגער

ליבשאַפט

דעם פריינט חיים שפּיל
ליבהאָבער פון [illegible]
מיט אַ [illegible]
ברכות לשנה טובה [illegible]

פריינטלעך און מיט
[illegible]
[illegible]
[illegible]

בכבוד רב [illegible]
אייער, שלמה וואַרזאַגער

ערב ראש השנה 24.9.95

דאָס דאָזיקע בוך דערשײַנט מיט דער
מיטבאַטײליקונג פֿונעם פֿאַראײן פֿון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל (בית־לײוויק, תל־אביב)

שלמה וואַרזאָגער

ליבשאַפט

ראָמאַן

ה. לייוויק-פאַרלאַג
בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

שלמה וורזוגר

חִבָּה

SHLOMO WORZOGER

AFEECTION

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1996 — נדפס בישראל תשנ"ו

נסדר ונדפס בדפוס "שמגר 1986" ת"א, טל. 6828704



שלמה וואָרזאָגער

ערשטער טויער

1

אין לײַכטן קלעפּל אין טיר, אויך װעדליק דער שעה, אַזײגער דרײַ, האַלב פיר, נאָך מיטאָג — האָט אליהו שחר דער מאָלער געװוּסט: די גימנאַזיסטין. אַזױ הײסט זי בײַ אים, שורה, פון ערשטן טאָג װען זי האָט זיך אָפּגערופן אויף זײַן מודעה אין צײַטונג: „ס׳װערט געזוכט אַ פּלעגערין, אַ יונג מײדל אויף עטלעכע שעה אין טאָג, צװײ מאָל אין דער װאָך״.

מיט אַ יאָר דרײַ צוריק איז עס געװען.

צװײ־דרײַ שעה אין טאָג — מאָנטיק און דאָנערשטיק — נעמט שורה אָפּ מירהלען פון קינדער־גאָרטן, ס׳לעצטע יאָר פון בית־ספר, פירט צו דער מאַמען, קלאַראַ, זײַן געגט װײַב, נאָכ־דעם — צו אים און װידער צו דער מאַמען.

אליהו שחר, אַ מאַן אַ באַשטימטער עלטער, קאָן מען זאָגן. אין די װינטער־טעג, רעגנס, טראָגט ער אַ שװערן טונקעלן מאַנטל, אַ היטל אָדער אַ בערעט, ברילן מיט גראָבע געשליפענע גלעזער (אַװדאי קורצזיכטיק). אין אויטאָבוס, למשל, קאָן אויף דעם שלאַנקן מאַן מיטן ברונעטן פּנים, גראָע שלײפן, אַ גראָבלעכן געדיכטן װאָנס, װאָס זעט אויס װי צוגעקלעפּט — חל זײַן דער „מפּני שׂיבה תּקום״.

זומער, הײסע טעג, חאַמסינען — אין אַ לײַכט קאָליריק אויבערהעמדל איבער די הויזן, קורצע אַרבעלעך, זעט ער אויס אַ סך ייִנגער. אַזאַ כּבוד פון אָפּטרעטן ס׳אָרט פֿאַר אים דערװאַרט אים נישט.

אויך זײַנע לאַנגע האָריקע הענט, רירעוודיקע, ווי פֿלינקע חיות, גיבן אים צו יונגקייט. לעבן שורהן און זײַן טעכטערל זעט ער אויס, ווי זייערס אַן עלטערער ברודער.

מ׳זעט אים ווייניק אין גאַס. רוב שעהען אין מעת־לעת — אין שטוב: אַ דאַך־דירהלע פֿון צוויי און אַ האַלבן חדר, אייגנט־לעך אַ חדרל — זײַן אַטעליע, אַ שלאָפֿצימער און אַ „סאַלאָן״. באַוווסטער מאַלער, אַ האַלבער דזשענטעלמאַן, אַ האַלבער באַ־העם — זאָגט מען אויף אים.

אין שטוב טראָגט ער קורצע הויזן, אַ טונקעלע רובאַשקע אָדער אַ מייקע, אַ לענגלעך פֿאַרטעכל, שעהען־לאַנג שטייט ער בײַם „טיש״ — אַ ברעט אויף צוויי קאָזלעס — בײַ דער פּאַליטרע.

איילפֿאַרב פּושקעס, אָפּענע, פֿאַרמאַכטע, פּושקעלעך, פּענדזי־לעס, פּענדזעליקלעך, טושן, גריפֿלס, מאַלער־רעקוויזיט.

אויף דער רובאַשקע, פֿאַרטעכל, הויזן — אַ „מאָזאַיִק״ פֿון פֿינגערווישן. די ברילן מיט די גראָבע געשליפֿענע גלעזער לאָזט ער נישט אַראָפּ פֿון די אויגן.

זינט שורה איז איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דאַך־דירהלע זעט מען אים נאָך ווייניקער אין גאַס. אַ ריח פֿון מאַלערישן קלאַ־פּערגעצײַג, פֿון פרישע און פֿאַרלעגענע פֿאַרבן, פֿאַרטרעטן נישט פֿאַרענדיקטע, פֿאַסטעל, אַקוואַרעל טראָגט זיך פֿון אַטעליע. אויך פֿון איילבילדער צעשטעלטע בײַ די ווענט פֿון „סאַלאָן״, בײַם קליינעם טישל אין מיטן שטוב. בײַ דער עטאַזשערקע מיט ביכער און זשורנאַלן צעוואָרפֿענע, פֿאַרשטויבטע און צוקאָפּנס פֿון אַלטן קאָזעטקעלע מיט אַרויסטאַרטשענדיקע פּרוזשינעס — דער זעל־בער ריח.

די ערשטע צײַט איז שורהן נישט געווען צום האַרצן די אומ־אָרדענונג אין אַלע חדרים. די עטלעכע מינוט, וואָס זי האָט זיך געזוימט אין שטוב מיטן ברענגען, אונטערוואַרטן ביזן צוריקפֿירן די קליינע צו דער מאַמען — האָט זי געשוויגן. אליהו האָט פֿון איר שווײַגן פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאַראַנדעק געפֿעלט איר נישט.

ער האָט געפּרוּווט אויפקלערן, פאַרענטפערן זיך מיט שנעלע באַוועגונגען פון זיינע לאַנגע האָריקע הענט, ווי פלינקע חיות. פון גרויס צעטראָגנקייט האָבן זײַנע הענט תּוך כּדי דיבור „פאַרטשעפּעט" זיך בײַ איר גזשיווקעלע איבער די אויגן, מיט אַ גלעט ביז אַראָפּ דעם דינעם ווײַסן האַלדז איבערגעבעטן זי מיט אַ „סליחה, מיידעלע". נאָך אַלץ געשטאַנען צו איר אַנגעבויגן עלעהיי ער שטייט ביים „טיש" איבער דער פּאַליטרע. ער האָט גערעדט צון איר מיט אַ שטים אַ סך יִינגער ווי פון אַ מאַן אין זײַן עלטער.

צום אַרײַנבערענגען מירהלען, אויך צום אַהיימפירן — תּמיד אַ באַשעפּטיקטער — פלעגט ער אויסדרייען דעם קאָפּ פון איבערן „טיש" צו איר און אין אײַלעניש בעטן זי זאָל צוּוואַרטן עטלעכע סעקונדן ביז ער'ט זיך גיין וואַשן די הענט, אַראָפּוואַרפן פון זיך ס'פּאַרטעכל. און שוין איז מירהלע אין זײַנע אָרעמס. ער הייבט זי אויף צו זיך, באַדעקט איר מיט קושן. ער געפינט אויך צײַט בעטן שורהן נישט אײַלן זיך, ער וויל מיט איר רעדן, אײַגנטלעך מיינט ער אַ קאַלטן טרונק, אַ טײַ אויך פאַר איר — „וועט מען צוזאַמען טרינקען".

אליהו שחר, דער תּמיד פאַרנומענער, דינאַמישער אַלטער יונגערמאַן, האָט געזען אין שורהס אומגעדולדיקן אונטערשטיין, אפשר אויך צוליבן אומווילן אויסהערן זײַנע רייד, אַז זי איז נישט אַנטציקט פון זײַן אָנבאָט וואָס ער מאַכט אָפּט — שוין צו אָפּט — האָט ער פאַרקירצט ס'אָנפרייען זיך מיטן קינד און עלעהיי ער האָט גאָרנישט געזאָגט — צוריק אַרײַן אין אַטעליע. צו מירהלען, וואָס האָט געטופּעט מיט די פיסלעך צום אַראָפּלאָזן זי פון די הענט: „אני רוצה הביתה" (איך וויל אַהיים) — האָט ער געזאָגט:

— מירהלע, אויך דאָ איז דײַן היים.

ער האָט זייער ליב זײַן טעכטערל, אליהו שחר. זײַן מאָלעריי און זײַן טעכטערל — דאָס האָט ער, מער גאָרנישט — הערט שורה פון אים איטלעכס מאָל. זי גלייבט אים. אַן אָרנטלעכער

מענטש דער דזשענטעלמאַן און באַהעם. ער האָט ליב צו רעדן צו איר. זי לאָזט זיך דערציילן:

— — — זײַן ערשט ווײַב, מאַרישאַ, ערגעץ אין סיביר געבליבן. אַ סיביריאַטשקע, אַ דאָקטאָרשע פון פאַך. באַקענט זיי דאָרט אין אַרבעטסלאַגער. קאַטאָרזשנע אַרבעט. אוממענטשלעכע באַדינגונגען. זי האָט אים געהאָלפן ווען ער איז קראַנק געווען, אויך מיט אַ ביסן ברויט. זי האָט אים געראַטעוועט. אַן עלטער מיידל, אַ סימפּאַטישע, אַ ווילע. נאָכן באַפרײַען זיך פון לאַגער, פאַרשריבן זיך אין „זאַגס". בעת דער רעפּאַטריאַציע נישט געוואָלט רירן זיך פון אָרט.

— וואָס מיינט מען רעפּאַטריאַציע, אדון שחר?

— צוריקפאָרן אַהיים פון וואַנעט מען איז געקומען. ער קאָן צוריקפאָרן — האָט זי געזאָגט. זי איז דאָ געבוירן געוואָרן, דאָ איז איר היים. נישט אַצינד די צײַט דערפון צו רעדן — כאַפּט ער זיך צוריק.

שורה שווײַגט. צו וואָס דאַרף זי דאָס וויסן — טראַכט זי. סך־הכל געקומען דאָ אַרבעטן צוויי טעג אין דער וואָך אויף עטלעכע שעה, ברענגען און אָפּפירן מירהלען אַהין און צוריק וזהו, און דאָס איז עס. נאָך האָט ער אַ טבע: פרעגט איר אויס זאַכן, משפחה, טאַטע, מאַמע, ברידער, צי איז זי אַליין. הײַנטיקע צײַטן קאָנען אַזעלכע זאַכן אויך טרעפן.

גראָד איז די לאַגע אין שטוב נישט אַזוי בסדר. טאַטע, מאַמע רעדן ווייניק צו זיך, אָפּט שטייען זיי צו זיך פּלייצע צו פּלייצע. זי מישט זיך נישט, וויל נישט פרעגן. רעדט אַמאָל די אמא צו איר — הערט זי, באַדויערט. צו וואָס דאַרף ער דאָס וויסן? זי ענטפערט אים קורץ:

— דער אבא — אַ מוזיקער. דאָ אַרבעט ער אין פּײַערלעשער־אָרקעסטער. די אמא — אין שטוב. זי איז אַ בת יחידה. נישט צופרידן דער אבא. געעפנט אַ ביוראָ אויף אויספלוגן. אַדורכגעפאַלן — זאָגט די אמא.

נאָכדעם האָט איר באַנג געטאָן פֿאַר וואָס זי האָט דאָס געזאָגט. נישט אַלץ דערציילט, אָבער פֿאַרדראָסן אויף זיך אַליין האָט איר.

שורה האָט ביסלעכווײַז זיך צוגעוווינט צו די אומאָנגענעמע ריחות, סײַ צו זײַנע רייד. אויך די אומאָרדענונג אין די שטובן — נישט איר עסק. זי האָט אַפּילו אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין אָנגעהויבן צוקוקן זיך צום לעבן פֿון אליהו שחר דעם גרויסן מאָלער, ווי ער זאָגט אָפּט דרך־אגבדיק, געכאַפּט אַ זײַטיקן קוק אויף אַ בילד, באַוווּנדערט די רירעוודיקע לאַנגע הענט פֿון דעם סימפּאַטישן נישט יונגן באַריידעוודיקן מאַן, מענטש. אַליין. איינער — זאָגט ער — איז קיינער. קלאַראַ, זײַן צווייטע פֿרוי, צום דריטן יאָר נאָך דער חתונה — געגט. הײַנט. זײַן ליבשאַפּט צו מירהלען? ווען זי ברענגט איר כאַפּט ער זי אַרום, קושט, לאַכט צו איר, פֿרייט זיך מיט איר, כּמעט איטלעכס מאָל — מתּנות.

אַ מאָלער, אַ באַרימטער קינסטלער און אַזוי איינזאַם. עס זאָל צו אים אַרײַנוויײַזן זיך אַ מענטש, אַ חבר, אַ פֿרײַנט, אַ שכן, אַ קונה אויף אַ בילד. איינאונאיינציק מאָל האָט זי געהאָט די העזה צו פֿרעגן פֿאַר וואָס איז ער אַזוי אָפּגעזונדערט פֿון מענטשן. ער האָט שמייכלענדיק געענטפֿערט:

— מיידעלע, אין סאַמע אַליינקייט פֿילט זיך דער קינסטלער נענטער צום מענטש: אַ קינסטלער בענקט מיטן גאַנצן האַרצן צו אַליינקייט, צו רו.

— איך פֿאַרשטיי נישט, אדון שחר.

— אליהו שחר, רוף מיך אליהו, אלי.

ערשט ער פֿרווּווט איר אויפֿקלערן, דערציילן וועגן גרויסע מאָלערס פֿון דער גרויסער וועלט, וואָס האָבן געלעבט אין איינזאַמקייט. „אין סאַמע פֿאַרבאָרגנקייט האָבן זיי געפֿונען רו און דערמוטיקונג צו שאַפֿן. אין פֿיבער פֿון יסורים קומט די פּסיכישע אַנטשפּאַנונג."

נאָכדעם האָט שורה נאָך ווייניקער פֿאַרשטאַנען אָבער מער

נישט געוואָלט איבערפרעגן. אויך ער האָט געהאַט אויסשטעלונ־גען — האָט ער צוגעגעבן — אין לאַנד און אין חוץ לאַנד, עטלעכע פּרעמיעס באַקומען.

איין מאָל האָט ער פאַר איר פירגעלייענט פון אַ צײַטונג אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זײַנע מאָלערײַען. שורה האָט דערציילט איר אמא דערוועגן. איר מאַמע זאָל האָבן געענטפערט:

— צו פּרנסה האָט עס נישט, טאָכטערשי. און בכלל — האָט זי צוגעגעבן — זאָל ער דיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ.

„אמת, האָט שורה צו זיך געזאָגט, זי זעט טאַקע נישט ער זאָל זײַן אַן עושר. און, אײַגנטלעך, צו וואָס דרייט ער איר אַ קאָפּ מיט זײַנע מעשׂיות? איר אינטערעסירט אַ שטײַגער מזונות (אַלימענטן)? פאַר מירהלען, מתּנות, אַ קליידל, אַ לעטשל. הײַנט, איר געהאַלט צוויי מאָל אין חודש? תּמיד בעתן אויסצאָלן איר די עטלעכע הונדערט שקלים פרעגט ער:

— האָסטו גענוג, מיידעלע, אפשר אַ קליינע הוספה?

מאָדנע, אַ טאָפּלט געפיל האָט שורה צו איר באָס. פון איין זײַט באַוואונדערט זי זײַנע מאָלערײַען, זײַן ענערגיע, זײַן גוטקייט צו איר, פון דער צווייטער זײַט — דולדעט זי נישט זײַנע רייד, זײַן אָפּט — אַמאָל צו אָפּט — מכלומרשטן אַנריר פון זײַנע פינגער. תּמיד, ווי זי זאָל נישט זײַן, שטיין, זיצן, צוּוואַרטן ביז ער׳ט זיך אָנפרייען מיט מירהלען, וואָס טרעט פון אים נישט אָפּ — טרעפן זײַנע לאַנגע האָריקע הענט צו איר גזשיווקעלע, האַלדז, פּנים, גאָמבקע, וואָס ער פאַרהייבט מיט איין פינגער און קוקט איר גלייך אין פּנים אַרײַן.

אויך געפעלט איר נישט זײַן זײַטיק קוקעלע אויף איר ווען ער שטייט אַ געבויגענער איבערן „טיש". די הײַמישע טאַטעשע אויגן, די זעלבע אויגן ווערן מיטאָמאָל פרעמדע און מאָדנע עלעהיי זיי קוקן אויף אַן אָנגעצויגענעם לייוונט — אייגנטלעך זײַנע ווערטער צו איר — גרייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. זײַנע נײַגעריקע, אומרויִקע אויגן אונטער די גראָבע געשליפענע

גלעזער וועקן אין איר אַ שרעק פון אַ פרעמדן מענטש בכלל. אַ שרעקיקער ציטער לויפט אַדורך איבער איר לייב. אַ שרעק און עפּעס ענלעכס אויף פרייד. ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן פילט זי אַזאַ פרייד.

איין מאָל, שוין ס׳צווייטע דריטע יאָר וואָס זי איז דאָ, בעת אַ קורצן איבערשמועס מיט אים, האָט זיך קעגן איר ווילן — זי געדענקט נישט, ווייסט נישט ווי אַזוי, — פון איר מויל אַרויס־געגליטשט:

— אתּה אדם מקסים (איר זענט אַ וווּנדערלעכער מענטש).

2

אויך צום מצב אין שטוב האָט זי זיך צוגעוווינט: דעם אבא זעט זי וויניק. ווען ער איז דאָ אין שטוב הערט זי פון אים נישט קיין וואָרט. די אמא אַ שווײַגנדיקע האָט צון איר, אַפּנים, קיין געדולד. פרעגט זי עפּעס בײַ איר, בעט זי עפּעס — איז דער ענטפער אַ קורצער, אַן אָפּגעהאַקטער. זי זעט נישט ביידע זאָלן רעדן צו זיך. אויך קומט קיינמאָל נישט אין שטוב אַרײַן אַ מענטש, אַ שכן, אַ באַקאַנטער. איינמאָל, אויג אויף אויג מיט דער אמא, הערט זי פון איר אַזעלכע ווערטער:

— פון דער אַרבעט ברענגט דער אבא אַ מאָגערן לאָקש. ס׳געשעפט גייט שלעכט. צוויי דרײַ אויספלוגן אין יאָר. צו וואָס דאַרף ער אַ סעקרעטאַרין אויף אַ חודשלעכן געהאַלט?

צוליב אָט דעם מצב האָט זי אָנגענומען די אַרבעט בײַ אדון אליהו. נישט איין מאָל „באַרגט" די אמא ביי איר עטלעכע שקל. זי איז באַזאָרגט — זאָגט זי — וואָס איר איינציק טעכטערל דאַרף אַרבעטן, האָט קוים צײַט צו מאַכן די שיעורים, אויך די אַרבעט, דער באַס אירער געפעלט איר נישט.

טעג, גאַנצע אָוונטן זעט זי די אמא אַן אויפגערעגטע דרייען זיך אין די ליידיקע דרײַ שטובן. ווי אויסגעליידיקטע פון מעבל זעען אויס די דרײַ צימערן. אין קיך, וווּ די אמא האָט ליב געהאַט זיך שעהען לאַנג צו פּאָרען, גייט זי כּמעט נישט אַרײַן, די אמא. זי ווייסט נישט — זאָגט זי — ווען דער אבא קומט אויף מיטאָג און צי קומט ער בכלל. גרייטן, אײַנקויפן, קאָכן קאָסט געלט. צו וואָס אַרויסגיסן?

זיצן זיי — זי און די אמא — אַליין אין צווייען אין די אָוונטן ביז שפּעט בײַנאַכט.

פּערל, פּנינה, רופט זיך דאָ די אמא, ליידט טאָפּלט: לייד פון זײַנע געגג, פירעכצער און פון דעם וואָס איר מאַן, אַלעקסאַנדער, אַלעקס, רופט ער זיך, האָט נישט מצליח געווען. סטודענטעוועט צוויי סימעסטערס אין אוניווערסיטעט אין דער אַלטער היים, קאָנסערוואַטאָריע און דאָ — אַ קלעזמער אין פּײַערלעשער־אָרקעסטער. דאָ — האָט געזאָגט אַלעקס — שטעלט ער אויף זײַן הויז, דאָ וועט ער טראָגן ס׳לאַנד אין אייגענעם בלוט. געמאַכט אַ קורס לאַנד־קענטעניש און געעפּנט אַ ביוראָ אויף אויספלוגן. געווען, ווי מ׳זאָגט, אין די פּעדערן. מיליאָנען ייִדן זענען אַהער געקומען. דאָ אויף דער קליינער ערד, פּאַדעראַזיע, וועט זײַן דער נײַער אָנהייב. שוין באַלד פינעף און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט. מיט אַן אַלט־צעבראָכן שיפל, מיט צעבראָכענע לעבנס זיך דערשלאָגן צום ברעג ארץ־ישׂראל. דאָ האָט זי, פּערל־פּנינה, חתונה געהאָט מיט אַלעקסאַנדערן און מיטן לאַנד. אָרעמער אַלעקס. מיט וויפל ענערגיע, האָפענונג ער האָט דאָ אָנגעהויבן. געחלומט ווערן אַ באַרימטער מוזיקער. אויף די ערשטע אויספלוגן איז זי געווען פון די ערשטע. שורה איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען. געלאָזט זי ביי אַ שכנטע, אַמאָל אויף אַ בייביסיטער.

תּמיד האָט ער אויסגעפונען אַ יונג וועלדל, אַ ווינקל צווישן סקאַלעס און זאַמד, אַ געהיימע סטעזשקע, ווו אַ מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט באַטרעטן, אַמאָל — אַ ברעג ים, אַ שטיינבאַנק אַ געוואַשענע פון כוואַליעס — אַ מזבח אויף פראַווען ליבע. אין די פרײַע טעג, אָוונטן, ביז שפּעט בײַנאַכט צוזאַמען שפּאַצירט, צופוס־אויספלוגן אויף פרײַע אומבאַוווסטע ערטער. אַ פּאַרליבטער אין לאַנד באַוווּנדערט די ווילדע שיינקייטן. אויף די היגע פּרילינגדיקע זומערנעכט האָט דער נישט־געעדניקטער סטודענט געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן. זע — מאַכט ער — ווי די ליכטיקע לבנה הענגט איבער אונדזערע קעפּ, ווי אַ הענגל ווײַנטרויבן. נישט איין מאָל האָט ער זיך צוגעקוקט — ווי ער פלעגט זאָגן — אויף אַ גליוואָרעם וואָס צינדט אָן זײַן לאַמטערנדל.

זכרונות: אויפן דריטן טאָג פון מלחמה־אויסברוך אָן אַ זיי געזונט אַוועק פון דער היים. אַלעקסאַנדערן האָט זי געטראָפן אויף דער גאַס. אַ, יענע פּינצטערע טעג, יענע בהלה. קום מיט מיר — האָט ער געזאָגט. „וואָרט כ׳וועל נעמען מיט זיך עפּעס אויפן וועג". מיט אַ קליין פּעקעלע אַרויס פון שטוב עלעהיי אויף אַן אויספלוג. אַלע, די גאַנצע שטאָט, יונג און אַלט, איז געלאָפן. וווהין האָט קיינער נישט געוווּסט. געלאָפן ווײַטער, וואָס ווײַטער אַבי עוקר זײַן פון די דײַטשישע האָרדעס.

אויף די „באַפרייטע געביטן" — ביעזשענצעס, נאָכדעם — סאָוויעטישער „גן־עדן". ווידער אַ לויפעניש מיט באַנען, וואָגנס און צופוס: אָרשע, מאָגילעוו, מינסק, קיִיבישעוו — אַ נײַע פּרעמד, אַ נײַער צונאָמען: יינגאַסטראַנצעס, „עוואַקואירטע". ווו געטאָגט נישט געגעכטיקט. הונגער, טויטאַנגסט. נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. נישטאָ קיין געמיט צונויפצונעמען די געדאַנקען, וואָס ליגן, ווי קליידער צעוואָרפענע אין שאַנק.

זינט זי האָט די וולוטשענגע דערקענט האָט איר נישט אָפּגעלאָזט ס׳געפיל, די בענקשאַפט צו עפּעס שטענדיקס, סטאַבילס.

וואָלגע, פּאַראַכאָד. אין צענטער פון גרויסן, ברייטן לאַנד אויף גאָרקי, קאַזאַן. נישט קיין נפקא מינה ווו ער פירט, אַבי אַ ביסעלע מנוחה.

האַרבסט נײַנצן איין און פערציק. ס׳דערנענטערט זיך דער ווינטער, רוסישער ווינטער, שנייען, פרעסט. דערווײַל גרויסע שלאַכטן אויף אַלע פראָנטן. דײַטשע אַרמיי בײַ די טויערן פון מאָסקווע, לענינגראַד אַרומגערינגלט. אַלעקסאַנדער, וואָס האָט נאָך אין די אוניווערסיטעט־יאָרן סימפּאַטיזירט מיט דעם, וואָס בויט זיך אין קאָמוניסטישן ראַטנפאַרבאַנד, ווײַזט אַרויס בקיאות: דאָרטן ווײַט פון פראָנט — זאָגט ער — סיביר, אַרכאַנגעלסק, נאָוואָסיבירסק, וועט מען צונויפנעמען די צעקלאַפּטע טראַפּייען פון די צעשלאָגענע, אַנטלאָפענע, „עוואַקואירטע" סאָלדאַטן און אויפשטעלן אַ פרישע אַרמיי, פאַבריקן, נײַ געווער, אַמוניציע,

טאַנקן, עראָפּלאַנען. אַ נײַע יונגע אַרמײַ. אויסשולן קאָמאַנדירן, פרישע כּוחות און איבערגײן אין אַ קאָנטער־אַטאַקע. ראַטנפאַר־באַנד — מאַכט ער — איז רײַך אין מינעראַלן, צינק, גאָלד, שוואַרץ גאָלד — נאַפט. אַ סך נאַטור־אוצרות האָט דאָס לאַנד, דער עיקר־אוצר — דער סאָוועטישער מענטש.

אַלעקסאַנדער, דער מאַרגנדיקער באַרימטער מוזיקער, דער נישט געענדיקטער סטודענט — ווייסט אַ סך, לעם אים וועט זי נישט פאַרלאָרן ווערן.

אַ, יענער האַרבסט אויפן פּאַראַכאַד. אַ מאַסע מענטשן. אַ שטופּעניש אויפן שמאָלן קלאַטקעלע, וואָס פירט פון ברעג־סטאַציע אויפן פּאַראַכאַד. פּויערים, פּויערטעס עלטערע און יונגוואַרג, קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך אין שול־עלטער — אַט וואָס ס'איז פאַרבליבן צו פּליטה. הינטער זיי — פאַרברענטע ברויט־פעלדער, ליידיקע כאַלופּעס, פײַערן, אַש, חורבן. אַלע מיליטער־פּעןקע — אויפן פראָנט.

געציילטע מינוטן פאַרהאַלט זיך דער פּאַראַכאַד. ווער עס אוספּעיעט נישט אַרויף בלײַבט ווער ווײַסט וויפל מעת־לעתן וואַרטן אויף אַ צווייטן, אַ דריטן, וואָס וועט זיך אפשר שטעלן. נישט אַלע וואָס שווימען פאַרביי שטעלן זיך.

פון סאַראַטאָוו קומט דער פּאַראַכאַד. אויף קאַזאַן גייט ער. ער סאָפּעט, דעבעט, ווי אַ מסוכן קראַנקער מענטש. אַט גיט ער אַ פּײַף און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן. אינעווייניק — אַ געדרענג. פּעק, זעק, קוישן, טשעמאָדאַנעס, בעטגעוואַנטן אין קאָלדרעס געוויקלט. אַ באַניאַק, אַ טשייניק, אַ קרוג. אַלטע מוזשיקעס, צע־קנייטשטע פּנימער, געפּאַטלטע האָר, קוטשמעס, קאַשקעטן מיט אַראָפּגעלאָזטע קלאַפּעס ביז איבער די אויערן. באַבעס מיט קינ־דער אויף די הענט, ביי די הענט. קאָפּטיכלעך, פּאַטשײַלעס, דערעס איבער קעפּ, אַקסלען, בורקעס, קאָזשוכעס. שטיוואַלעס, שיך פון האַרטן בוקאַט, לאַפּטיעס, נאַקעטע פיס, פיס אין אָניצעס. אַ גע־שטאַנק, אַ ריח פון מאַכאָרקע. געדיכטע און שיטערלעכע רויכ־

קנוילן שרויפן זיך אַרויף צום נידעריקן סופיט, פֿאַרחושכן די שוואַכע שײַן פון איינציקן לעמפל. מער ווי עס לײַכט זאַמלט עס שאָטנס. ס׳קליינוואַרג רודערט, וואַיעוועט, געשרײַען, געוויינען. די עלטערע לויפן, שפרינגען איבער פעק, איבער ליגנדיק, זיצנדיק מענטשנוואַרג.

פויערישע פנימער פאַרקנייטשטע, אויגן פינצטערע שטומען אויס דעם צער און ווייטיק פון פאַרבערענטע, צערויבטע כאַלופעס, פון פעלדער ווו ס׳פוילן קאַרטאָפל, וואָס קענען זיך נישט דער־וואַרטן אויף הענט זיי אַרויסדאַביוועז פון דער פעטער, שוואַר־צער ערד.

זי און אַלעקס שטייען אויפן דעק. נאַכט. אַ האַרבסטיק ווינטל יאָגט אין פנים. פון ביידע זײַטן ברעג — אַ טײַך־אויסשפרײַט באַלויכטן פון אַ פולער קאַלטער לבנה. אין מיטן תשרי. אַ גלאַנ־ציקע פאַלט די לבנה־שײַן אויף די כוואַליעס באַדעקטע פון שאָטנס. וועלעכלער פאַרשאָטנטע ווי שופן פון אַ ריזיקן פיש, וואָס וואַרפן זיך ווי אונטער אַ שוב־מעסער. אַ וואַלפיש איז די אויבער־פלאַך פון ברייטן, מעכטיקן טײַך. ס׳דעבען פון מאָטאָר, ס׳קלאַ־פערײַ פון די רעדער דולן אין מוח, שרעקן: אַט־אַ דעבעט ער אויס די נשמה און בלײַבט שטיין צווישן קויבישעוו און קאַזאַן — אין מיטן פון דער פרעמדער גרויסער וועלט — אויפן וואַסער.

אַן איבערגעבויגענער געניגט צו איר שטייט אַלעקס. העכער, לענגער זעט ער איצט אויס אין אירע אויגן — אַ וואַנט פאַר אירע ציטערדיקע אַקסלען. זײַן פנים — ערנסטער, מענערישער ווי אין דער היים מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן צוריק, אַלעקסאַנדער דער שטשופלער, שלאַנקער סטודענט, תמיד מיטן פידל־פוטלאַר אונ־טערן אָרעם. אַ סוד באַהאַלט זיך אין דעם פנים. אַ סוד, וואָס עפנט זיך פון איר שמייכל פון אונטן אַרויף צו אים עלעהיי אַ מימאָזע מיטן באַריר פון אַ מענטשלעכער האַנט. זײַן אָוואַל־ברונעט פנים — אַ פולער בעכער גליק. דער סוד וועקט אין איר פרייד. פרייד אין אַ האַרץ מיט אַ סוד פון ערשטער ליבע. זײַן

בליק — ערנסט, אָנגעצויגן, שטיל, קאָנצענטרירט, גיסט אויך איר אָן מיט גליק. דער פּחד גייט פּאַמעלעכקע אָפּ, ווי אַ פּאַרנעפּלטע שויב פֿון אַ וואַרעמען הויך. אויף די שיטערע נעפּלען אויפֿן גראַנאַטענעם הימל, דאַכט זיך איר, גייען אָפּ. אַ צוגעטולעטע צום אים ווערט איר וואַרעם פֿון אויפֿוואַכנדיקן בלוט. ענג ווערט איר פּלוצעם אין די געפּעסן. זי באַגערט אים, אַלעקסן. זי זויגט אויס מיט די אויערן זײַנע שטילע ווערטער. און זי קאָן זיך נישט פֿאַר־גינען גליקלעך זײַן, די נעכטיקע גימנאַזיסטין, און ס׳וויינט אין איר ס׳האַרץ פֿון פֿרייד:

— ווען וועט זיך ענדיקן די מלחמה, אַלעקס?

— דערוויַיל, פֿערעלע, האַלט עס בײַם אָנהייב.

און זי האַלט נאָך אַלץ פֿאַרהויבן צו אים דעם קאָפּ. אַ שטראַל אַ שטאָלענער, אַ באַלויכטענער פֿון דער לבֿנה האָט זיך איבער־געבראָכן אין אירע אויגן. אַלעקסאַנדער האָט דעם שטראַל קוים אויפֿגעכאַפּט:

— דײַן קנעכט וועל איך זײַן. באַפֿעל און איך וועל אַלץ טאָן פֿאַר דיר.

און איר ווערט גרינג פֿון זײַנע רייד ביז ווייטיק:

— רעד נישט אַזוי, אַלעקס, מלחמה. דײַן טאַטע־מאַמע, מײַנע עלטערן דאָרטן. ווער ווייסט וואָס מיט זיי געשעט איצט.

3

שוין באַלד צוויי און אַ האַלבן צענטליק יאָר דאָ. „דאָראָביעט" זיך צו אַ דרײַצימערדיקער ווױנונג אין תּל־אָביבער פּעריפעריע. אַ שיין טעכטערל אין גימנאַזיע. לערנט זיך גוט. זי, פּערל־פּנינה, דאַרף אויסמאַרקירן דעם טאָג, דעם חודש פון מאָגערן לאָקש וואָס ער ברענגט אַהיים. ביורא, אויספלוגן — אָן הצלחה. ס'קומט איר אויס, פּנינהן, מיט זײַן ווײניק ווײַזן זיך אין שטוב פּוסטעווען אויף די דרײַ צימערן. די שטיקער מעבל זאָלן אויף האָבן געענדערט אָרט און סדר, צעבונטעוועט זיך, אַ פּראָטעסט קעגן זײַן התנהגות. הײַנט, די בושה? שאַרפער ווי די שווערד פון פּאַרראַט איז די בושה. אַ חרפּה איר פאַרן אײנציקן טעכטערל. נישט נאָר שיין, קלוג, פאַרשטאַנדיק. זי זעט, ווייסט אַלץ און קיין וואָרט הערט מען נישט פון איר.

לאַנגע אומהיימלעכע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט — אַליין מיט שורהן. קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט, אויפן פּאַראַכאָד. וויפל איז זי דעמאָלט אַלט געווען? עפּעס מער ווי שורה הײַנט און — נאָ דיר אַ לעבן. זי וויל האָפן אַז איר טעכטערל וועט בעסער טרעפן.

דרייט זי זיך אין די שטובן, פּנינה, רוב שעהען אַליין. שורה איז פאַרנומען מיט די מאַנטיקס און דאַנערשטיקס, שיעורים, בית־ספר. נישט זי האָט צײַט צו גיין צו אַ חברטע, נישט אַ חברטע קומט צו איר. זי באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן פון איר טאָכטער, וואָס בײַ איר אין געמיט טוט זיך. נישט תּמיד געלינגט. דער זייגער אויף דער וואַנט צעציט די שעהען, די בענקשאַפט צערודערט דעם בלוטלויף אין איר. גייט זי צו צום שפּיגל פון דער שאַנקטיר.

זי האָט פֿײַנט דעם שפּיגל. ס׳פּנים וואָס קוקט פֿון דאָרט אַרויס, די בלוילעכע פֿאַרשאָטנטע פֿלעקן אַרום די אויגן — פֿון מאָל צו מאָל טונקעלער. זי גייט אַוועק פֿון שפּיגל און די פּיס פֿירן איר צוריק.

שפּעטער אָוונט. אַלעקס איז נישטאָ. אויך אויף מיטאָג נישט אַהיימגעקומען, קיין קלונג נישט געטאָן. זי גרייט מיטאָג, ס׳קאָסט געלט און זי גיסט אַרויס ס׳עסן. באַוויַיזט ער זיך אומגעריכט — נעמט ער אָן אַ פֿול מויל שוויַיגעניש.

פּנינהס הימל האָט אָנגעהויבן טונקלען. שווערע וואָלקנס האָבן זיך איבער אים פֿאַרצויגן. כאָטש נעם און שלעפּ אַראָפּ די כמאַרעס און פֿאַרוויש ס׳פּנים פֿון הימל.

ליידיקע שעהען, טעג אָן אינהאַלט, אָן אַנהאַלט.

בײַנאַכט גלוסט זיך נישט אַליין אַריינגיין אין בעט. אַלעקס קומט שפּעט, שלאָפֿט אַ מידער, גלײַך ער האָט אַ גאַנצן טאָג האָלץ געהאַקט. צום אַרויסגיין אין דער פֿרי שטייט ער לאַנג בײַם שפּיגל. ראַזירט זיך, קעמט זיך. פֿאַרוואַרפֿט ס׳שיטערע בינטל האָר פֿון לינקס אויף רעכטס, ווי מ׳זאָגט דאָ — אויסגלײַען פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, וויל פֿאַרדעקן דעם קליינעם פּליך, וואָס זעט זיך אַרויס, ווי אַ האַלבע לבנה פֿון אַ וואָלקן.

תּמיד אויסגעפּיאַקעוועט: אַ בלאַנק ווײַס אויבערהעמד, קאָלנער־בינדע, אַ שיינעם הויז (אַמעריקאַנער דזשינס) מעשׂה יונגערמאַן. אין הײַסע זומערטעג — אַ קאָלירק ספּאָרט־העמדל, צעקנעפּלט פֿאַרנט ביז אַראָפּ דער האָריקער ברוסט. ס׳טרעפֿט, ער נעמט אויף זיך אַמאָל דעם מונדיר פֿון פֿײַערלעשער־אָרקעסטער: די מעשענע קנעפּ, ס׳קיילעכדיקע היטל מיט דער אָפּגעצויגענער דענקע און גלאַנציקן פּיבער־דאַשעק. געפּאַסט ליגט אויף אים דער סטראָי. ער געפֿעלט זיך אַוודאי. אויך איר געפֿעלט ער, איר מאַן. זי האָט אים ליב. עס קליידט אים, מאַכט אים יִינגער פֿון זײַנע שוין באַלד היפּש אַריבער די פֿופֿציק. אַ שלאַנקער אַל-

טער יונגערמאַן. זײַן ראַסקאַשנע אויסזען וועקט אַוודאי סימ־
פּאַטיע בײַם שײנעם מין.

ס׳ביוראָ איז געשלאָסן. די הוצאות פון אָפּן האַלטן אַזאַ
ביוראָ: דירה־געלט, טעלעפאָן, אַ סעקרעטאַרין — צו גרויס. ווער
איז זי די סעקרעטאַרין — האָט זיך פנינה אָנגעהויבן אינטערעסירן.
מימי רופט מען זי. אַן עלטער מיידל. איר מאַמע — ווייסט מען
צו דערציילן — אַ ייִדישקע פון מצרים, דער טאַטע — אַ טרי־
פּאָליטאַנער נישט־ייִד, געוועזענער אָפּערע־זינגער, ליב געהאַט
דעם ביטערן טראָפּן. ער איז יונג געשטאָרבן. די מאַמע — עד
היום ערגעץ אין אַן עלטערן־הויז. מימי האָט פרי איבערגעריסן
די לימודים, געווען אין אַנשטאַלט אַנטלאָפן. „זי האָט פײַנט, אַז
מ׳לערנט איר וואָס צו טאָן". צו חבר׳ה, צו דער גאַס האָט איר
געצויגן. מימי — יענע סחורה.

פנינה כעסט זיך אָבער דער כעס איז ווי אַ שוועבעלע: אָנ־
געצונדן — אויסגעברענט. איר מאַמע פון אויג אַרויס — האָט
מען אין דער אַלטער היים אויף דער קליינער פּערעלע געזאָגט.
איר מאַמע — תמיד בײַ דער ניי־מאַשין. געלאַטעט, געשטוקעוועט,
אַרײַנגעברענגט פּרנסה. דער טאַטע דער לערנער — תמיד בײַם
אָפענעם ספר. אַ שוחט אָבער נישט ליב געהאַט די שחיטה. מענטשן
האָבן געזאָגט ווײַל ער האָט אַ ווײַך האַרץ, פאַרטראָגט נישט קיין
בלוטפאַרגיסונג, בפרט מיט אײַגענע הענט. ער האָט געטענהט:
„איך וויל נישט מאַכן פון דער שחיטה אַ קרדום לחפור בו".

איז זי שעהען לאַנג אַליין פנינה. ס׳נעמט נישט קיין שלאָף. אָט
הערט זי עפענען די טיר. ער איז געקומען. זי הערט ס׳אַראָפּוואַרפן
פון זיך שטילערהייט ס׳אָנטאָן, ס׳אַראָפּשאָקלען די שיך. די שטיל־
קייט מסרט. שטיל ווי בגנבה שאַרט ער זיך אַרײַן אין בעט. זי
מאַכט זיך שלאָפן. פנינה, פנינה — רעדט זי צו זיך אין געדאַנק —
זעסט דאָס אַלץ צו און שווײַגסט?

זי האָט אויף אים רחמנות. אַלעקס איר מאַן דער נישט גע־

ענדיקטער סטודענט, דער נישט דערגאַנגענער „באַרימטער" מוזי־קער. וועגן קלאַסישער מוזיק פלעגט ער מיט איר רעדן: בעט־האָווען — אַ גרויסע קינסטלערישע פערסאָנאַליטעט. מאָצאַרט, מאַהלער, ליסט, שאָפּענס מיטצײַטלער. ער האָט שטאַרק מצליח געווען אין פּאַריז, דער פּאָפּולערער מוזיקער מיט זײַנע קאָנצערטן. שאָפּען דער גרויסער קאָמפּאָזיטער, אין דער פרעמד, איז אים, ליסטן, מקנא געווען. פראַנקרײַך האָט נישט באַזונדער שאָפּענען אויפגענומען מיט זײַנע מאַזורקעס, פּאָלקעס, נאָקטורנעס. די קנאה צו ליסטן זאָל אים האָבן שטאַרק מצער געווען. האָט ער געזוכט טרייסט, דער קראַנקער שאָפּען, אין די אָרעמס פון דער דעמאָלט באַרימטער פּאָעטין דזשאָרעס סאַנד. אין וועמען זוכט ער, איר אַלעקס, טרײַסט אויף זײַנע דורכפאַלן? אין מימין? — אַכיבע — אויף מער אַדורכפאַלן.

זי איז וואַך, פּנינה. זי פּרוווט אַרויסציִען פון אונטער דער קאָלדרע אַ נאַקעטע האַנט, אָנרירן, אַ גלעט, אַ צערטל טאָן איר מאַן כּאילו פון שלאָף אַרויס. אַלעקס גיט זיך אַ וואָרף, אַ קידע, רוקט זיך אָפּ און שוין זיצט ער. אַ סעקונדע־צוויי דויערט און — אַראָפּ פון בעט אין אײַלעניש, ווי עס וואָלט, חלילה, געברענט, אָדער אין גאָר אַ וויכטיקן ענין זיך דערמאָנט. ער ציט אַרויף אויף זיך די הויזן, זוכט עפּעס, מן הסתם אַ העמדל. שווײַגט. ווי דער שאָטן זײַנער אויף דער שוואַך־באַלויכטענער וואַנט שווײַגט ער. אַ הויכלעכער שאָטן, צעשויבערטע האָר, אַ געבויגענער, אַ פאַרשאָטנט געשטאַלט, נערוועזע באַוועגונגען, הענט וואָס ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַ פאַרדמיונט געשטאַלט, וואָס ווייסט נישט וואָס מ'וויל דערפון מיטן פּלוצימדיקן איבערוועקן.

— אַלעקס, וואָס ס'יאָגעניש? רעד צו מיר, אַלעקס.

איַ, מאַן מײַנער — זאָגט זי צו זיך — איך דערקען דיך נישט, איך גלייב נישט מײַנע אויגן. און זי גייט אַראָפּ פון בעט. ער וועט דאָך צוריק אין בעט אַרײַן נישט גיין. ער'ט אפשר אונטער־זיצן, גרייטן זיך אין וועג אַרײַן צו זײַנע געשעפטן. זי פאַרטראַגט

נישט אַרויסלאָזן אַ מאַן פון שטוב אויף אַ ניכטערן מאָגן. זי וועט אים גרייטן אַ קאַווע, אפשר אַ סענדוויטש.

זי איז אים מוחל, פנינה. זי האָט ליב איר מאַן. צו קלוג איז ער אויף די נאַרישקייטן וואָס ער טוט אָפּ. ער וועט מיד ווערן, ער וועט צוריקקומען צו איר. אָקערשט מיט דרײַ־פיר יאָר צוריק איז ער אין די אָוונטן פרי אַהיימגעקומען. אַהיימגעקומען אַ באַזיגטער איר „גיבור״, אַ פאַרבענקטער צו אירע לאַסקעס, צערטלערײַען. אין מיטן אַ ליבע־נאַכט זיך צערעדט. אַ גאַנצן רעפעראַט האָט ער פאַר איר געהאַלטן וועגן דער הײַנטיקער אַזויגערופענער „מאָדערנער״ מוזיק, הײַנטיקע מוזיקאַנטן, מאָדערנע אינסטרומענטן, ליכטעפעקטן. אַזוי ווי אויף דער גרויסער וועלט — מאַכט ער — אַזוי דאָ אין ישׂראל, קליין אַמעריקע. אַ סך רייד פון זײַן מוזיק־פּראָפעסאָר פאַן גאַנטשאַנסקי, פון זײַנע לעקציעס — האָט ער פאַר איר איבערגעחזרט. יאָ, לעקציעס וואָס ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק. וואָרט, ניגון, מוזיק — מאַכט ער — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט איז דאָך אײַגנטלעך איינס, אַלע וואָרצלען אין אור־ערשטן אויפציטער פון איידער וואָרט, אין פּײַל פון בויגן, אין געיעג נאָך דער חיה, אין אײַנבײַסן זיך מיטן פוס אויפן רידל — איז שוין געווען מוזיק, תּנועה, ריטעם. איז נישט דער וואַלד, דער דזשונגל, דאָס וויגעלע פון מוזיק?

און ער, אַלעקס, האָט צוגעגעבן:

דער הײַנטיקער דזשאַז, דער בלוז, די גוואַלדאַקצענטן, זשעסטיקולאַציעס — איז עס נישט אַ נאָכמאַכן יענע פּרא־אדמדיקע התפּעלות, די ווילדע פרייד? הײַנט, ס׳אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער ביז האַלבן נאַקעט, די צעשויבערטע קעפּ האָר, פּנים־גרימאַסן, די קאַליריקע עקסטראַוואַגאַנדע אַלט־נײַע פאַרביקע אָנטועכצן — איז דאָס נישט מאָדערנער פּרימיטיוויזם, ווילדער טעמפּאָ, שרײַענדיקע מעלאָדיעס — אַ השיבנו נאַזאַד. נישט אַנדערש — האָט ער איר געוואָלט איבערצייגן, אַלעקס, אַז אָט די אינסצעניזירטע שׂמחה, די סמיקע שיכּרות איז פאַרשרײַען דעם

פּחד פון אומבאַוווּסט־באַוווּסטזיניקן שלעכטס, וואָס קלאַפּט אין די טויערן פון טעג, פון הערצער אָפּגעגאַרטע, אַנטווישטע אין גאָט, אַן אַלדאָס גוטס וואָס זײַנע שליחים, די פאַלשע נביאים, מענטשן אין מאַסקעס, האָבן צוגעזאָגט.

האַלבשלעפעריק, האַלבוואַך איז זי געווען. די רייד זײַנע האָבן איר נישט געלאָזט קיין אויג צומאַכן. און ער — בײַ ס׳זײַניקע: איז דאָס נישט די אוראַלטע און אולטראַנײַע מוזיק, וואָס שרײַט אַרויס פון שטומען ווי און פּראָטעסט פון די לעצטע צוויי דורות, פון נאָכוווּקס אויף גאָטס ערד אונטער אומזיכערע הימלען: אַ בענקשאַפט צוריק צו יענע ערשטע, אייניקע הברות — די מאַמע פון וואָרט, ליד, פון לויבגעזאַנגען, תּפילות, פּיוט?

זי איז געווען די אָפּנעמעריין פון זײַנע רייד, צו מאָל ווייטאָק־דיקע רייד. צי אמת, צי ליגנט — נישט איר עסק. נישט אין איר געמיט צו טראַכטן דערוועגן. ער האָט אָבער מיט זײַן אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ אַ סך מיטגעפיל געוועקט בײַ איר. ס׳האָט איר ווי געטאָן אויף זײַן פאַרדראָס. זי האָט דעמאָלט נישט געאָנט, אַז דאָס קאָן אים, ווי מ׳זאָגט, אַראָפּפירן פון וועג.

מימי, דאָס איינטאָגיקע פלאַטערל, דאָס קאַליריקע. מיטן ערשטן צווייטן באַריר פאַרלירט עס דאָך די פאַרב... מימי, דאָס נעבטיקע ווערימל, אָנגעוואָקסן פליגעלעך — פליט עס. און ער, דער קלוגער, אינטעליגענטער מאַן אירער, יאָגט זיך נאָכן פלאַ־טערל. דאָס האָט ער דאָך איר די פליגעלעך אָנגעטאָן.

מיט גרויס ווייטיקלעכער הנאה קוקט זי אויף איר מאַן, אויף זײַן ראָסקאָשנעם אויסזען. זי האָט אים ליב. ליבט אים מיט דער שׂנאה און נישט פאַרגינערישקייט, וואָס נורטעוועט אין איר גע־מיט.

ער וועט אַוועק פון דעם פלאַטערל. ער וועט, ער מוז צוריק־קומען צו איר, זײַן ווײַב.

זי האָט אים ליב. זי באַדויערט, וואָס זי האָט אים ליב. ווי שוואַך זענען פרויען, ווי קורץ, ווי פאַרבײַלויפיק איז דאָס גוטע.

ווי אומפאַרמײַדלעך איז דאָס שלעכטס. מיט וואָס פאַר אַ שנעל־קייט מען איז נכנע, מען איז מוחל. זאָל ער נאָר קומען. איין גוט וואָרט פון אים, איין גוטע מינוט און שוין גנבעט זיך אַרײַן אין דער פאַרבענקטער נשמה די אילוזיע פון ליבע. גענוג אַ זשעסט, וואָס נאָר דער געליבטער ווייסט ווי אַזוי געווינען ס'האַרץ פון דער פרוי, און שוין איז זי גרייט איבערגעבן זיך אין די אָרעמס פון מאַן, אַרומנעמען אים. זי גלייבט דעם מאַן, וואָס „שטאַרבט" פאַר איר הײַנט פון גרויס ליבשאַפט און מאָרגן שטייט ער אויף תּחית המתים און דערקלערט זיך פאַר אַן אַנדערער אין „אייביקער ליבע".

„ווילסטו לאַנג ליב האָבן — האָב תּמיד ליב אַן אַנדערע" — האָט ער אַהיימגעברענגט אַ וויץ פון זײַנס אַ קאָלעגע, אַלעקס.

4

די צײַט האָט נאָך קיין איינציקע וווּנד קיינעם נישט, קיינמאָל נישט פאַרהיילט. ווער האָט זיי, די מענער, געלערנט ווי אַזוי אויס־ניצן די נאַטירלעכע איידעלע בענקשאַפט צום מענערישן צערטל, צו אינטימער פרײַנדשאַפט.

אַלעקס, אויפן דעק פון פּאַראַכאָד, אין יענער פײַנלעך־ליב־טיקער נאַכט בײַ דער שײַן פון אַ קאַלטער שפּאַצירנדיקער לבנה אויפן אָנהייב־האַרבסטיקן רוסישן הימל, זאָל אים האָבן, ווי אַ רוצח די ליבע־משוגעת באַפאַלן: „זאָג מיר, אַז דו האָסט מיך ליב, באַפעל וועל איך טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט וועלן".

אַן אויפגערעגטע זיצט פנינה אין שטוב. גייט כמעט נישט אַרײַן אין קיך, אַכיבע אַ גלאָז טיי, אַ לײַכטן ביס, עפּעס גרייטן פאַר שורה. זי אַרבעט שווער, שורה. צוויי מאָל אין דער וואָך בײַ אדון שחר, און בכלל געפעלט איר נישט דער „שידוך" מיט אים. פאַר־נומען מיט די שיעורים, גרייט זיך צו עקזאַמענס אויף מאַטורע. נישט זי עסט צו דער צײַט, נישט זי האָט אַ פרײַע שעה זען זיך מיט אַ חברטע, אַ תּלמיד, תּלמידים פון בית־ספר.

ווײַזט ער זיך אַרײַן, אַלעקס, איז אויף קורצע מינוטן, אַ האַלבע שעה, אויף אַ קאַלטן טרונק פון פרידזשידער. איז עפּעס דאָ אויפן טיש — עסט ער. נישט ער פרעגט, נישט זי רעדט צו אים. זי ווייסט: אַרויסגעוואָרפענע רייד. און אַז דאָס האַרץ איז פול מיט גריזאָטע? — האָט זי איין מאָל דערציילט שורהן, אַז איר אבא איז אייגנטלעך נישט קיין שלעכטער מענטש. פשוט: ער ווידמעט זיך ווייניק דער שטוב.

באשר איר אבאַס רייד די ערשטע יאָרן נאָכן קומען אין לאַנד.

ער איז געווען, ווי מ׳זאָגט, אין די פעדערן. ער איז נישט איינער — האָט ער געזאָגט — אויפן „יאַריד״, אַן אָגעלויף פון לאַנדלאָזע מענטשן, ייִדן, שׂרידים פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק. ייִנגערע און עלטערע פון אים זעט ער. אויך אַ נאָכוווקס, אַ שיינע פּרעכטיקע יוגנט. גוט געווען צו הערן פון אים אַזעלכע ווערטער.

— נאה דורש (ער דרשנט שיין) — האָט שורה אַרײַנגעוואָרפן און שטיל געבליבן זיצן.

— וואָס מיינסטו דערמיט, שורהלע?

זי מיינט אָקעגן איר באָס, אדון שחר. אויך ער רעדט שיין — האָט זי געוואָלט דער מאַמען זאָגן און זיך אָפּגעהאַלטן. קנאַפּע דרײַ יאָר אַרבעט זי בײַ אים. צוגעוווינט זיך צו מירהלען. מירהלע האָט איר אויך ליב. מיט אים זיך מכּלומרשט פאַרהיימישט. ער דערלויבט זיך צופיל, האָט לאַנגע הענט... ניין, זי וועט דער אמא נישט דערציילן:

אין אַ נאָכמיטאָג־שעה איז עס געווען פאַרן אָפּפירן צוריק מירהלען צו איר מאַמען.

— שורה, וואַרט אונטער עטלעכע מינוט, איכ׳ל מאַכן אַ קאַווע — פרעגט ער שוין נישט, נאָר כּמעט באַפעלעריש.

„איך בין שוין באַלד נישט קיין גימנאַזיסטין״ — האָט זי אים געוואָלט איבערשלאָגן די רייד. ער מעג צו איר רעדן ווי צו אַ גרויסער. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי טרינקט נישט קיין קאַווע און בכלל...

אָט גייט ער אַרויס פון אַטעליע, ציט אַראָפּ פון זיך ס׳פאַר־טעכל, גייט זיך וואַשן די הענט.

— מה פּתאום קאַווע? (וואָס פּלוצים קאַווע). איר ווייסט דאָך, אַז איך טרינק נישט קיין קאַווע — האָט זיך אין איר קול געהערט פּראָטעסט.

— זאָל זײַן אַ טיי. אפשר אַ לײַכטן ביס?

— איך בין נישט הונגעריק, אדון אלי, איך אײַל זיך אַהיים. ווידער זיצן זיי אין קיך בײַם טישל בײַ צוויי גלעזער טיי.

שורה, ווי איר טבע, שוויַיגט. זופּט די טיי און שוויַיגט. שתר זופּט די ווערטער:

— — — שורה, דייַן העל פּנימל האָט אַצינד די מראה פון אַ וויַיס־בלוילעבן הויך אויף אַ הענגל וויַינטרויבן.

— אַ באַרימטער מאָלער און רעדן רעדט איר ווי אַ פּאָעט — זאָגט זי האַלב איראָניש.

— און וואָס איז מאָלעריַי אויב נישט רעדן מיט פאַרבן, קאָלירן און ליניעס? מ׳קאָן אויך מיט פאַרבן שריַיבן לידער.

— אויב אַזוי קומט איַיך פאַר דער טיי אַ דאַנק.

— לבריאות, שורה.

זי האָט געשמייכלט.

זי איז אַזוי יונג און אַזוי שיין — זאָגט ער צו זיך — דאָס נישט וויסן, אַז זי איז שיין מאַכט איר נאָך סימפּאַטישער אין זיַינע אויגן.

מירהלע אין „סאַלאָן" האָט זיך אַפּנים פאַרשפּילט מיט דער מתנה, וואָס ער האָט איר געגעבן — אַ ליאַלקע מיט רויטע בע־קעלער און בלויע אייגעלער — וואָס די קליינע האָט געכאַפּט פון טאַטנס הענט און גלײַך אַנטלאָפן אָנפרייען זיך מיט דער מציאה. שורה האָט זיך אַ סברא אויך פאַרגעסן. אַ שמייכלענדיקע זיצט זי קעגן אליהו שתר דעם מאָלער אין אַ געמיטלעכן שמועס. אַ וואונדער איר אויף זיך אַליין, ווי גרינג זי זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „אליהו". סך־הכל איז זי — אמת ס׳לעצטע יאָר — אַ גימנאַזיסטין. ער וואָלט דאָך געקאָנט זיַין איר אבא. איז זי דאָך אויב אַזוי **עפּעס** אַז זי געפעלט אַן עלטערן מאַן, אַ קינסטלער. ער, קעגן איר שמייכלענדיק פאַרטראַכט פּנים, ווי ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען:

— ס׳קומט מיר נישט קיין דאַנק, מיידעלע. דו ביסט מיר נאָענט ווי אַן אייגן קינד — ענטפערט ער און — נאָך אַמאָל: געווען אַ טאַטע דאָרט אין רוסלאַנד. אַ מיידעלע האָט אים די

סיביריאַטשקע געבוירן. שוין אַוודאי הײַנט אַ גרויסע. ס׳צווײַטע יאָר איז איר געווען ווען ער האָט ביידע פאַרלאָזט. אָן אַ טאַטן געבליבן דאָרט זײַן טעכטערל.

און ווידער רייד:

— — — „יונג געווען, די כּוחות אַוועקגעגעבן, צעטרענצלט בײַ פאַרשידענע אַרבעטן. נישט געענדיקט שטודירן. געהאָלפן די עלטערן צו דער פּרנסה. איינער אַליין געבליבן. איינער פון אַ שטאָט ייִדן. דאָ אויך אַליין. שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק. קלאַראַ. ביידע שוין נישט קיין יונגע מענטשן. שפּעט חתונה גע־האָט. מירהלע איז געבוירן געוואָרן. זי האָט געמוזט געבוירן ווערן. קלאַראַ האָט געוואָלט אַ קינד. אויך ער האָט ליב קינדער. ער האָט ליב ליבע. געליבט ווערן און נישט ליב האָבן איז אַן אָפּקומעניש. אַ סברא, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער גליק ווי אין זוכן.

נאָענט, פּנים אל פּנים, זיצן זיי. כּלומרשט „פאַרגעסט״ ער, באַרירט מיט אַ האַנט איר קני, אַ גלעט און אַ כאַפּ צוריק די האַנט. זי שווײַגט, זי זוכט אַ וואָרט, כאָטש איין וואָרט. דערמאָנען אים, אַז זײַן האַנט איז אויף איר קני און זי גליטשט זיך אַרויף די האַנט, העכער, העכער... זי וויל אים נישט באַליידיקן, אויפרעגן. ער קאָן בייז ווערן. זי וויל אים נישט זען קיין בייזן. שמייכלט זי צו אים, שמייכלט פאַרלאָרן אים אין פּנים אַרײַן. ער זעט נישט. ער הערט נישט. זי דערמאָנט זיך אין מירהלען, וואָס האָט זיך דאָרט אין סאַלאָן פאַרשפּילט מיט דער מתּנה.

— מירי! — גיט ער אַ געשרײַ.

די קליינע לויפט צו צו איר. שורה הייבט זיך אויף פון בענקל, לאָזט איבער דאָס נישט דערטרונקענע גלאָז טיי און מיט מירהלען בײַם הענטל — אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן אויפן וועג צו קלאַראַ, מירהלעס אמא, האָט זיך שורה דערמאָנט, אַז זי איז גרייט געווען זאָגן:

— סליחה אדון שחר, איך איַל זיך, אַ סך שיעורים היַינט, די אמא וואַרט אויף מיר.

ס׳איז געווען אַ דאָנערשטיק נאָך מיטאָג. היבש שפּעטלער, קלאַראַ קלערט זיכער איבער. אויך איר אמא, אפשר איז אויך דער אבא אין שטוב. עטלעכע טעג נישט געזען דעם אבא. אָדער ער קומט שפּעט, ווען זי שלאָפט, אָדער ער גייט אַרויס פון שטוב ווען זי איז נאָך אין בעט. איר אמא, ס׳טוט איר ווי אויף איר לעבן, אויף איר גוטסקייט. אויף אירע ליַידן. אויך זי, שורה, ליַידט. אויפן וועג אַהיים פון בית־ספר חבר׳ה תלמידים, תלמידות שטעלן זיך אָפּ ביַים ערשטן קיאָסק: אַ קאַלטן טרונק, אַן איַיזקרעם, אַ שטיקל עוגה, אַ בייגעלע, אַ נאַש. זי גייט וויַיטער. וואָס וועט זי שטיין און גלאָצן מיט די אויגן, שלינגען די סליניע? צו מאָל פעלן איר עטלעכע שקל אויף אַ קאַיעט, אַ ביכל צו די שיעורים. זי שעמט זיך איטלעכס מאָל ביַי אַן אַנדערן צו באָרגן. אַז מען באָרגט דאַרף מען אָפּגעבן. זי האָט קיין מאָל מיט אדון שחר דערוועגן נישט גערעדט. זי שוויַיגט אויך ווען ער פרעגט איר ביַים אויסצאָלן דעם געהאַלט:

— האָסטו גענוג? אפשר אַ קליינע הוספה?

שורה ווייסט: אַפילו ווען ער טוט אַ טשעפּע מיט איר מיינט ער נישט איר שלעכטס. ער איז נישט ווי אַנדערע מענער, וואָס אַלע מיינען זיי דאָס זעלבע. — ער וואָלט זיך זיכער לאַנג נישט געלאָזט בעטן, אדון שחר דער דזשענטעלמאַן און באַהעם. ערשט, אַז זי האָט גוט באַטראַכט דעם ענין, האָט זי איַינגעזען, אַז זי טוט גוט. טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז נישט ווי אַלע, טאָר זי ביַי אים נישט בעטן קיין טובות.

דריַי טעג ביז מאָנטיק האָט שורה גענוג ציַיט געהאַט די זאַך איבערצוקלערן און באַשלאָסן, ווי גאָרנישט איז געשען וויַיזן זיך ביַי שחרן מיט מירהלען. אויך פאַר קלאַראַן, חלילה, אַ וואָרט אַרויסברענגען.

שחר איז אַ קלוגער מענטש. ער וועט פאַרשטיין. ער וועט

איר מוחל זײַן. כאַטש אַ טאָפּלט געפּיל האָט זי צו אים. אַ סימ־פּאַטישער מאַן, פריַינטלעך צו איר, וועקט נײַגער. אמת, די אמא וואָלט ליבערשט געוואָלט זי זאָל איבעררײַסן די אַרבעט און ווערן אַ פּקידה. אַ פּקידה און שוין. אויך צו די גלעזער טיי זיך צוגע־וווינט. זי שעמט זיך אָפּצוזאָגן. הערן אים איז אויך, ווי זאָגט מען, געוואָרן אַ רגילות. אַן אינטערעסאַנטער מאַן.

מאָנטיק אין לײַכטן קלעפּל אין טיר האָט שחר שוין געוווּסט: שורה.

— שלום אדון שחר.

— שלום שורהלע.

— זענט איר נישט בייז אויף מיר?

— ניין. ביסט דאָך געקומען.

שורה שמייכלט פאַרשולדיקט. קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. פאַרשעמטע בליקן. זי בלײַבט שטיין בײַ דער טיר.

— נו, קום נענטער. אַבי דו שמייכלסט.

— זענט איר נישט בייז אויף מיר? — חזרט זי איבער.

— ניין. נישט בייז.

למען האמת איז ער נישט זיכער געווען צי זי וועט צוריק־קומען. נאָך איר אַרויסגיין, אַרויסלויפן, מעג מען זאָגן, איז ער אַ מבולבולדיקער געבליבן שטיין. „אתה אדם מקסים" — קלינגען אים נאָך אירע ווערטער אין די אויערן און נאָ דיר — אַן אַ וואָרט אַרויסרעדן אַנטלאָפן. ווי עמעצער וואָלט איר אַרויסגעיאָגט. וואָס הייבט מען אַן צו טאָן — האָט ער זיך געפרעגט. אַ געדאַנק איז אים אַדורכגעלאָפן: נישט באַדאַרפט, נישט באַדאַרפט אַנהייבן מיט דער קליינער. נישט פאַר אים אין זײַן עלטער, אין זײַן מעמד. אַ קליין לאַנד ישראל. אַ קליין אַרט. אַלע קענען אַלע. מ׳ווייסט וואָס בײַ יענעם טוט זיך, הײַנט, חברים, קאָלעגן. אייגנטלעך וועגן חברים, קאָלעגן האָט ער זײַן טעאָריע:

ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער נשמה פון יעדן מענטש, מאַן,

פרוי, יונג, אַלט, איז דאָ אַ קליינער דזשונגל. געפילן, אַנונגען, מחשבות לויפן אום, שפּרינגען, ווי מאַלפּעלער אויף צווייַגן, פון צווייַג אויף צווייַג, פון בוים אויף בוים, זוכן שפּייַז, שלאָגן זיך איבער אַ בעסערן ביסן, מימתן זיך אָפּט. צו מאָרגנס, ווי נעכטן, האַלט מען זיך ווידער צוזאַמען, חברן זיך. אָט די ווילדעניש אין בן אדם האָט אַ סך מאָל די אויבערהאַנט איבערן ציוויליזירטן אַלצווייסער דעם האָמאָ סאַפּיענס. די אור־אור נעכטיקע מאַלפּע.

5

עטלעכע טעג אין משך פון צוויי וואָכן אין די מאַנטיקס און דאַנערשטיקס, צום ברענגען און אָפּפירן מירהלען, איז שחר נישט אַרויס פון דער אַטעליע. אַ געבויגענער איבערן „טיש", אַ נערוועז־קאָנצענטרירטער, דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן איבער דער פּאַ־ליטרע. אויף הינטערווייליכטס געפרעדט צו שורהן. מירהלען צו־גערופן צו זיך, זי געכאַפּט אויף די הענט, געפרייט זיך מיט איר. שורה, די ווילגעכאַוועטע צניעותדיקע שיינקייט, די דינגופיקע מיטן פײַנגעפאַרעמטן פּנימל, חנעוודיקן שמייכל, די קלוגע שורה האָט שטאַרק באַדויערט די נאַרישקייט, וואָס זי האָט אָפּ־געטאָן. ס'האָט איר פאַרדראָסן אויף זיך אַליין. ער האָט איר אַמאָל געזאָגט, שחר, אַז נאָר קלוגע קאָנען אָפּטאָן נאַרישקייטן. אַ נאַר ווערט מען דאָך געבוירן — קאָן מען צו אים קיין טענות נישט האָבן. ס'האָט זיך איר שטאַרק פאַרוואָלט מיט איר באָס אַ רעד טאָן, בעטן סליחה. ניין, נישט בעטן סליחה. זי הייבט זיך אויף, אַרויס פון סאַלאָן, ווו זי איז געזעסן, געוואַרט ביז שחר וועט זיך אָנפרייען מיט מירהלען, גייט אַרײַן אין אַטעליע און פרעגט:

— אדון שחר, מאַכן אַ טיי, אפשר אַ קאַלטן טרונק?

געהערט דאָס פון שורהן, האָט אליהו שחר איר פון איבער דער פּלייצע געענטפערט:

— שטער דיר נישט, שורה. פיר צוריק מירהלען, דאַרפסט אוודאי זײַן אין דער היים.

און זי שטייט אַזוי נאָענט פון אים, נכנע. אין דער אַטעליע איז ליכטיק, אַלע לאָמפּן אין אַלע חדרים אַרויסגעדרייט ס'ליכט. וואָס שטייט זי נאָך דאָ?

די נאַענטקייט, ס'שטילע פרעגן: „אדון שחר, מאַכן אַ טיי, אפשר אַ קאַלטן טרונק?" — האָט אין אים באותו רגע אַנגערירט עפּעס אַ סטרונעלע: אַן אַלט־נײַ סטרונעלע פון דער היים, וואָס ער האָט געהערט פון זײַן מאַמען:

ער האָט דאָס סטרונעלע געצויגן, געצויגן,
האָט ס'סטרונעלע געפּענקעט, געפּענקעט.
פאַר וואָס האָסטו ס'טרונעלע געצויגן, געצויגן —
דערפאַר איז דאָס סטרונעלע געפּענקעט, געפּענקעט.

ער איז מוחל. מוחל — האָט ער צו זיך געזאָגט. אַ חרטה־געפיל, אַ פאַרדראָס אויף זיך האָט אים אַרומגענומען. „נישט באַדאַרפט פאַרדרייען אַ קאָפּ דער תמימותדיקער שורה. שחר, אַלטער נאַר, טאַטע פון אַן אַכט־נײַן יאָריק מיידעלע. דאָרטן אין רוסלאַנד, אויב לעבט זי, וואַלאַ (ער קלערט גאָר אַנדערש נישט, אַז זי לעבט) — דאַרף זי שוין זײַן אַ גרויסע, אפשר אַ מאַמע, און ער — אַ זיידע. מירהלע, אָט־אָט ענדיקט זי דעם בית־ספר. מיט יעדן טאָג פון איר וואַקסן — ווערט ער עלטער. ער איז נישט אין גוסט פון דער סאַברע, שורה די מאַרגנפרוי. ער איז אַ דאַר־טיקער. הינטער אים — אַן אָפּגעבערענטע, אויסגערויכערטע וועלט. אַליין איז ער דאָ. וווּהין פירט זי די אַליינקייט? אַרײַנלאָזן זיך איצט אין אַ ליבע־אַוואַנטורע?

ער הייבט אויף די אויגן. זי שטייט נאָך לעם אים. מ'דאַרף מירהלען צוריקפירן צו קלאַראַ, און זי, שורה, האָט נאָך אַוודאי קיין מיטאָג נישט געגעסן. איר העל פנימל כאַפּט אַצינד די מראה פון אַן אַבאַזשור בעת פון אינעווייניק שלאָגט אַרויס אַ העלבלויע ליכטיקייט. סאַברע, זיסע־טערבקע, קום נענטער — האָט זיך אים שיער נישט פאַרוואָלט זאָגן — איך וויל דיר אַ קוש טאָן. און געזאָגט האָט ער:

— אַ דאַנק, שורה, מיר'ן טרינקען אַ צווייט מאָל.

מירהלע, ווו איז מירהלע — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי

פון אַ חלום; אַ נאַרישער חלום אויף דער וואָר. אַזוי שיין אונ־טערגעוואָקסן זײַן מירהלע. אָט שטייט זי דאָך לעם אים און ער האָט זי נישט געזען. מירהלע, ס'פּנימל — ברונעט — פון טאַטן, פון דער מאַמען — העלע הערלער, אַ העלקייט וואָס דערמאָנט אין בלאָנדן קאָפּ האָר פון מאַרישען, זײַן ערשטע פרוי. מיטן קורצן שיקסעוואַטן נעזל איז זי געראָטן אין זיך אַליין.

ווינטשט ער זיך נישט, אַז מירהלע זאָל שיין אויסוואַקסן, ענדיקן גימנאַזיע, אפשר אוניווערסיטעט, באַקענען אַ לײַטישן אינטעליגענטן בחור און נישט עפּעס אַן אַלטן יונגערמאַן, אַ מאָ־לער, אַ באָהעם, וואָס יאָגט זיך נאָך אַ פּאַרלאָרענער וועלט, נעכטיקע טעג, זוכט וואָס איז נישט בנמצא און מאַכט מבולבל אַ יונג, שיין, תמימותדיק מיידל?

6

די עטלעכע טעג וואָס שורה איז נישט געווען האָט שחר נישט קיין צײַט געהאַט עפּעס טאָן אין אַטעליע. ער האָט אויך נישט געוווּסט צי וועט זי דאָס מאָל צוריקקומען. צי דאַרף ער אַ טראַכט טאָן וועגן אַן אַנדערער אויף איר אָרט. נאָך שורהס ווידער זיך באַווײַזן, האָט ער פרײַער אָפּגעאָטעמט. שוין שטייט ער ווידער אַ געבויגענער איבערן „טיש".

הייסע טעג. די ערשטע טעג אין אלול און די היצן האַלטן נאָך. אַ דושנע אוויר אין דרויסן. דורכן פאַרמאַכטן פענצטערל זעט ער דעם קופּער־געלן הימל. אַ ביימל פון קעגנאיבערדיקן טראָטואַר שטייט, ווי פאַרגליווערט. צווײַג, בלעטל גיט זיך נישט קיין ריר, ווי אויף אַ גאָבעלין.

מאָרגן קלערט ער זיך צוכאַפּן צום ים. אָפּפרישן זיך, אויס־גלײַכן דעם רוקן, אײַנאָטעמען אַביסל פרישע לופט. בעת דער אַרבעט פילט ער נישט די מידקייט, פאַרגעסט זיך. לייגט ער אַוועק דעם פּענדזל, גריפל'ס, ציט אַראָפּ פון זיך ס'פאַרטעכל, נעמט זיך וואַשן די הענט — באַפאַלט אים אַ ווילן צולייגן, אָפּרוען זיך. דאָס איז צום בעסטן בײַם ים.

אויף די נעכט זענען אומרויִקע. ער שלאָפט שלעכט. ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און קיין שלאָף נעמט נישט. ווען יאָ — איז ער האַלב וואַך האַלב פאַרשלאָפן. אַ מישמאַש אין מוח. רק עס דאַכט זיך אים, אַז עפּעס האָט ער פאַרגעסן בײַם „טיש": קירצן אַ ליניע, רעטושירן אַ ווינקל, דאָ און דאָרט — אַ שמיר. ער מוז עס תּיכף טאָן אַזיסט כאַפּט ער אַ דרימל און אַלץ פאַלט אַראָפּ אין דער שיכחה. נישט איין מאָל שפּרינגט ער אין מיטן

נאַכט אַראָפּ פון בעט עפּעס פאַרריכטן און תּוך כּדי פּאַלט אים איַין אַ נײַער געדאַנק, וואָס שוין ליגנדיק אין בעט לאָזט עס אים נישט אָפּ. ס׳פּעלט נאָר אַ קריי פון האָן זאָל אים דערמאָנען, אַז די נאַכט עקט זיך.

אגב, מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט שורה ווי מיט אַ רמז געגעבן אים אָנצוהערן, אַז זי וואָלט אַ בעלן געווען צוכאַפּן זיך צום ים. אַ ים קאָסט געלט, מ׳דאַרף אויך האָבן צײַט. זי האָט נישטביידע. אויך איז איר נישט אָנגענעם — אַ מיידל אַליין בײַם ים, בפרט אין די נאָכמיטאָג־שעהען.

שחר איז נאָך אַלץ אויפגעהייטערט פון לעצטן מאָל מיט היבשע עטלעכע וואָכן צוריק. ווען זי, שורה, האָט אים אָנגעבאָטן גרייטן פּאַר אים אַ טיי, אַ קאַלטן טרונק. געררירט כּאילו פון איר „סליחה" האָט ער פאַרגעסן אין אַלץ, אין אַלעמען, וואָס צווישן אים און איר איז געשען.

אַ מאָנטיק, אַזייגער פינף־זעקס צום צוריקפירן מירהלען צו איר מאַמען, איז ער שוין געווען אַרויס פון דער אַטעליע, אָנעם פּאַרטעבל, אַרומגעוואַשענער, גרייט אַרומכאַפּן מירהלען, אויס־קושן איר די הענטלעך, ס׳פּנימל. שורה שטייט מיט איר בײַ דער טיר. ער געזעגנט צו ביידע. מירהלע שטייט לעם שורהן. שחר בייגט זיך אַראָפּ צו דער קליינער, נעמט זי אַרום בעת זײַן קאָפּ איז אָפּגעדרייט צום פּנים פון שורה איבער מירהלען. פּנים אל פּנים גיבן זיך זײַנע ליפּן אַ ציִ צונויף אויף אַ קוש, מכּלומרשט מירהלען, אָבער שורה זעט, אַז ער מיינט איר אַ קוש טאָן. זי פילט דעם הייסן אָטעם פון זײַן מויל, ליפּן קעגן ליפּן. אַ קליין פּאַסיקל לופט טיילט זיי אָפּ. שורה האָט פּלוצעם אַ ריס געטאָן זיך פון אָרט, געלאָזט דעם טאָטן מיט דער קליינער, געעפנט די טיר און — נישט געוואָרן.

אַ דערשטווינטער, אַ פּריטשמעלעטער איז ער שטיין געבליבן. מאָנטיק אָוונט. מירהלע דאַרף אַצינד זײַן בײַ איר מאַמען. און מאָרגן, איבערמאָרגן, און דאָנערשטיק? און וואָס ווײַטער? דאַכט

זיך חרטה געהאַט אויפן לעצטן מאָל אַנטלויפן אָן אַ וואָרט אַרויס־רעדן. אייגנטלעך האָט ער דאָך דערוועגן ערנסט אַ טראַכט געטאָן און — נאַ דיר, ווי מ׳זאָגט, אַ פּאַטש אין פּנים.

אַ, די שיינע יונגע שורה, די יונגע אומגעדולדיקייט. „אתה אדם מקסים״. זי האָט דאָך אים ליב צו הערן. העכער דרײַ יאָר קומט זי צו אים אין שטוב אַרײַן. אַ טיי צוזאַמען געטרונקען, דאַכט זיך חרטה געהאַט אויף איר התנהגות. געמיינט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ דערוואַקסן מיידל, אַ קלוג מיידל. פאַרשטייט אים. און אפשר טאַקע דערפאַר, ווײַל זי איז שוין אַ דערוואַקסן מיידל, באַלד איר אַכצן יאָר. אַדרבא: ער האָט איר ברמז און אָפן איין מאָל אויפגעקלערט: נישט קיין שמחת־בשׂרים זוכט ער בײַ פרויען. פאַרקערט, דערהייבן ס׳ערדישע צו הימלישער מדרגה — מיינט ער. ליבע איז דער טיפער זין פון לעבן, ס׳איז די מעטאַפיזישע פרייד פון גאָט אַליין צוגעטיילט געוואָרן דעם בן אדם און אוודאי דעם קינסטלער, דעם בלאָנדזשענדיקן גרויסן קינד אין זײַן עקשנותדיקן זוכן זײַן תּיקון אין דער בריאה. ער פאַראַכט קיינעם נישט. אַ געגעטער מאַן איז ער. נישט וועגן אינטימע באַציאונגען טראַכט ער, בפרט ווען זי, שורה, קאָן שוין באַלד זײַן זײַן טאָכטער. ריין ווי איר גוף און נשמה, ריין ווי אַ טרער פון אַ קינד זענען זײַנע כּוונות. און צו זיך האָט ער בשעת מעשׂה, נישט אָן באַדויער געזאָגט (געדענקט אַ זאָג פון אַ פראַנצויזישן פילאָזאָף):

„פון דער יוגנט היילט מען זיך קיינמאָל נישט אויס.״

וועט זי דאָס מאָל צוריקקומען? שווער אים געבן זיך אָן ענטפער דערויף. צו מאָרגנס איז זײַן פּוס אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אין דער אַטעליע. ער האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבער־געלייגט די זאַך: „אפשר פילט זי זיך נישט גוט, קראַנק? איז דאָך דאָ אַ טעלעפאָן״. ער האָט דאָך אַ ברירה צו זוכן אָן אַנדערע אויף איר אָרט. זי דאַרף דאָך אויך די שקלים וואָס ער צאָלט איר רעגולער צוויי מאָל אין חודש. איז אויך גרייט איר געבן

אַ הוספה, אַפילו אַ הלוואהלע. חוץ דעם ווייסט זי וויל, שורה, ער האָט עס איר אָפטמאָל געזאָגט: נאָכן גט איז ער אַרויס פון שטוב מיטן פענדזל און דער פּאַליטרע אין האַנט אויף נישט איבער־טרעטן קיינמאָל מער די שוועל פון דער דרײַצימערדיקער וווי־נונג — אַ מתּנה צו די אַלימענטן, וואָס ער צאָלט אויס יעדן חודש. דאָ אין דאַר־דירהלע זיך אײַנגעמאָסטעט. די פּאַליטרע און מירה־לע — זײַן האָב און גוטס.

שורה ווייסט אויך גוט — פון זײַן מויל ווייסט זי — אַז נאָך דער צווייטער פּרווו, ס׳צווייטע קינד וועט ער אַזוי גיך אָדער בכלל נישט חתונה האָבן.

נו שוין זשע גיט זי נישט אַ טראַכט, אַז זי האָט אָפּגעטאָן אַ זייער מיאוס שטיקל אַרבעט?

שורה, שורה די מאַרגנפרוי — אָט צוואָס זיי זענען פּעיִק. און ער, דער אַלטער יונגערמאַן, דער אַלצווייסער, ליבע, ריינע ליבע זוכט ער. ווייסט ער נישט, אַז דאָס איז נישט בנמצא?

אוי, אַלטער פאַרליבטער נאַר — זאָגט ער צו זיך — און ווידער זיך דערמאָנט אין אַ קלוגן זאָג פון אַ חכם: „יוגנט איז אַ שיינע זאַך, אַ שאָד נאַר וואָס זי איז אין יונגע הענט״.

7

אויפֿן דריטן טאָג באַשלאָסן אָנקלונגען צו שורה. אויב איז אַלץ אין אָרדענונג האָט אויך זי צײַט געהאַט דרײַ טעג אַ טראַכט טאָן, אַז אייגנטלעך ווערט זי אָן די אַרבעט אין וואָס זי נייטיקט זיך זייער. די לאַגע אין שטוב, ווייסט ער, איז נישט אַזוי פֿויגלדיק סײַ מיט פּרנסה, סײַ מיט... נישט זײַן עסק. זי האָט קיין סך וועגן פֿאַמיליאַרע ענינים נישט געוואָלט רעדן, שורה. הײַנט, די געוווינ־שאַפֿט אירע צו מירהלען? אויך מירהלע האָט איר ליב און זי ווייסט עס. איז וואָס, צום טײַוול, איז געשען?

בײַם ערשטן קלונג איז קיינער אין שטוב נישט געווען. דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט האָט ער נאָכאַמאָל געקלונגען.

— ווער רעדט, צו וועמען דאַרפֿט איר? — האָט זיך געהערט אַן עלטערע פֿרויען־שטימע.

— צו שורה דאַרף איך, אליהו שחר.

— אָ, אדון שחר, איך בין איר מאַמע.

— זייער אָנגענעם. פֿאַר וואָס קומט זי נישט, שורה?

— וואָסי, זי קומט נישט צו דער אַרבעט?

— ניין, שוין דעם דריטן טאָג. איז זי אפֿשר נישט געזונט.

— ניין, חלילה. איך ווייס גאָרנישט דערפֿון.

— פֿון וואָס ווייסט איר נישט?

— אַז זי גייט נישט צו דער אַרבעט, אדון שחר, אַ גרויס וווּנדער מיר.

— מיר אויך.

— גאָרנישט געזאָגט. אַ קנאַפּע ריידעריין מײַן טאָכטער. נישט אַלץ דערציילט מען אַ מאַמען.

— כ׳וואָלט וועלן מיט איר איבעררעדן.

— אדרבא. פאַר וואָס נישט, איך מיין — — —

ער נייטיקט זיך אין איר — רייסט ער איר איבער אין מיטן — ער וואָלט וועלן שורה זאָל ממשיך זײַן. ווען נישט וועט ער זוכן אַן אַנדערע. עס קומט איר אויך בײַ אים עטלעכע שקל. אפשר אַ הוספה? ער איז גרייט איר העלפן מיט הוצאות אין אוניווער־סיטעט. פאַר וואָס ווײַזט זי זיך נישט?

פנינה, למען האמת, האָט באַמערקט אין שורהס דרייען זיך אין שטוב אין די שעהען, וואָס זי דאַרף זײַן בײַ דער אַרבעט, אַז עפּעס איז זי נישט מיט אַלעמען. אַ מאַמע ווייסט, אַ מאַמע פאַרשטייט אַן ענין. זי דאַרף נישט פרעגן. איר דאַרף מען נישט דערציילן. זי האָט אויך נישט געוואָלט שורהן מצער זײַן. אַוודאי, ווען איר טאַטע וואָלט מיט איר איבערגערעדט, אַ טאַטנס וואָרט איז אַ וואָרט. איז ער דאָך קיינמאָל נישט אין שטוב. אין די שעהען, וואָס ער איז יאָ דאָ — איז זײַן קאָפּ נישט דערבײַ.

צוריקגעשמועסט — האָט פנינה צו זיך געזאָגט — במילא איז זי נישט אַזוי צופרידן פון דעם „שידוך". אַ פּקידה וואָלט אפשר געווען די גלײַכסטע זאַך. אדון שחר דער דזשענטעלמאַן, דער, ווי שורה רופט אים, באַהעם, איז ווי זאָגט מען „נישט קיין מחותּנים און נישט קיין מזומנים". די העכסטע צײַט צו מאַכן אַ סוף דערצו.

אָבער דאָס שווײַגן, דאָס שווײַגן שורהס פאַרשטייט זי נישט. הײַנטיקע קינדער.

שחר האָט פאַרשטאַנען, אַז שורהס מאַמע וואָלט נאָך גע־וואָלט רעדן. מאַלע, וואָס אַ מאַמע וויל רעדן. ער האָט נישט קיין צײַט — האָט ער געזאָגט — געדאַנקט און געבעטן נישט פאַר־געסן זאָגן שורהן זי זאָל אַרויפקומען.

אויפן דריטן טאָג, דאָנערשטיק, האָט שורה זיך אַרײַנגעוויזן. געבליבן שטיין בײַ דער טיר. אויף שחרס „שלום, מה איתּך?" (וואָס איז מיט דיר) — האָט זי געענטפערט:

— שלום אדון שחר.

— גוט וואָס ביסט געקומען, מיידעלע.

זי שווײַגט. קוקט אַראָפּ אויף זיך מיט אַ פאַרלאָרענעם בליק, האָט נישט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. שחר קוקט אויפן האַנט־זייגערל און זאָגט:

— שוין צײַט צו ברענגען מירהלען.

— זאָל איך גיין זי ברענגען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע, צוליב וואָס ביסטו געקומען?

— פרעגן צי האָט איר נישט קיין אַנדערע אויף מײַן אָרט.

— דערווייל נישט. וואָס איז מיט דיר?

זי שווײַגט.

— אַ שאָד די צײַט, שורה, גיי און קום.

— מאַך איך אײַך צרות?

— נישט אַצינד די צײַט צו רעדן דערפון.

— זענט איר נישט בייז אויף מיר?

— ניין. נישט בייז. זייער שיין פון דײַן זײַט, וואָס ביסט געקומען. אָוועק אָן אַ פאַרוואָס.

— אָן אַ פאַרוואָס?! — האָט זי כּמעט אויסגעשריגן.

קעגן איר שטייט שחר אין אַ פאַרלעגנהייט. געמיינט זי אַרײַנבעטן אין „סאַלאָן", איבערכאַפּן עטלעכע ווערטער. דער צעצויגענער „אָ ן אַ פ אַ ר װ אָ ס" האָט אים דאָס לשון אָפּגענומען. נישט איר טבע אַזוי צו רעדן און סאַראַ טאָן. כּאילו ער איז שולדיק, נישט זי מיטן איבערלאָזן אים גאַנצע דרײַ טעג אָן אַ וואָרט, אָן אַ קלונג. (דרײַ טעג געמוזט גיין אין בית־ספר אָפּנעמען ס׳קינד, פירן צו דער מאַמען, צו זיך און ווידער צו דער מאַמען. ס׳איז פאָלג מיך אַ גאַנג. הײַנט, פּנים אל פּנים מיט קלאַראַן? אין אַטעליע קיין פּוס נישט אַרײַנגעשטעלט. זי ווייסט גאַנץ גוט, שורה, וואָס דאָס באַדײַט פאַר אים) און — נאָ דיר „אָ ן אַ פ אַ ר־ װ אָ ס".

צו לאַנג האָט אָנגעהאַלטן ס'שווײַגעניש פון ביידע. ווידער הערט ער איר קול נישט נאָכלאָזנדיק פון טאָן:

— איר האָט גערעדט מיט מײַן אמא, אדון שחר?

— יאָ, גערעדט מיט דײַן אמא. צוויי מאָל געקלונגען. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. אין אָוונט גערעדט מיט איר. איז צוואָס שטיין בײַ דער טיר? קום נענטער אָדער גיי שנעלער, שוין שפּעט.

— אָט גיי איך, אדון שחר, כ'וואָלט נאָר וועלן פריִער עפּעס פרעגן.

— בבקשה.

— איר'ט גערעדט מיט מײַן אמא „אפשר אַ הוספה, גרייט העלפן מיט אוניווערסיטעט־הוצאות". מה פתאום? ווילט איר מיך קויפן? בין איך אַ חפץ, אַ זאַך צו פאַרקויפן? אַ טעות, סליחה אדון שחר — און אויסגעדרייט זיך מיטן פנים צו דער טיר, גע־עפנט זי און אַרויס פון שטוב.

8

שורה האָט געזען וואָס איר מאַמע לעבט איבער. געזען און געשוויגן. איינמאָל נאָכן נאַכטעסן, ביידע אין קיך בײַם טיש, האָט פנינה גענעפנט ס׳מויל. שטיל, טרויעריק פאַרטרוילער האָט געקלונגען איר קול:

— טאָכטערשי, ביסט שוין אַ גרויסע, אַכצן יאָר דיר געוואָרן ביז הונדערט און צוואַנציק. מעגסט וויסן...

— כ׳ווייס, אמא, כ׳זע, כ׳בין דאָך אין שטוב — רײַסט זי איר איבער — געוואָלט מיט דיר רעדן, איבערפרעגן פאַר וואָס זעט מען אַזוי ווייניק דעם אבא אין שטוב?

— ס׳באַדאַרפט אים פרעגן, ביסט דאָך זײַן טאָכטער.

— איך זע אים דאָך נישט, דעם אבא. און דו זיצסט אין די אָוונטן אין דער פינצטער. ערשט אַז איך קום אַרײַן דרייסטו אַרויס ס׳ליכט.

— אויך איך זע אים ווייניק דײַן אבא.

— איז פאַר וואָס שווײַגסטו?

— שווײַגן איז גאָלד, טאָכטער. וואָס וועל איך גיין מאַכן ס׳לײַטישע געלעכטער? שטויות, נאַרישקייטן טוט ער אָפּ דײַן אבא.

— ער איז ווי אַלע מענער, אמא. אויך מײַן באָס מאַכט ס׳לײַטישע געלעכטער, אדון שחר.

— איך פאַרשטיי נישט, שורה. איז פאַר וואָס שווײַסטו?

— אָט רעדן מיר אַצינד. איך בין אויך אין שטוב האָט מען צײַט צו רעדן.

— זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ, דײַן אבא. ער וועט מיד ווערן. ער וועט צוריקקומען.

— איך וועל נישט צוריקגיין צו אדון שחר. אַ סך שיעורים, עקזאַמענס. מאַטורע.

— מ׳קאָן נישט אַנטלויפן סתם אַן אַ פּאַרוואָס, שורה.

— אָן אַ פּאַרוואָס, מיט אַ פּאַרוואָס. דאגה נישט, אמא, ער ווייסט פּאַרוואָס, אדון שחר...

ווידער אַ שווײַגן.

שורה איז אַרײַן אין איר חדר. פנינה איז געבליבן זיצן אין קיך. ווי קאָן מען רעדן פאַר אַן אייגן קינד — זאָגט זי צו זיך. אויך שורה, זעט זי, איז נישט אויפגעלייגט צו רעדן, הערן רייד וועגן איר אבא. זי דערטראַכט זיך, פנינה: עפּעס איז מיט איר געשען. אַ שוואַרצע קאַץ, ווי מ׳זאָגט, איז איבערגעלאָפן צווישן איר און אדון שחר. די לעצטע טעג דרייט זי זיך אַרום ווי אויף דעם עולם התוהו. איר טאַכטערס פּנים, דאָס שיינע פּנימל, גע־פעלט איר נישט. זי וואָלט איר געוואָלט זען אַ פריילעכע, חברים, חברטעס פון בית־ספר זאָלן צו איר קומען, מאַכן צוזאַמען שיעו־רים. אַ מיידל זאָל אַמאָל אַ לאַך טאָן, גיין אין אַ קינאָ. זי לערנט זיך גוט. אויף אַן עלטערן־אסיפה אין בית־ספר הערט זי די מחנכת, דעם מנהל פון בית־ספר ווי זיי לויבן, לויבן אויס איר טאָכטער. אַ פול מויל מיט שבחים האָט די מחנכת. שורה, זאָגט זי, דאַרף ממשיך זײַן די לימודים, אוניווערסיטעט. זי האָט אַ גוטן קאָפּ. אַ ווילע תלמידה. ס׳זאָל איר טאָטן אינטערעסירן — זאָגט זי ווידער צו זיך — אָט ענדיקט זי דעם תיכון, צײַט אַ טראַכט טאָן. אדון אַלעקסאַנדער איז אַ פּאַרנומענער מענטש...

✶

גייט אַזאַ שטייגער אויסגעפּיאַקעוועטער מאַן געשעפטלער — תמיד געשעפטלער — שפּאַנט מיט ענערגישע טריט, האָט אַ טבע אומקוקן זיך רעכטס, לינקס, אַט ווערט אים עמעצער פון די באַ־קאַנטע חברים, פרײַנד אָפּשטעלן, אַננעמען היימישלעך בײַ אַן אָרעם, גוטברודעריש אַ קלעפּל טאָן אין פּלייצע:

— איז וואָס הערט מען, אַלעקס?

— בסדר, אין אָרדענונג.

— וואָס עפּעס אַליין, אַלעקס?

— ענינים, געשעפטן.

— און פּנינה וואָס מאַכט?

— איך איַל זיך, אפרים.

— ווהין אַזוי אויסגעסטראָצלט?

— דאָס זענען מײַנע אַרבעטס־קליידער, שוטה.

גייט יענער אַוועק אָבער נישט פריִער, ווי ער לייגט צו אַ פינ־גער אונטערן רעכטן אויג מיט אַ קוועטש און אַ צי אַראָפּ און מאַכט אַ מינע, ווי איינער רעדט:

— באַרעסט, האַ, אַלעקס?

מאַכט זיך שוין אַזוי, אַז נאָך איינער טרעפט אים:

— שלום,אַלעקס.

— שלום ברוך.

— אַליין, תּמיד זעט מען דיך אַליין. דײַן ווײַבל וואָס מאַכט?

— בסדר. אין אָרדענונג.

— און דו מאַכסט אַ לעבן?

— טיפּש.

— ביסט אַ חכם.

אַלעקס דרייט זיך אָפּ. גייט ווײַטער. זיי רעגן אים אויף זײַנע באַקאַנטע, חברים. גיב זיי אָפּ ראַפּאָרט. אַ טבע מישן זיך אין נישט זייערע ענינים — זאָגט ער צו זיך. גיי דערציייל זיי וואָס מאַכט מײַן ווײַבל. אַט וואָס ליגט זיי אין קאָפּ. פון דעסטוועגן אַרט עס אים, ס׳פאַרדריסט — טראַכט ער — און גייט זײַן וועג. אייגנטלעך, וואָס האָבן זיי צו אים? מקנא? „אויסגעסטראָצלט״, „מאַכסט אַ לעבן״. משטיינסגעזאָגט. — אָבער ער איז פאַרט נישט אין אָרדענונג — הערט ער אַ קול, זײַן אייגן קול. פון אינעווייניק קומט דאָס קול:

„ביסט אַ פאַררעטער.״

בלייבט ער שטיין אַ סעקונדע, אַלעקסאַנדער, אַ מעלאַנכאָליש־פאַרטראַכטער, קוקט זיך אַרום, גיט זיך אַ האַלב־מיושבדיקן קראַץ אין דער פיאה, פרעגט זיך:

„בין איך אַ פאַררעטער, צי בין איך עס נישט?״

מער ווי איין מאָל זיך שוין געפרעגט די דאָזיקע פראַגע און ערגעץ זי פאַרשטויסן. ער האָט נישט קיין ענטפער אויף איר. איז ער דאָך אויב אַזוי נישט אין אָרדענונג. ליגנט ער דאָך. אַ געשפּאָלטענער איז ער, אַ צעצווייטער איז ער, נישט קיין גאַנ־צער מענטש. אָ, ווי שווער ס'איז צו זײַן אַ מענטש...

למשל אַזאַ באַגעגעניש:

אַנומלטן גייענדיק אויף דער שפּאַציר־טעראַסע נעבן ים־ברעג — אָפּגערעדט זיך מיט מימין, וואָס אַוודאי פאַרשפּעטיקט — קומט אים אַקעגן אַ הויכפּיסיקע מאַנעקיניש־דינע דאַמעטשקע. מיט אַ פאַרפאַמעלעכטן טראָט, ווי אַ בושל איבער אַ בלאָטע, שטעלט זי די הויכע פיס. בײַ איר רעכטער זײַט — נאָך איינע, אַ קורצע, פוללײַביקע מיט אַ ליאַלקע־פּנימל, נידעריקער פון יענער מיט אַ קאָפּ, ווי אַ צוגעפּליישטער צום פּעטן האַלדז. ביידע לאָזן אים פאַרבײַגיין אין מיטן צווישן זיי. די הויכפּיסיקע בײַגט זיך צו אים צו און רוימט אים איין אויפן אויער:

— קלויב זיך אויס וועלכע דו ווילסט.

איידער ער האָט געפונען ס'פּאַסיקע וואָרט איר צו ענט־פערן — האָט די צווייטע צוגעגעבן מיט אַ הייזערדיקלעך־מענערישע שטימע:

— זעסט דאָך. ער האָט נישט מיט וואָס...

*

שאַרפער ווי די שווערד פון פאַרראַט איז די שווערד פון בושה. אַ בושה און אַ חרפּה. די שכנים, און ווער ווייסט נאָך ווער, ווייסן, וואָס צווישן איר און אַלעקסן קומט פאָר. זי האָט פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, חוץ פאַר שורהן, איר

אייגן קינד, נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט דריקן אין זיך די גריזאָטע. אַ סוד — ווייסט פנינה — האָט אַ טבע קוים ווייסט נאָך איינער — וויסן אַ סך. אַצינד, ערשט אַצינד לייענט פנינה אַרויס פון אַלע־מענס אויגן מיט ווערמען זי טרעפט זיך, אַז אַלע וויסן. דער גרעס־טער ווייטיק איז וואָס איר איינציקע טאָכטער ווייסט אויך און ביז איצט געשוויגן.

אַ פרוי, בפרט אַ פאַרראָטענע, האָט אַ פאַרשאַרפטן חוש. סייסמאָגראַפיש כאַפּט זי אויף די מינדסטע לופט־וויבראַציעס. אַזאַ פרוי האָט אַ זעקסטן חוש און ווער ווייסט נאָך אַ וויפלטן חוש, וואָס האָט דערווײַל קיין נאָמען נישט. אַזאַ פרוי פאַרשטייט מער וויפל זי ווייסט. דעם ווענד אין אַלעקס התנהגות האָט פנינה אַ סך פריִער דערשפּירט: אַן אינסטינקטיווע שפּירונג פון אַ גע־שלאָגענער חיה. און ווײַל זי האָט געשוויגן, פאַרשוויגן — האָט עס געבוויערט אין מוח, ווי אַ צאָנווייטיק. קיין שום ציינדאָקטער האָט צו אַזאַ ווייטיק נישט קיין רפואה.

ערגער פון אַלץ איז ווען דער ווייטיק יאָוועט זיך אויפן פנים, אויפן שטערן. פנינהס שטערן — אָקערשט אַ געוואַשענע שויב, אַ גלאַטיקע. און אָט קוקט פון שפּיגל אַרויס אַ פנים אַן ענלעכס אויף אירס, אָבער אַזוי געעלטערט, אַז ס'איז שווער צו דערקענען, פון ביידע זײַטן מויל — שאַרפע, דינינקע קאַרבן. בעתן עפענען ווערן פון די קאַרבן קנייטשעלעך. צוויי טיפע ווערטיקאַלע שניטן אויפן שטערן, וואָס געווייִנטלעך טרעפט מען ביי מענער. אויפן פאַררונדיקטן כמעט מיידלשן גאָמבעלע — אַ שניט אין דער ברייט. אויפן הויכלעכן האַלדז סימנים פון הויט־קנייטשן. אַ, ווי אכזריות־דיק די נאַטור טוט איר מלאכה. אַזוי אומברחמנותדיק פאַר־וואַנדלען אַ יונג שיין פנים אין אַן ערב־זקנה. אוודאי איז אויך שול־דיק דער קלימאַט. אַ שווערער קלימאַט דאָ. אַריבער פינעף און צוואַנציק יאָר און נאָך אַלץ שווער זיך צוגעוווינען — וויל זי זיך טרייסטן. אויך אין חודש אלול האַלטן אָן די היצן. אלול — פּוילישער „גאָלדענער האַרבסט”. אָקערשט נעכטן איז עס געווען.

אַ יונגע, אַ גרינגע איז זי מיטן ראַנצל אויף די פּלייצקעס געלאָפן אין שקאָלע אַריין נישט ווייט פון דער היים. אין זעקסטן גימנאַזיע־קלאַס באַקענט אַלעקסן. אין דער זעלבער גימנאַזיע געלערנט, מיט צוויי קלאַסן העכער. ער איז געפאָרן אויף אַ ראָווער, האָט זי אַ סך מאָל אַהיימגעפירט. פּאַרנט פון אים אויפן רול איז זי געזעסן. זיינע לאַנגע, פעסטע הענט, לאַפּעס, האָט זי געפילט אַרום זיך. ער האָט הייס געאָטעמט, אַ קאָפּ העכער פון איר, האָט ער אין ביידע אויערן אַריינגערעדט. אַן איינגעשלאָסענע אין זיינע אָרעמס — אַ באַרגיקער שאָסיי האָט געפירט ביז דער שטוב — האָט זי געפילט יעדע תּנועה פון זיין גוף און באַוועג פון די פיס. אַ שאָד וואָס דער וועג איז אַזוי קורץ געווען, סך־הכּל צוויי קליינע גאַסן — איינע אַראָפּיקע, איינע אויף אַרויף.

איז זי צופוס געגאַנגען מיט אַ חברטע אָדער אַליין, זי קוקט זיך אום — אַלעקס לעם איר.

שורה איז איצט אין שטוב. חופש הגדול. אויס שיעורים, אויס עקזאַמענס. אַ גוטע מאַטורע. כּמעט אַן עקזאַמענס קען זי אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט.

דער אבא קומט שפּעט אין אָוונט. זי איז שוין אין בעט און קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן. זי זעט, אַז די מאַמע קוקט זיך אויס די אויגן, קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויפן טאַטנס קומען. פינצטער אין די שטובן.

— פאַר וואָס דרייסטו נישט אַרויס ס׳ליכט, אמא?

— אַט באַלד מאַך איך נאַכט, שורה. כ׳מאַך זיך אַ טוש און גיי אין בעט אַריין.

איידער שורה איז אַריין צו זיך אין חדר איז זי און די מאַמע געזעסן אין סאַלאָן, געטרונקען טיי, צוגעביסן אַ קיכעלע.

— אמא, ס׳וועט זיין בסדר (ס׳וועט זיין גוט) — האָט זי איר געפּרוווט טרייסטן — לכל גיל יופי משלו (יעדע עלטער האָט איר שיינקייט), זעסט היינט אויס אַזוי יונג, שיין.

פנינה האָט געשמייכלט מיט אַ פאַרשאָטנט שמייכעלע צו איר טאָכטער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. וואָס זאָל זי זאָגן? אין זינען געהאַט האָט זי אויך ענטפערן מיט אַ משל: „שיין צו שיין איז נישט גלייך". אין דער פרי איז דער הימל יונג, שיין, רויט באַפאַרבן. אויך פאַרנאַכט צו זונפאַרגאַנג איז דער הימל שיין, רויט באַפאַרבן...

9

פנינה דערמאָנט זיך: די ערשטע יאָרן אין לאַנד, אָן איר האָט זיך אַלעקס נישט גערירט. די ערשטע אויספלוגן זענען אַדורך מיט הצלחה. אָנגעהויבן גרויס, פון מטולה ביז אילת, ס׳הייסט — די גאַנצע לענג פון לאַנד. פון דער ברייט האָט ער גערעדט מיט איראָניע: תּל־אביב, צוואָנציק מינוט מיטן אויטאָבוס — כּפר־סבא און שוין אַראַבישע קלקיליה, אַביסעלע דרומדיק — דער משולש.

איין מאָל האָט ער באַדאַרפט זײַן אין הויכן 25 שטאָקיקן הויז מגדל שלום אין תּל־אביב. ס׳איינציקע העכסטע הויז אין לאַנד, ווּ ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער בנין פון דער איינציקער העברעי־שער גימנאַזיע, אייגנטלעך — קליין תּל־אביב. אויפן לעצטן שטאָק האָבן זיי זיך לענגער פאַרהאַלטן. איר, זײַן ווײַב, האָט ער געוווסט צו דערציילן, ווי אַזוי תּל־אביב האָט מיט אַ יאָר דרײַסיק־פערציק צוריק אויסגעזען. בײדע זענען געשטאַנען, אַרומגעקוקט זיך. נישטאָ מער די זאַמדבערג, די ליידיקע שטחים, דיונעס אויף קילאָ־מעטערס ווײַט. רײַטנדיק אויף אַן אייזעלע. אויך צופוס האָט מען פון פּתח תקוה (אַמאָליק מלבס), דורך יפו ביז ירושלים זיך גע־שלעפּט. אַן אָרעמע לאַנדשאַפט: אַלטע הײַזקעס, נידעריקע ווי צוגעוואַקסענע אָדער אַרויסגעוואַקסענע פון דער ערד. שמאָלע אַספאַלט־כּבישלעך, אויף דרום־צו — ראשון־לציון, נס ציונה, רחובות. ווײַטלעך, מערבדיק שפּרייטן זיך פלאַכקייטן, דער טאָל פון שרון. יפו — אַ צווילינג־שטאָט פון תּל־אביב — פריער אַן אַראַבישע, הײַנט אַ ייִדישע שטאָט, נײַ־אויסגעבויט, געדיכט באַ־פעלקערט, נײַע און אַלטע עולים אין שיכּונים, בתים משותפים,

וואָס פאַרהייבן זיך איבער די ליים־הייזקעס, איינשטאָקיקע, אַזבעסט־דעכלעך, קליינע פאַרקראַטעטע פענצטער, באַלקאָנען, פאַרזשאַווערטע באַלוסטראַדן. פון אַ סך הייזער שיילט זיך דער טינק — שוואַרץ ווי די ערד, בלינדע ווענט געקאַלכטע אויף גרין, באָרדאָ, רויט. ערגעץ ווײַט, קוים מיטן אויג צו דערגרײַכן ווײַזן זיך הייזקעס, ווי נידעריקע מצבות פון אַלטע בית־עלמינס — רויט און אַראַביש דערפל ווי פאַרגעסן פון מענטש און פון גאָט.

תל־אביב הײַנט — אַ גרויסע ליכטיקע שטאָט, הויכשטאָקיקע ווײַסע הײַזער, ברייטע גאַסן. אַקעגן ים לענגאויס דעם ברעג, ווי ס'האָט זיך אַמאָל געצויגן אַ ווײַס־געלבלעכער פּאַס זאַמד — גאָר הויכע בנינים, גרויסע ווענעצקע פענצטער, האָטעלן, אָפענע און מיט נײַע מאָדערנע לעדן באַלקאָנען באַשלאָגענע, אַ שפּאַציר־טעראַסע, פּלאַזשע, לוקסוס־געשעפטן.ביימער פון ביידע זײַטן ברייטע טראָטואַרן. דאָ און דאָרט — אַן אייקאַליפּטוס, גרינע איילבירט־ביימלעך. קליינע זאַמדבערגלעך, אַ פעלדז — אַן איבער־בלײַב פון אַמאָליקער ווילדעניש. אויך פּאַלמעס מידע, פאַרשטויבטע זעט מען. אַ פאַרנאַכטיק ווינטל שאָקלט מיט זיי. נישט געענדערט האָט זיך דער ים אונטערן הימלבלוי און אַ זון, אַן עקשנות־דיקע זון.

היפּש נאָכמיטאָג־שעה איז געווען. לענגער ווי ער האָט גע־מיינט האָבן זיי זיך דאָ געזוימט. אַלעקס איז געבליבן שטיין אַ פאַרקוקטער אין אַ שיטער ווײַס וואָלקנדל אַן אָפּגעריסנס, ווי פאַרגליווערט איבערן ים. און אָט שווימט עס פּאַמעלעך אַוועק, וואַרפט אַ לײַכטן שאָטן אויף אַ נעץ פון כּבישים, אויף ברייטע גאַסן. די זון — אַ האַלבע אין וואַסער, אַ סימן — ס'אָנקומען פון נאַכט.

אָן שהיות קומט די נאַכט דאָ. אָט־אָטיק און די זון — באַץ אין ים אַרײַן. נאַכט. איבער דער אויסגעשפּרייטער, אויסגעוואַקסענער תל־אביב, ווײַט דרומדיק אויף יפו און נאָך ווײַטער אויף די בערג ווערן נעלם די שאָטנס, וואָס האָבן מיט מינוטן פריִער געשפּרייט

זיך לאַנג און צעצויגן, ווי פעלן פון טויטע ערב־מבולדיקע חיות, איכטיאָזאַווערן. זי האָט געזען, פנינה, ווי אַלעקס קאָן נישט אָפּ־רייסן די אויגן פון דער לאַנדשאַפט, וואָס ער זעט, דאַכט זיך, ס׳ערשטע מאָל אין דער שעה אין תל־אביב.

*

ניסן. אָנהייב זומער. קילע נאָכמיטאָג־שעהען. ס׳טרעפט דאָ: דער ווינטער הייבט זיך אָן שפּעט. אַביסעלע רעגן, ווינט און רעגן, אויך פלוצים אַ פלייץ, אַ רוגזהדיק בייזער ווינט — ווי אויף צו להכעיס די לאַנגזומערדיקע הייסע שווייסיקע טעג, דושנע פאַר־נאַכטן, חמימות, חאַמסינים, וואָס האַלטן אָן ביז דעם אַזוי גערו־־פענעם ווינטער, פרילינגן און האַרבסטן זענען דאָ כמעט נישט בנמצא. זיי גייען צוזאַמען מיט די זומערן און ווינטערס. אַזוי גייען אַדורך די פיר סעזאָנען אין יאָר.

ס׳טרעפט אויך אין אַ סאָמעראָדנע רעגנדיקן ווינטער גיט אַ שײַן אויף די זון, דעקט אָפּ אַ בלוי שטיקל הימל איבער אַ גאַס, עטלעכע גאַסן. גייסט אויפן טראָטואַר און פון דער צווייטער, אַקעגנדיקער זײַט טראָפּנט אַ רעגנדל, אַ זומעררעגנדל.

פנינה האָט זיך ביסלעכווײַז צוגעוווינט צו די קאַפּריזנע ווע־טערן. די וועטערן פון דער אַלטער היים זענען איר נאָך אַלץ געלעגן אין כוח הדמיון. כאָטש זיי האָבן געוווינט נאָענט פון די גוייִשע גאַסן — נישט ווײַט פון אַלעקס עלטערן — האָט מען געקאָנט זען דעם יידישן פערטל, ווי אויף דער האַנט: נידעריקע הײַזער, האַלץ־געביידן, הייף, געסלער, זאַולקעס. די פענצטער איבער דער ערד. מיט איין פוסהייב קאָן מען אַרײַן און אַרויסגיין. די טירן — צום דרויסן אַרויס, שמאָלע שאָסייען, אַ סך — נישט ברוקירטע. קיזלשטיינער ווײַסע, ווי שאַרבנס פון קעפּ, האָבן זיך געוואַלגערט פון ביידע זײַטן, ווו עס האָבן באַדאַרפט זײַן טראָ־טואַרן. נידעריקער הימל. מער ווי ער האָט געלויכטן האָט ער געשפּרייט שאָטנס צווישן די הײַזער נאָענטע איינס צום אַנדערן.

האַרבסט — נאַס די וועגן, קלאַטקעס, ריטשקעס וואַסער, בלאָטעס. ביז ערב פסח האָבן די בלאָטעס אָנגעהאַלטן. פון מאָל צו מאָל האָט אַ בלוי פּאַסיקל הימל זיך באַוויזן אין די שעהען צווישן צוועלף און איינס אַזייגער און שנעל פאַרביַיגעלאָפן ווי אַ שנעלצוג.

ייִדישע אָרעמקייט. ווער האָט צייַט געהאַט אומקוקן זיך אויף אַ בוים, אַ קוסט, שוין אָפּגערעדט פון אַ גראָזיק שטיקל שטח, אַ בלום. אויף אַ פענצטער פון אַ באַלעבאַטיש הויז האָט מען געקאָנט זען אין אַ בלומענטאָפּ, אַ וואַזאָנע.

אַ ריח האָט פון די געסלעך זיך געטראָגן פון אַרויסגעגאָסענע שיסלען פּאָמיעס, פון שמיעטניקעס מיסט ווי קעץ און הינט זענען געקומען אונטערלענען זיך ס'האַרץ.

אַ ביסל פרישע לופט, גרינס האָט מען געזען אויף די גויִשע גאַסן. אַ ייִדיש קינד האָט מורא געהאַט אַהין צו קומען, זיך גע־שראָקן פאַר שקצים, הינט.

ווען האָט אַ ייִד פון פּראָסטן סגאַל געוווינט אין אַן אייגענער דירה? אויף שכירות האָט מען געוווינט. אַ דאַך איבערן קאָפּ און שוין. קינדער? — דאָס יאָ, קיין עין הרע. פון דער מצווה פּרו ורבו האָבן אַלע געהאַלטן.

פנינהס עלטערן האָבן געוווינט אויפן ערשטן שטאָק פון אַ צווייִשטאָקיקער מויער אויפן גבול, קאָן מען זאָגן, פון אַ לאַנגער גאַס — די הרוביעשויווער גאַס — וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער גויִשער געגנט. עטוואָס וויַיטער פון דער מויער איז דער שאָסיי געווען געפּלאַסטערט מיט רויטע ציגעלער.

דער האַרבסט האָט דאָרט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. אַן אמתער „גאָלדענער האַרבסט", ווי די גויִם האָבן זיך אויסגע־דריקט. געלער בלעטערפאַל. ריחות פון ריַיפע אויבסטן פון סעדער, דערפער, זשניווע־פעלדער, פון סנאָפּעס היי, קאָנעשינע, וואָס די קילבלעכע ווינטלעך האָבן געברענגט מיט זיך פון דאָרטן, זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער געגנט. אַ לוילעכע לופט. אויך די

רעגנס זענען דאָרטן אַנדערע: די שאָסייען גלאַנצן אונטערן „שטעפּ״ פון די רעגנסטראָפּנס. די ביימער אויף ביידע זײַטן טראָטואַר, האַלב־נאַקעטע, די צווײַגן, ווי אויסגעצוואָגענע, גע־וואַשענע, גיבן אַרויס אַ פרישן ריח.

די ווינטערס זענען דאָרט שטאַרקע. פרעסט און שנייען. טעג, מעת־לעתן טרעפט: עס שיט און שיט אָן אויפהער. אַ פּאַרגלי־ווערטע ווײַסקייט. אין מיטן טאָג מאַכט זיך: אַ זוניק אויג שפּיזט אַדורך אַ שנייוואָלקן. פון דעבער־ראַנדן טריפן סאָפּלעס. טריפּנ־דיק פרירן זיי, פרירנדיק טריפן זיי. סאָפּלעס איַז, ווי איבערגע־קערטע ליכט ברעכן זיך, פאַלן אַראָפּ. אין די נעכט כאַפּט שטאַרק דער פראָסט. אין די מאָרגנס גיט אַרויס די געפרוירענע זילבערנע פוכיקייט אַ בלענדיקן גלאַנץ. אין די פאַרנאַכטן — ווי דער פראָסט וואָלט אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער געשפּאַנט אין אַ בלוילער־דורכזיכטיק העמד: שפּאַנט איבער ווײַסע נידעריקע דעבער און דעבלער, איבערן ווײַסן שאָסיי מיט קאַרבן און שניטן — סימנים פון פאַרבײַגליטשנדיקע סאַנקעס, אַמאָל — פון אַ סקריפּענדיקן וואָגן אויף געקאָוועטע רעדער.

10

פנינה גרייט זיך צוכאַפּן צו דער פריזירערין. זי האָט צרות מיט די האָר וואָס האַלטן נישט פּאַסאָן. אַלע צוויי־דריַי וואָכן, אַמאָל — איבער אַ חודש גייט זי צו איר. ביַי זיך אין שטוב אַרבעט די פריזירערין. ס׳קאָסט אַ סך ביליקער ווי אין אַ פריזירעריַי. זי וווינט פון דער צווייטער זיַיט פּאַרק, וואָס שפּרייט זיך אויף עטלעכע צענדליק העקטאַר פונקט אַקעגן הויז צווישן צוויי פּאַראַלעל־ליגנדיקע גאַסן. אַ שמאָל אַספאַלט־וועגל ציט זיך אין מיטן פּאַרק פון איין זיַיט טויערל ביזן צווייטן. צען־פופצן מינוט גאַנג איז זי דאָרטן.

פנינה געדענקט ווען אויפן אָרט פון פּאַרק איז געווען אַ לייַדיקער פאַרוואָרלאָזטער שטח. זאַמדהיגלען, אויפגעריסענע שטיקער ערד, הרודעס פון אַן אויסגעקאָרטשעוועטן פרדס, ווילד־געוויקס. אויך מיסט־אָנוואָרף פון די שיכון־שכנים פון ביידע זיַיטן כּביש. אייגנטלעך אַ שמאָל כּבישל. ווו ס׳האָט געזאָלט זיַין טראָטואַרן — גריבער, ראָוון. אין די רעגנטעג שלענגלען זיך דאָרטן ריטשקעס וואַסער און פאַרפלייצן ס׳כּבישל. פּעלעכלעך פאַרפוילטע, פאַרסאָכניעטע ביינער — רעשטלעך פון שאַקאַלן אויסגעגאַנגענע פון הונגער, פון בענקשאַפט, פאַרברענטע פון זון, האָבן זיך אויפן שטח געוואַלגערט. לאַנג אין די נעכט, אין די פאַרטאָגן האָט זיך געטראָגן אַ געוויין, אַ געוואָי פון איינציקע פאַרבלאָנדזשעטע שאַקאַלן, געוועקט די שכנים די נעכטיקע, אייערנעכטיקע ניַיע עולים. אַ מין געוויין צי אַ שאַקאַלן־געביל, וואָס זי האָט געהערט ס׳ערשטע מאָל אין לעבן.

היַינט איז עס אַ בליענדיקער פּאַרק. הויכע, שלאַנקע ביימער,

ביימלעך. אַ שאָטנבוים אַ צעוואַקסענער אין דער הייך, אין דער ברייט עלעהיי אַ גרויסער שירעם. אויף אַ באַנק — אַ סך זענען זיי אין פּאַרק — אויף זײַן שאָטן קאָן מען זיך צוזעצן, אָפּרוען, כאַפּן פרישע לופט. אַרום פּאַרק — אַ צוים פון הויבע, גרינע שטענגלעך צוזאַמענגעוואַקסענע, סימעטריש־אַרומגעשוירענע. גראָזן פריש־געשניטענע, באַשפּריצטע, בלומען גיבן אַרויס אַ מחיהדיקן ריח. הוידלקעס, קלעטערס פאַר קינדער, וואָס מאַמעס ברענגען צופירן אויף וועגעלעך, אויף הענט אַ שפּיל טאָן זיך, אַ הוידע און דערווײַל אַרײַננאַרן אַ באַנאַנע, אַ טרונק פון אַ פלעשעלע.

אויך פנינה איז געווען פון די מאַמעס מיט שורהלען אויף די הענט אַ סך שעהען אין טאָג. דער וועג אַהער — אַ קורצער, אַן עטלעכע מינוטיקער — אָט־אָ גלײַך איבערן כביש פון אַקעגנדיקן טראָטואַר און שוין איז זי דאָרטן.

פנינה שטייט בײַם שפּיגל. פּרוּווט אין אָרדענונג ברענגען די האָר, וואָס ווילן נישט האַלטן פּאַסאָן. די קליידערשאַנק צעפּראַלט. זי שטייט און ישובט זיך — וואָס אָנטאָן. זי ציט אַרויף, ציט אַראָפּ אַ בלוזקע, אַ ספּודניצע, אַ פּאָר הויזן. דאָס מאָל געפעלט זי זיך. ס׳וועט נישט שאַטן — טראַכט זי — אַ ביסל שענער מאַכן זיך. קלעפּלט מיט אַ פּודער־קישעלע איבער די באַקן, אַ ציפּ אַ ברעם, אַ לעק, אַ וויש מיטן פינגער. זי באַשליסט זיך צוכאַפּן צו דער פריזירערין. דער פּאַרק איז פול מיט מענטשן. „אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין״.

אַן אָפּן לעטשל אַ יומטובדיקס אויף אַ האַלב־הויך קנאַפּעלע — זאָגט זי צו זיך — וועט אויך נישט שאַטן.

צוריק פון דער פריזירערין, אויפן וועג אַהיים, נענטער צום אַרויסגאַנג־טויער, ווײַטלעך פון גוגעריי, האַרמידער פון קליינוואַרג, בײַ דער זײַט פון גרינעם צוים, איז אויף אַ באַנק געזעסן אַ מאַן מיט אַ צעעפנטער צײַטונג איןביידע הענט נאָענט פון די אויגן. פאַרבײַגייענדיק זעט זי ווי יענער הייבט אַרויס די אויגן

פון צײַטונג, קוקט אין איר זײַט אַרײַן. מאַלע וואָס אַ מענטש קוקט. אַ שווערלײַביקער מאַן, אַ קאָפּ גרויע האָר ביז אַראָפּ דעם שטערן, אַ טיפער אויסגעווינקלטער, אונטן — קורץ געשוירן. אויך זיצנדיק האָט ער אויסגעזען אַ הויכער.

נישט דאָס ערשטע מאָל גייט זי פאַרבײַ דעם פּאַרק, זעט דעם מאַן זיצן מיט אַ צײַטונג אין די הענט. ס'האָט איר, למען האמת, געוווּנדערט: תּמיד זעט זי אים אין דער פּאָזע. ס'קאָן גרייִלעך זײַן — טראַכט זי הײַנט דאָס ערשטע מאָל — אַז נישט דאָס ערשטע מאָל קוקט ער אויף איר און איר איז אויפן זינען נישט געקומען קוקן אין זײַן זײַט אַרײַן. זי האָט זיך בעת מעשׂה אַ טאָפּ געטאָן בײַ דער פריזור, אָפּגעצויגן אויף זיך די בלוזקע. געדענקט, אַז זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי איז הײַנט אַרײַן אין לעטשל מיטן האַלבהויכן קנאַפּעלע און לאַנגע הויזן, לענגער ווי תּמיד געשטאַנען בײַם שפּיגל.

ערשט דער מאַן, זעט זי, הינטערווײַלעבטס, הייבט זיך אויף און שוין איז ער בײַם טויערל:

— שלום גברת.

— שלום אדון, אייגנטלעך קענען מיר זיך נישט.

— אמת, אָבער איך זע אײַך אָפט פאַרבײַגיין.

— איז וואָס?

— גאָרנישט. אַ סימפּאַטישע פרוי, ווילט זיך אַ רעד טאָן.

— זי באַטראַכט אים פון דער נאָענט. שווײַגט. אַן עלטערער שווערלײַביקער מאַן און האָט נאָך נישט פאַרגעסן צו פלירטע־ווען — טראַכט זי — און ענטפערט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג:

— אָבער איך אײַל זיך אַצינד.

— סליחה, גברת, אגב איך זע אײַך תּמיד אין שנעלן גאַנג — און ער וויל זיך אָפּקערן אויף צוריק.

— סליחה אדון, זײַט מוחל, האָב איך אײַך באַליידיקט?

— חלילה, אין מײַן עלטער באַליידיקט מען זיך נישט אַזוי שנעל.

פון דער נאָענט זעט ער איר אויס אַ סך עלטער. מיטן וועלן אָפּדרייען זיך האָט זי אַ בליק געכאַפּט אויף זײַנע ברייטלעכע אַקסלען. דער קאַרק, וואָס הייבט זיך פון זיי אַרויס — אַ הויכ־לעכער, אַן אָפּגעברענטער געקנייטשט און געקעסטלט, ווי קראָ־קאָדיל־לעדער.

— אין אייער עלטער זאָגט איר, קאָמפּלימענטן מאַכט איר ווי אַ יונגער. אויך איך בין שוין נישט קיין יונג מיידעלע. פנינה איז מײַן נאָמען, אויב אינטערעסירט אייך, אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַן אַכצניאָריקער טאָכטער.

— איך הייס חיים, חיים זיסקינד. אַ זיידע, אַן עלטער־זיידע, אַ וותיק. — ס׳וואָרט „וותיק״ האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמץ גדלות, אַ שטייגער ער איז לכל הפחות אַ נאָענטער קרוב פון ראש הממשלה. פנינהן איז שוין באַקאַנט דער נוסח פון די וותי־קים מיט זייער „כשבאנו״... זי האָט עס נישט ליב צו הערן. אויך אײַלט זי זיך אַהיים. דאָס וואָרט „אַ פרוי פון אַ מאַן״ האָט פנינה נישט אָן כוונה אַרויסגעזאָגט, אַ טאָפּלטע כוונה: ראשית — אַ באַוואָרעניש. זאָל אים נישט אײַנפאַלן, אַז עפּעס שטימט נישט צווישן איר און איר מאַן. צווייטנס — זאָל ער נישט מיינען, אַז זי איז להוט אויף אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן. חוץ דעם איז פאַר איר אַ סיורפּריז אַזאַ באַגעגעניש און דווקא בײַם טויערל פון פּאַרק פאַר די אויגן פון אַ סך מענטשן.

חיימען איז אומפאַרשטענדלעך געווען ס׳לאַנגע שווײַגן פון פנינהן. אויך האָט איר פּנים, איר גרימאַס אויסגעדריקט אַ מין צוריקגעהאַלטנקייט.

— איז אויב אַזוי וועט אפשר געגוג זײַן אויף אַן ערשט מאָל.

אָ, אַ שטאָלצער מאַן — זאָגט זי צו זיך — גראָד דאָס גע־פעלט איר. זי איז אים גרייט מוחל זײַן דאָס וואָרט „וותיק״.

— איך גיי דאָ אָפּט פאַרבײַ, וווין נישט ווײַט. מיר וועלן זיך אַוודאי נאָך טרעפן — האָט זי געענטפערט נאָכן לאַנגן שווײַגן, ווי פון יוצא וועגן.

אויפֿן וועג ביז אין שטוב אַרײַן האָט זי צײַט געהאַט נאָכאַמאָל איבערלייגן די זאַך. אַן אַלט־יונג פּנים. ברוינלעכע גרויסע אויגן. אַ גוטמוטיקייט קוקט פֿון זיי אַרויס. עפּעס האָט ער דאָך מיטן וואָרט „ווּתיק" געוואָלט זאָגן. זי איז דאָך אייגנטלעך אויסגעהונגערט רעדן מיט אַ מענטש, אַ מאַן. נישט סתּם אַ ווּתיק זעט ער אויס. למען האמת איז ער דער איינציקער דאָ צווישן רוב נײַע עולים. די גאַנצע געגנט איז אַ נײַע. אַלע בנינים דאָ אין אײַלעניש אויפֿגעשטעלט מיטן שטראָם פֿון דער עליה 50־1949.

11

האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז ווען פנינה איז פאַרביי־געגאַנגען דעם פּאַרק — אויך איר פאַרבײַגיין איז געוואָרן אָפּ־טער — האָט זי אינסטינקטיוו, אפשר נישט אינסטינקטיוו — געוואָרפן אַ בליק אויף דער באַנק. דאָס תּמיד זען אים זיצן אין דער זעלבער פּאָזע האָט גראָד געוועקט אין איר נײַגער. נאָר מענטשן, מענער, פרויען, יונגע, אַלטע, מאַמעס מיט קינדער. זי זאָל אים אַמאָל זען איבערכאַפּן מיט ווער עמען אַ פּאָר ווערטער, מיט אַ קינד זיך אַ שפּיל טאָן. איז ער איינער דאָ, אַ וותיק אין דער געגנט פון נײַע מענטשן פון אַנדערע וועלטן, סביבות. אַ סברא, אַז ער וווינט נישט ווײַט פון דער געגנט, אַזיסט וואָלט ער דאָ נישט געזעסן יעדן טאָג. אייניקלעך, אור־אייניקלעך — האָט ער געזאָגט. איז ווו זענען די זין, שנורן? לאָזט מען אַן אַלטן טאַטן איינער אַליין? זיצט דאָ אַן איבערריַס. האָט ער קיין היים נישט?

דאָס מאָל האָט פנינה באַדאַרפט — אַן אַ טראַכט טאָן פריִער דערוועגן — פאַרבײַגיין דעם פּאַרק. מיט אַ טאָג פריִער האָט זי געקלונגען צו דער מחנכת, געוואָלט זיך שואל עצה זײַן מיט איר בנוגע שורהן. געענדיקט דעם תּיכון מיט אַ גוטע צײַגעניש. וואָס ווײַטער? האָט די מחנכת טעלעפאָניש זי פאַרבעטן צו זיך. גראָד וווינט זי פון דער צווייטער זײַט נאָענט פון פּאַרק.

פאַרנאַכט. די זון נייגט זיך צו מערב. דורכן שיטערן געצווײַג פון די יונגע ביימלעך שלאָגן זיך דורך די לעצטע זונשטראַלן מיט אַ לײַכטער ראָזעווודיקייט, ווי די שײַן צווישן פינגער איבער בענטשליכט. פנינה גייט אַ פּאַרקוקטע אויף די ביימלעך. ס׳דער־

מאַנט איר אין אַ פּריַיטיק צו נאַכטס, די מאַמעס הענט איבער די בענטשליכט. דער טאַטע דאַרף אַ ליאַדע רגע קומען פון שילעכל. אַן אָפּגעוואַשענע, אַן אָפּגעצוואָגענע דרייט זי זיך אין שטוב. אַ געשפּרייטער טיש. אַ חלה אונטער אַ וויַיס טישטעכל. אַ פלעשל וויַין אויף קידוש.

מער ווי תּמיד איז פּנינה היַינט אויפגערוימט. אויך היַינט געשטאַנען לאַנג ביַים שפּיגל. אַ רגילות געוואָרן ביַי איר זינט זי האָט באַקענט חיימען. זי טראָגט אויף זיך אַ סאַטין בלוזקע, אַ געפאַלדעוועטע קלאָש־ספּודניצע. איר דינגופיקע פיגור, איי־דעלע לענדן אויף אַ לעטשל מיט אַ האַלב־הויכן קנאַפּעלע, זעט זי אַצינד אויס העכער. זי איַילט זיך דאָס מאָל נישט. עטלעכע מינוט גאַנג איז זי פון יענער זיַיט ביַי דער מחנכת. זי איז זיכער, אַז חיים נעמט פון איר נישט אַראָפּ די אויגן.

אַ קנאַפּע האַלבע שעה האָט געדויערט די „אוידיענץ" ביַי דער מחנכת. אַ צופרידענע פון דער פריַינטלעכער באַנעמונג און אינטערעסאַנטן שמועס מיט איר, איַילט פּנינה צוריק. מיטן איבער־טרעטן ס'טויערל פון פּאַרק זעט פּנינה חיימען אויף דער באַנק ווינקלדיק ביַים קעגנאיבערדיקן טויערל. אַ פּאַרטוענער אין ציַי־טונג אין ביידע הענט, עטוואָס אַנגעבויגן, האַלט ער פאַרהויבן דעם קאָפּ, ס'באַברילטע פּנים איבער דער ציַיטונג. ער זוכט דאָרט מסתּמא עפּעס, אָבער מיט איר אָנקומען, מיינט זי, האָט ער שוין געפונען. און אָט שטייט ער שוין ביַים טויערל.

— שלום אדון חיים.

— שלום פּנינה. געגוג חיים אַן „אדון".

ביידע גייען אַרויס פון פּאַרק. מיט פעסטע טריט, אַביסעלע צו שנעל פאַר אַזאַ שווערליַיביקן מאַן, גייט ער לעם איר. אַ טונ־קעלע רובאַשקע איבער די הויזן טראָגט ער. די בריל זיצט פעסט אויף זיַין מאַסיווער נאָז. ביידע שטומען. אייגנטלעך האָט ער וואָס צו זאָגן. ער איז אַ באַריידעוודיקער, חיים. אים אינטערע־סירט, קאָנטיק, זי הערן. איר צוריקגעהאַלטנקייט אינטריגירט אים.

— ווו איילט מען עס אין דער פאַרנאַכט־שעה?

— סידורים.

— אויסגעפּוצט הײַנט?

— געווען צו גאַסט.

— און איך געסטל זיך, ווי איר זעט, אין פּאַרק. אַ פײַנער פּאַרק, אמת? אַמאָל זענען אַזעלכע פּאַרקן דאָ נישט געווען. עטלעכע צעוואָרפענע אַראַבישע הײַזקעס האָט מען דאָ געקענט זען, אַ פּרדס.

ביידע האָבן פאַרפאַמעלעכט דעם טראָט. חיים רעדט:

— — — אַמאָל, אַמאָל. איך וויל אײַך נישט לאַנגווײַליקן. אַמאָל, מיט העכער פופציק יאָר צוריק איז נישט געווען קיין צײַט אויף אַזעלכע פּאַרקן. צײַט אויף גיין צופוס האָט מען באַדאַרפט. פון יפו קיין פּתח־תקוה און ווײַטער — די אפרים־בערג און די הויכקייטן פון הר גריזים. זאָמד, אַ טרויעריקע ליידיקייט. בײַם ברעג ים — הײַנט תּל־אביב — האָבן זיך געוואַלגערט שטיינער, ווײַסע, ווי געשליפענע פון ים־כוואַליעס — — —

צו קורץ איז דער וועג אין שטוב אַרײַן אויף אַזעלכע מעשׂיות — האָט זי אים געוואָלט איבעררייסן אין מיטן — און געשוויגן.

ער קלויבט זיך נישט לאַנג צו רעדן — האָט ער אָפּגעהאַקט אין מיטן — עלעהיי ער האָט געלייענט אירע געדאַנקען. ער וויל — מאַכט ער — נישט זײַן באַנאַל און פון דעסטוועגן ווילט זיך פרעגן:

— קאָן מען וויסן ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

זי האָט אויף דער סטעראָטיפּישער פראַגע, אגב, אַ דערוואַר־טע, געענטפערט מיט אַן איראָניש שמייכעלע:

— אַ וותיקה צווישן נײַע עולים.

בײַם טרעפן־הויז האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. ס'ערשטע מאָל פילט זי אַ מענערישע האַרטע האַנט. ערשט ווען ער האָט זיך גענומען דערווײַטערן, האָט זי

דערפֿילט דעם שטאַרקן האַנט־דרוק, לאַנג נאָכגעקוקט דעם עלטערן שטאַלטנע מאַן, זײַן פֿעסטן גאַנג. אַ נײַער טיפּ מענטש אין אירע אויגן. אַוודאי פֿון די ערשטע חלוצים, אפֿשר אַ לעצטער, אָדער פֿון די לעצטע פֿון ערשטער צווייטע עליה. מסתּם אַוועק פֿון דער היים אַ יונגער מענטש, אַ סטודענט, האָט וואָס צו דערציילן.

זי האָט געזען אין יונגן גלאַנץ פֿון זיינע אויגן אַמאָליקע התלהבות, איינער פֿון די, ווי מ׳רופֿט דאָ „די ראשונים״. דער יונגער טאָן האָט אין גאַנצן נישט געשטימט מיט זײַן פֿאַרעלטערט פּנים, מיט זײַן שווערלײַביקער פֿיזאָנאָמיע. פּרעהיסטאָריע. דאָס ערשטע מאָל זעט זי, הערט זי דעם טיפּ מענטש. ער האָט ווייך געשמייכלט צון איר. דאָס האָט אים יונגער געמאַכט אין אירע אויגן.

ווער איז ער דער מאַן — פֿרעגט זי זיך. איז ער דאָ אַליין? ווו זענען די זין, די אייניקלעך, אור־אייניקלעך? אַ קורצע פֿראַגע איז איר געלעגן אויפֿן שפּיץ צונג:

— פֿאַר וואָס זיצט ער אין פּאַרק שעהען לאַנג?

כאָטש פּנינה האָט חיימען קיין צופֿיל געדולד נישט אַרויס־געוויזן, האָט ער אין די ווייניקע ווערטער, אין וויאַזוי זי האָט זיי אַרויסגעזאָגט, געזען אין איר אַ קלוגע, סימפּאַטישע, יונגע פֿרוי, וואָס וועקט נײַגער.

דער קורצער, איבערגעריסענער שמועס, וואָס האָט זיך קוים געקלעפּט — אייגנטלעך אַ מאָנאָלאָג — האָט אָנגעהויבן וועקן אין אים זכרונות:

— — — די ערשטע סטאַציע — יפֿו. לאַנגע וואָכן מיט אַ קליין משׂא־שיפֿל אויפֿן וואַסער. מיט אַ לודקע, אַראַבישע פֿאַרט־אַרבעטער, ביזן האַלדז אין וואַסער, זיך דערשלאָגן צום ברעג. ווײַט אויפֿן דרום בײַ די בעדואינער געוועזן אַ פּאַסטוך. זייערע געצעלטן — שוואַרצע פֿליאַמעס אויף אַ העלער לאַנד־שאַפֿט. געגעסן זייערע עסנס. מילך געטרונקען פֿון ליימענע קרוגן, שיסעלער גלײַך נאָכן אויסמעלקן שאָף און רינד. נאָכדעם — אין

קיבוץ דגניה. ער געדענקט נאָך דעם האָן * אַ לידל האָט ער אַליין פֿאַרפֿאַסט בעתן פּאַשען די שאָף. עטלעכע שורות געדענקט ער נאָך:

דער פּליין איז מײַן כּאַטע,
דאָס בערגעלע — מײַן שטול.
מײַן היים איז די סטאַדע,
וואָס פּאַשעט זיך אין טאָל.

פנינהס ווייניק רעדן, אויך איר שווײַגן, צו מאָל אַ געהיימ־נישפּול שווײַגן, איז חיימען געפֿעלן. זײַן נײַגער האָט זיך גע־שטאַרקט. ער האָט געוואָלט נענטער באַקענען די יונגע, טונקל־האַריקע, שלאַנקע פרוי — אַ שולמית פון שומרון, פון ירושלים, וואָס איז צופעליק געבוירן געוואָרן ערגעץ אין פּוילן מיט אַ דור כּמעט מיט צוויי דורות נאָך אים. אַ סך חן גיבן איר צו די לײַכט־פֿאַרשאָטענע רעדלעך אונטער די אויגן עלעהיי אַ בלויער טאָג איבער די בערג פון אפרים.

אַז פנינה האָט איבערגעלייגט די רייד חיימס, די נישט דער־זאָגטע רייד, די ווערטער, איז זי אים גרייט מוחל זײַן דעם „כשבאנו”, די סטיגמע. דער געדאַנק, אַז אַזאַ שטייגער מאַן האָט איר — נישט קיין אַנדערע, וואָס פעלן נישט אין פּאַרק — אויס־געפונען, לאַנג איר נאָכגעקוקט, געוואָלט באַקענען — שמייכלט איר, פאַרשאַפט איר גרויס הנאה. אַן איינזאַמער מענטש. אַן אלמן — ווייסט זי שוין פון אים. „אויסגעגעבענע קינדער — קאַטשקעס אויפן וואַסער”, האָט ער געזאָגט. די צוויי זין — מעבר לים, געלאָזט דעם אַלטן טאַטן אַליין. פנינה דערמאָנט זיך: בעת ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, איידער ער האָט געמאַכט אַ טראָט צום אַוועקגיין, האָט זיך ,אַן אַ טראַכט טאָן פרײַער, פון איר מויל

---

* אכסניה.

אַרויסגעגליטשט: „ווילט איר נישט אַרויפגיין אויף אַ קאַפע, אַ טיי?״.

ווי האָט זי געמעגט פרעגן אַזאַ פראַגע? שורה אין שטוב. אַלעקס קאָן פונקט הײַנט זיך אַ ווײַז טאָן. נאָר דאָס פעלט איר. גוט וואָס ער האָט באַלד נישט געענטפערט.

חיים האָט געשוויגן, געקוקט אויף פנינהן מיט זײַנע קלוגע אויגן, ווי איינער רעדט: „אַרויסגעכאַפּט זיך, ווײַבעלע. דו ביסט דאַכט זיך אַצינד אַביסל מבולבל״.

חיים איז צופרידן מיט זיך. חיים — זאָגט ער צו זיך אין געדאַנק — האָסט געקענט אַרויף אויף אַן אַראַבישן ראַסאָוון רײַטפערד אין געיעג נאָך אַ גנב, אַן אָנפאַלער אויף אַ יידישן ישוב, געוווּסט ווען, ווו, ווי אַזוי אַרײַנקוקן אין די הייסע נאַכט־אויגן פון אַ בעדואינערין, אויך נהנה געווען פון אַ ביסל ליבע — קאָנסט נאָך הײַנט, אַלטער מאַן — שמייכלט ער צו זיך — מבולבל מאַכן אַ שיינע יידישע פרוי.

חיים זיסקינד. זײַן ליבשאַפט צום לאַנד, צו ארץ־ישׂראל, האָט איר דערמאָנט אין טאַטן זכרונו לברכה, דעם פרומען טאַטן. אַ סך מעשיות וועגן ארץ־ישׂראל האָט ער דערציילט. מיט אַ ווייך שמייכעלע זיך פאַרענטפערט: „נישט פאַר אים. ארץ־ישׂראל טרעבע־וועט יונגע מענטשן, יונגע כּוחות. אים — פלעגט ער מיט פאַר־הויבענע אויגן איבערן אָפענעם ספר זאָגן: „ס'זאָל כאָטש באַ־שערט זײַן בײַ די הונדערט און צוואַנציק אַ זעקל הייליקע ערד צוקאָפּנס״. ער און די מאַמע האָבן נישט פאַרגעסן צו וואַרפן גראָשנס אין פושקעלע מאיר בעל נס, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

איז דאָס טאַקע די ערד, וואָס אירע פיס באַטרעטן אַזוי היי־ליק? — האָט זי זיך נישט איין מאָל געפרעגט. זינט זי איז אין לאַנד פרעגט זי זיך די פראַגע. אויך אַלעקס האָט אויף דעם נישט קיין ענטפער.

אַראָפּ פון דער שיף אין חיפה האָט זי געזען עלטערע יידן,

אויך יונגע מיטליעריקע מיט בערד און אָן בערד, יונגע בחורים מיט קאַפּעלעך, פּיאהלער, שפּראָץ פון בערדלעך, פאַלן צו דער ערד, קושן און מורמלען עפּעס. איז זי, פּערעלע, פּנינה, די טאָכ־טער פון לאה און בן־ציון שרײַבמאַן אַזוי גליקלעך אויף דער דאָזיקער ערד?

לאה, איר מאַמע — יונגער פון איר הײַנט — אַ געבויגענע בײַ דער נײמאַשין. דער טאַטע — דרײַ מאָל אין טאָג געדאַוונט אין שולעכל נישט ווײַט פון שטוב. ס׳אָפענע ספר אויפן טיש. איר טאַטע, אויך דעם זיידן ר׳ שמחה מאיר וואָלפס געדענקט זי. ער פלעגט אַמאָל זיך ווײַזן אין שטוב. דער טאַטע האָט דערציילט: צו פינף־זעקס יאָר האָט אים דער זיידע, זײַן טאַטע, אַוועקגע־שטעלט אויפן טיש, פאַרמאַכט ס׳ספר בײַ װעלכן ער איז שטענדיק געזעסן און גענומען אים אויספרעגן ווערטער, שאלות. אַנטציקט פון זײַנע ענטפערס, אַ קנופּ געטאָן אים אין בעקל, אַראָפּגענומען אים פון טיש און אַוועקגעזעצט אויף זײַן שויס. נאָך אַ קנופּ אין בעקל און געזאָגט: „כ׳בין שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק. אָבער צו דער פאַרשטאַנדיקייט פון אַ קינד בין איך נאָך נישט דער־גאַנגען”.

נאָך געדענקט זי פון טאַטן: איין מאָל שבת נאָכן קומען פון שולעכל, פאַר מיטאָג, די מאַמע איז געווען דערבײַ — האָט ער אַרויסגעלייענט פון אַ ספר, דאַכט זיך פרקי אבות — אַ זאַמלונג, האָט ער געזאָגט, פון פאָלקס חכמה, עצות. ווי הײַנט קלינגט איר נאָך אין די אויערן (אַ קלייניקייט געדענקט זיך). „דער וואָס די חכמה איז גרעסער פון זײַנע מעשׂים, איז געגליכן צו אַ בוים וואָס זײַנע צווײַגן זענען געדיכט און זײַנע וואָרצלען — שיטער. קומט אַ שטורעם, רײַסט ער אים אויס און קערט אים איבער מיטן פנים אַראָפּ”.

כײַ וואָלט אַלעקס געוווּסט די ווערטער, איר אַלעקס מיט זײַנע „פאַרצווײַגטע געשעפטן” און וואָס פאַר אַ פנים האָט ער... ער וואָלט דאָך אַצינד באַדאַרפט גיין מיטן פנים אַראָפּ פאַר די

בושות וואָס ער טוט איר אָן. פאַררײַסט ער גאָר דעם קאָפּ, איר מאַן „איך און מײַן ווייניקייט“. אַלעקס, מיט אַ גרויסן חלום גע־קומען אַהער: סטודענט, קאָנסערוואַטאָריע און געוואָרן אַ קלעז־מער אין דער פײַערלעשער־קאַפּעלע. אַ קלעזמער — זײַן טאַטנס פּאַך. זײַן טאַטע — דער שוואַרצער מנשה האָט מען אים גערופֿן. אַ הויכער ברונעט. אַ שוואַרץ קורצגעשוירן בערדל, אַ שוואַרצן האַרטן אָפּגעריבענעם צילינדער האָט ער געטראָגן אויף שׂמחות, חתונות. אויף דער גאַס, אין בית־הכּנסת — אַ שוואַרצן קאַפּעלוש. דער טאַטע האָט אים געלערנט האַלטן אַ פידל אין האַנט, גע־וואָלט מיטנעמען אין דער קאַפּעליע. אים האָט געצויגן צו הע־כערע לימודים, צו קלאַסישע מוזיק. בעטהאָווען — זײַן ליבלינג. בעטהאָוון איז פאַר אים עד היום, ווי ער דריקט זיך אויס: אַ קלאַנגען־עפּאָפּייע פון האָפענונג און געזאַנג. זײַן מוזיק איז דאָך הוילע רוחניות. מוזיק — זאָגט ער — דריקט אויס די סאַמע באַ־האַלטענע געפילן פון מענטשלעכן האַרץ. מוזיק איז בכּוח איבער־צוגעבן אַלע מענטשלעכע שטימונגען מיט אַ קראַפט און טיפקייט, וואָס דאָס וואָרט קאָן עס נישט באַווײַזן. די קאָמבינאַציע פון קלאַנגען זענען רײַכער פון די וואָרט־קאָמבינאַציעס.

איר אַלעקס, דער אייביקער סטודענט. און פון אַלע חלומות זײַנע — אַ בוידעם.

12

סך־הכּל האָט זי אויף אַלעקסן רחמנות. אַרודעוועט אַרום. זוכט דעם נעכטיקן טאָג. וואָס ער האָט דאָרטן אין די פינצטערע יאָרן פאַרלוירן וויל ער דאָ אין זוניקן לאַנד געפינען. ער איז דאָ — מאַכט ער — ווי אין אַ לעבעדיקן מוזיי. ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. יעדער איינער האָט פאַרלוירן, יעדער זוכט. נישט אַלע געפינען. צרות רבים... אָבער וואָס פאַר אַ שותּפותדיקס האָט ער מיט ייִדן פון מאַראָקאָ, טוניס, פּערסיע, קורדיסטאַן, אַביסיניע ייִדן פון ווײַטן מזרח, אָפּגעשטאַנענע לענדער, אָפּגעשטאַנענע מענטשן, פאַרשיידענע מענטאַליטעטן, גלויבנס, אַבערגלויבנס, זאַבאָבאָנעס?

אין זײַנע אויגן זעט אים אויס ישׂראל ווי אַמעריקע מיט קנאַפּע פינף הונדערט יאָר צוריק און אפשר עד היום — אַ קוזשניע פון אַ צוקונפט־ראַסע. וואָרט נישט ישׂראל אויף אַ האַנט, וואָס זאָל אויסקנעטן פון דעם מענטשן־טייג — חומר ביד היוצר — אויפבויען אַ פאָלק. מיט וויפל לעבנס — יונגע און נישט נאָר יונגע — איז אָט דער וועג געפלאַסטערט און צי בכלל וועט דער חלום פון אַ ישׂראלים־פאָלק ווערן אַווירקלעכקייט?

וואָס בינדט אים, זײַנע קינדער און קינדסקינדער, צו אָט דעם לעבעדיקן מענטשן־מוזעום? אַביבע ס׳פּינטעלע ייִד. איז דאָס געווּנוג, דאָס קליינע פּיטשינקע פּינטעלע ייִד זאָל צונויפקלעפּן, צעמענטירן, גאַנצמאַכן אַ צעבראָכן, צעריסן פאָלק, אַ שברי כּלי? דאַרף ער, זײַן דור, זײַן דער קרוליק אָדער דער פּראָבירשטיין?

דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו לעבן. צו עקספּערימענטעווען, צו קאַמף, מלחמה האָט ער זיך אַליין פאַרמשפּט.

קומט חיים זיסקינד, דער באַיאָרטער מאַן, וואָס איז דאַכט זיך אַרויס פון מוזיי, איינער פון יענע חלוצים, אַ מין חוני המעגל און זאָגט:

— אשרי יושבי ביתר.

גיי דערצייל אים, אַז דאָס איז נישט גענוג, מיט וואָס פאַר אַ געמיט זיצט זי אין שטוב? דערציילן חיימען, וואָס נאָך פינף טעג נאָך אַנאַנד נישט וויַזן זיך האָט ער זיך פלוצים אַריַינגעוויזן אין פאַרק. און זי האָט אים אויסגעקוקט, פאַרבענקט זיך אים הערן?

ס׳לעצטע מאָל — פריִער אָוונט אין פאַרק. שוואַך באַלויכטן די באַנק אויף וועלכערביידע זיצן. די באַוועגונג, דער אַהין און צוריק גאַנג איז כּמעט אָפּגעשטעלט. ער רעדט. זי לאָזט זיך דער־ציילן.

די פינף טעג וואָס זי האָט אים נישט געזען האָט זי שטאַרק איבערגעקלערט. איין מענטש. אַן עלטערער מאַן. אפשר קראַנק, האָט נישט ווער ס׳זאָל אים אַ גלאָז וואַסער דערלאַנגען. אַ טיי, אַ רעצעפּט, אַ דאָקטאָר. נישט זי ווייסט ווו ער וווינט, נישט זי האָט זיַין טעלעפאָן. צוריקגעשמועסט — ווען יאָ? — איז זי שוין פיקס און פאַרטיק אויפהייבן ס׳טריַיבל? קאָן זי, מעג זי פאַר אַ מענטש, אָקערשט באַקענט אים, עפּעס רעדן וועגן דעם וואָס קוועלט איר: מאַן, משפחה־ענינים?

דער פאַרק איז געווען זייער טרעפפונקט. זייער לעצטער שמועס איז אַרויף אויף זיַין היים: אַ פאַרמעגלעכער מענטש זיַין טאַטע. אַ באַלעבאַטישע שטוב. אַן אייגנטימער פון אַ שניטקראָם אויף דער פּרינציפּאַלער גאַס. אַ גרויסע שטאָט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג: קריסטן, אוקראַיִנער, ייִדן. ער ענדיקט די גימנאַזיע, צוויי יאָר אוניווערסיטעט, פאָרט קיין ארץ־ישׂראל, אין קיבוץ דגניה געוווינט מיט רחלען, רחלע די יונגע קאָזע. „געמעקעט״ — „ליבע, פריַיע ליבע. אַראָפּוואַרפן די קליינבירגערלעכע פאַראור־טיילן״. זעסט — מאַכט זי, און וויַזט אויף אַן אַלטן בוים — ווי

די קאָרע שיילט זיך? נײַע הויטן נעמט ער אויף זיך. „אויך מיר דאַרפן נעמען אויף זיך נײַע הויטן". קראַנק געוואָרן אויף מאַ־לאַריע. געשטאָרבן. חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל. צוויי זין האָט זײַן מרים, מירי, אים געבוירן. ביידע אין חו"ל. שליחים. האָבן שוין גרויסע קינדער — דרײַ אייניקלעך. איין אוראייניקל. האָבן נישט קיין צײַט צום טאַטן. אַמאָל — אַ טעלעפאָן, אַמאָל — דאָס אויך נישט.

פנינה האָרכט און שווײַגט. חיים זעט אין איר שווײַגן, אַז זי האַלט זיך צוריק פון אַ תּוכיקן שמועס. ער וויל איר אויפמערקיק מאַכן, אַז ביידע זענען שוין נישט קיין גימנאַזיסטן, פאַר וואָס נישט רעדן קלאָרע דיבורים. זיצט, האָרכט זײַנע רייד אַ פרוי, אַ מאַמע פון אַ טאָכטער אין גימאַזיע, אַ מאַן אַ מוזיקער, אַן אינ־טעליגענטער מענטש, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין פּאַרק אין דער אָוונט־שעה, משמע — זי איז נישט גלײַכגילטיק צון אים. אויך די מינע אויף איר פּנים בײַ דער שוואַכער ליכט פון איינציקן עלעקטרישן לעמפּל ווײַטלעך פון זיי — נאַרט אים נישט, חיימען. ער זעט באַשײַמפּערלעך, אַז די יונגע, סימפּאַטישע פרוי לעבט עפּעס איבער. פון דאַנעט איר צוריקגעהאַלטנקייט, פון דאַנעט — דער נײַגער, וואָס זי וועקט אין אים. איז צו רייד געקומען — מאַן, פרוי, קינדער — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אייגנטלעך — איבער־געחזרט:

— איך האָב ליב מײַן מאַן, מײַן משפחה־לעבן.

וויל זי דערמיט נישט — איז אים אויפן זינען געקומען — עפּעס פאַרשטעלן, פאַרווישן, פאַרלויפן דעם וועג. ווי זאָגט מען עס: „כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ"? ס'האָט אים דערמאָנט, חיימען — אַ נאַרישקייט געדענקט זיך — קליינערהייט בעתן מאַכן די לעקציעס האָט זיך דער טינטער איבערגעקערט. דער ווײַסער סערוועט אויפן טיש האָט זיך פאַרפלעקט. נישט געוואָלט די מאַמע אָדער דער טאַטע זאָל דאָס זען, האָט ער אָנגעהויבן רייבן, ווישן מיט אַ נאַס שמאַטקעלע און זײַף. וואָס מער ער האָט

געווישט אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער פלעק — אויך אין איר צעטומלטן בליק האָט ער געזען, אַז עפּעס וויל זי פאַרטושן, דערזאָגט נישט און זאָגט וואָס מ׳דאַרף נישט.

ער האָט דאָך איר נישט געפרעגט וועגן איר מאַן, איר משפּחה־לעבן. זי האָט זיך נישט פאַר וואָס צו פאַרענטפערן אַכיבע — פאַר זיך אַליין...

אייגנטלעך האָט ער זי שוין אויסגעפּרוווט מיט אַ טריק: פינף טעג האָט ער זיך אין גאָרטן נישט באַוויזן, געוואָלט זען ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן. דאָס האָט ער פאַרטראַכט, ווי אַמאָל אין די סטודענטישע יאָרן אַ „קאַוואַל״. פנינה האָט, למען האמת, ביי דער ערשטער באַגעגעניש נאָך די פינף טעג אָנגעהויבן אויספרעגן צי איז ער נישט געזונט געווען. ווי אַזוי גיט ער זיך אַן עצה איינער אַליין. מען איז דאָך נאָר אַ מענטש. ער האָט איר באַרויִקט. זאָל זי נישט זיין באַזאָרגט. ער איז אַן אלמן געוואָרן מיט אַ סך יאָרן צוריק. די קינדער זענען נאָך גאָר יונג געווען. חיים איז געבוירן געוואָרן — האָט ער זיך דערלויבט אויף אַ וויץ — לחיים.

אַ פאַרדמיונטע האָט זיך פנינה געאיילט פון פאַרק אַהיים. זי פילט נאָך זיין האַנט־דרוק בעתן געזעגענען זיך. זי זעט נאָך פאַר זיך זיין קערנדיק פּנים. אַמאָל, זעט אויס, געווען אַ שטאַלט־נער יונגערמאַן. איינער פון די יונגע אינטעליגענטע בחורים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט פאַרפונדעוועטע היימען, מיידלעך, געליבטע, קאַריערעס און געלאָזט זיך מיט וועגן אומוועגן קיין ארץ־ישׂראל. דאָ אָוועקגעלייגט די כּוחות, ווי מ׳זאָגט היינט מיט איראָניע: „גע־פּלאַסטערט כּבישים, געטעסעט שטיינער, כּיבוש עבודה, כּיבוש השממה״. זי איז אים מוחל, צען מאָל מוחל דעם „כשבאנו״. אַפּנים — זאָגט זי צו זיך — אַז די יוגנט אין אים האָט נאָך נישט אויסגעוועפּט. אויך זעט זי אין אים עפּעס אַזוינס, וואָס צווינגט צו גלייבן אין זיינע רייד.

✶

אין שטוב אויפֿן קיך־טישל האָט פּנינה געזען איר צעטעלע, וואָס זי האָט געלאָזט צום אַרויסגיין אויף דער באַגעגעניש: „אַלעקס, איך קום באַלד", נישט געגרייט קיין מיטאָג.

אומגערירט איז דאָס צעטעלע געלעגן אַזוי ווי זי האָט עס אַוועקגעלייגט. אָדער ער איז נישט געקומען, אָדער ער האָט זיך נישט געטאָן די מי דאָס צעטעלע איבערצולייענען.

אַלעקס. די ערשטע צײַט איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט פּנינהן טרעפֿן אין שטוב. אײַ, זי שטייט צו אים מיט דער פּלייצע, שווײַגט, בורטשעט עלעהיי אַ הינטל איידער ס'הייבט אָן בילן — זאָל זי. מאַלע, וואָס אַ ווײַב ברוגזט זיך. ער האָט איין מאָל איבער־געערדט דערוועגן מיט איינעם פֿון זײַנע קאָלעגן: „ווײַבערישע סאַנקציעס". דער קאָלעגע זאָל אים האָבן געענטפֿערט: „מיר וואָלט עס אָנגעגאַנגען ווי אַ קיצל פֿון אַ פֿליג אונטערן ווידל פֿון אַ פֿערד אין גאַלאָפּ".

ניין. ער וואָלט אַזוי נישט געזאָגט. כאָטש עפּעס ענלעכס האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט באשר מיט איר ליבשאַפֿט איז אים ענג אין מויל פֿון אַ מאַמע־חיה, וואָס טראָגט איבער אין איר מויל די ערשטגעבוירענע פֿון אָרט צו אָרט. ער האָט נישט פֿײַנט זײַן פּנינהן. פּנינה איז אים געטרײַ בלב ונפש. זי — וואָלט ער געזאָגט — האָט זיך צוגעוווינט צו זײַנע גענג, צו זײַנע מעשׂים. ער הערט קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט פֿון איר. איר שטומער צער, וואָס ער לייענט אַראָפּ פֿון איר פּנים טוט אים, למען האמת, וויי. אלא מאי? ער האָט נישט קיין צײַט צו איר, ווידמעט זיך ווייניק דער שטוב. דאָס גלײַכן — זײַן טעכטערל אין גימנאַזיע. ער האָט זיי ביידע ליב. אומעטיק וואָלט אים געווען אָן זיי. ער לעבט מיט זײַן חלום, זײַן ליבשאַפֿט צו פֿידל, מוזיק. מוזיק איז פּאָעזיע דורך קלאַנגען און אַקאָרדן. גייט ער ווען אויף אַ קאָנ־צערט, זעט ער, הערט אַן אויפֿטריט אין דער טעלעוויזיע — טוט עס אים אינעווייניק אַ צופּ. עפּעס רירט זיך אין אים, זינגט אין אים דער גאון פֿון באַן לודוויג וואַהן בעטהאָווען זאָגט ערגעץ:

„ווען איך הער עפּעס אין מיר, איז עס שטענדיק דער גרויסער אָרקעסטער".

און ער וואָס האָט אויסגעשפּילט? — אַ קלעזמער אין פּײַער־לעשער־אָרקעסטער.

דער פּאַרק, דער כּמעט פאַרגעסענער, זינט שורה איז אויפגעוואַקסן — איז אַצינד געוואָרן אַ טרעף־פּונקט. חיים האָט איר, למען האמת, פאַרבעטן צו זיך נישט ווײַט פון פּאַרק — שיכּון הוותיקים — אויף אַ קאַפע. ער האָט געזאָגט — זאָגט ער — לאַנגע שעהען אין טאָג. אין שטוב בײַ אַ קאַפע, אַ טיי איז אַ סך אָנגענעמער. פנינה האָט נישט געענטפערט. אַ קאַפע, אַ טיי — מילא. אָבער נאָך דער קאַפע? זי ווייסט נישט, זי ווייסט פּשוט נישט ווי אַזוי קומט מען אין אַ פרעמדער שטוב צו אַ מאַן, וואָס זי קאָן אַזוי ווייניק, כּמעט אַ פרעמדער מענטש. און וואָס פאַר דעם און נאָך דעם?

אַן אַלטער מאַן. איז וואָס? פאַר אים — האָט ער געזאָגט — איז זי אַ יונגע פרוי, אַ קלוגע פרוי. ווי אַזוי ענדיקן זיך אַזעלכע וויזיטן?

זי איז אין קיך, פנינה. שורה קומט פרי פון גאַס: חברטעס, אַמאָל אַ קינאָ, ים. מיטאָג דאַרף מען גרייטן. אפשר וועט ער זיך אַ ווײַז טאָן, אַלעקס. יאָ מיטאָג, נישט מיטאָג. זי ווייסט נישט צי דאַרף זי מיט אים איבעררעדן וועגן די באַגעגענישן מיט חיימען. אַ נײַע זאָרג אויף איר קאָפּ.

ס'ביוראָ פאַרמאַכט. ס'מאַשינדל, די אַלטע טראַנטע — פאַרקויפט אָדער איבערגעלאָזט ערגעץ אין אַ גאַראַזש, נישטאָ קיין קונים אויף דער „מציאה". מימי? מיט איר האַלט ער זיך נאָך דערווײַל. זי זעט אין זײַן פּנים, אין זײַנע נערוועזע באַוועגונגען, אין זײַן אײַנגעהאַלטענעם צאָרן, אַז איבערפרעגן וועגן די זאַכן אָדער סתּם אַ שאלה, וואָס קלערט ער צו טאָן — איז איבעריק. ער וועט דאָך נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ס'איז נישט אין זײַן כּאַראַקטער.

אַלעקסאַנדער. ער איז דאָך איר מאַן. זי האָט אים דאָך ליב. זי איז נישט געבויט אויף פּריַינטשאַפט מיט אַ פרעמדן מאַן. חיים, פילט זי, נייטיקט זיך אין אַ פריַינטשאַפט. זי איז נישט דער אַדרעס. — זי האָט מורא. נישט פאַר חיימען האָט זי מורא. פאַר זיך האָט זי מורא. אַן אַלמן. ער האָט ליב געהאַט ס׳צווייטע וויַיב — האָט ער איר געזאָגט. קיין סך אויף דער טעמע האָט ער מיט איר נישט גערעדט. צו קלוג איז ער, חיים, צו רעדן מיט אַ פרוי וועגן זיַין געשטאָרבענער פרוי, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

חיימס באַליבטע טעמע איז אַמאָל... אַמאָל... היַינט — חזרט ער איבער — ריַיסט מען אויס ביימער, מ׳קאַרטשעוועט אויס פרדסים און מ׳שטעלט אויף זייער אָרט בנינים, הויכשטאָקיקע היַיזער, בתים משותפים, האָטעלן, וויליעס שטעלט מען אויף. אַן אַנדער וועלט היַינט, אַן אַנדער לעבן. אויך ס׳משפחה־לעבן איז נישט ווי אַמאָל. גטן, איין עלטערן־משפחה, מ׳צעשיידט זיך, מ׳וווינט באַזונדער, מ׳פאַרלאָזט אַ וויַיב, קינדער. קינדער — דער ערשטער קרבן פון אַזאַ לעבן. די משפחה איז דאָך, אייגנטלעך, דער יאָדער, דאָס קערנדל וואָס צעוואַקסט זיך אין אַ שבט. אָנגעהויבן האָט זיך עס דאָך פון דער משפחה. משפחה — שבט, פון שבט — אַ פאָלק, פון פאָלק — די געזעלשאַפט, די מענטשהייט. עפּעס — זאָגט ער — האָבן מיר אַ דורכפאַל מיט דער מענטשהייט — אַ צוזאַמענדיקייט פון יחידים. אַז דער יחיד טויג נישט, דער יחיד איז אַ דורכפאַל — איז וווהין גייט די מענטשהייט?

חיים, דער אַלטער, קלוגער חיים. אַן משפּחה האָט די געזעלשאַפט נישט קיין קיום — זיַינע ווערטער. און באַלד האָט ער אַ משל: „נעמט אַ בילד אין אַ ראַם, צעברעכט זיך די ראַם — פאַלט אַרויס דאָס בילד.״

ווידער פינעף טעג חיימען נישט געזען. נישטאָ וועמען צו פרעגן. אומגעריכט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, אומגעריכט אָוועק. פינף טעג זיך אויסגעקוקט די אויגן. אין שטוב געשטאַנען ביַים שפּיגל, אויסגעסטראָיעט זיך פאַרן גיַין אין פאַרק. חיים — נישטאָ.

די באַנק — ליידיק. זי וואָלט אים נישט געוואָלט פאַרלירן. זי וויל נישט די באַקאַנטשאַפט זאָל זײַן אַן עפּיזאָד. זײַן דערשײַנען פאַר איר, זײַנע רייד, זײַן שווײַגן ווען מ׳דאַרף — רופט אַרויס בײַ איר נייגער. זײַן טונקל־גראָלער אויבערהעמד, אַ מין רובאַשקע אין וואָס זי זעט אים איטלעכס מאָל, זײַן געדיכטער, גראָער קורץ געשוירענער קאָפּ האָר, אויסגעווינקלטער שטערן, ס׳זיצן אָפּגעזונדערט מיט אַ צײַטונג אין ביידע הענט ווײַט פון גערודער, פּלאַפּלערײַ פון די ווײַבער, קינדער, פאַרבײַגייער — אַן עקזאָטי־שער פויגל האָט ער איר אויסגעזען.

אין די קרוב דרײַסיק יאָר וואָס זיי זענען דאָ, זי און אַלעקס, האָט זי אַזאַ מענטש נישט געזען, נישט געהערט אַזעלכע רייד. טאַמער ווייניק, האָט ער בעת דער לעצטער באַגעגעניש — זי האָט נישט געזאָגט אַז ס׳וועט זײַן די לעצטע — שטאַרק זיך גע־קלאָגט אויף די הײַנטיקע פּאַראַנדקעס:

אַ שחיטה אויף די שלאַנקע ברושים און פּרדסים. שווערע־ר געריוש פון די בולדאָזערס, אַכזריותדיקער געקלומפּער פון רעדער, פון אײַזערנע ציין, וואָס עסן זיך אײַן אין שוואַרצן באָדן. אַ לע־בעדיקע, אַ פאַרגוואַלדיקטע ציטערט די ערד אונטערן פּילטאָניקן אײַזערנעם כּוח פון דער מאַק־מאַשין, וואָס מעקט דאָס געפּלאַנץ פון געוויקסן, די נײַע גרינע לאַנדשאַפט. אַ שטיק לעבן, זײַן לעבן מעקט מען אויס פאַר זײַנע אויגן.

אויך די סאַברעס, די גוטע באַטעמטע פּרי צום עסן, ווערן ווייניקער. דער סיקאָמער, דער אַלטער היגער בוים, דער תּמיד גרינער, אין נידערלאַנד פון מדבר און צפון־נגב — זעט מען ווייניקער.

ער האָט נישט איין מאָל זיך געקוויקט מיט דער פּרי — גרינלער־רויט, קליין, ווי אַ פײַג — בעת ער האָט געוואַנדערט אין יענער געגנט. אויך אַ שאָטן האָט דער בוים געגעבן אונטער יענעם הײַסן הימל.

צוזאַמען מיט דער ערד, וואָס טוישט איר פּנים, ווערן נעלם

די פּנימער פון אַמאָל, אַמאָל, פון מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק, פון יענע וואָס האָבן די ערד באַאַרבעט, פּרדסים געפלאַנצט. נאָך היינט איז ליידיק דער דרום — צוויי־דריטל פון ישׂראל.

כאָטש ס׳האָט אַרויסגערעדט פון אים פאַרדראָס, האָט זיין פּנים נישט פאַרלוירן דעם יונגן שמייכל — אַ קאָנטראַסט צו זיין אַלט־קערנדיק פּנים און יונגן קול. אַ היימישער טאָן. אַ זעלטענע קלאָרקייט. זיין בליק — אַ שטרענגער און אַ וואַרעמער. עפּעס מדבּרדיקס, מענטשלעכס אין אים, אַ חלום אַ לאַנג־פאַרגעסענער פון חלוצישע יאָרן און אַ ניכטערקייט האָט פון אים אַרויסגערעדט.

דעם פינפטן טאָג גייט זי פאַרביי דאָס שמאָלע אַספאַלט־שטעגל פון טויערל צו טויערל, וואַרפט בליקן אויף דער באַנק. אַ ליידיקע באַנק. מיטאָגצייט אַצינד. זי דאַרף זיין אין שטוב. שורה איז אַליין אָדער מיט אַ חברטע. זי וואַרט אויף איר. זאָל ער, חיים, האָבן פרי געקומען און פרי אַוועקגעגאַנגען? וויל ער זי נישט זען מער? ער ווייסט דאָך ווויל, אַז זי באַגערט אים יאָ זען. אפשר אָנגעברוגזט זיך? זי איז געזעסן ווי אַ גלאָמב, געלאָזט אים רעדן און געשוויגן. ער וויל איר באַקענען נענטער, הערן פון איר ווי לעבט זיך זיי, די טאָכטער וואָס מאַכט — האָט ער איר נישט איין מאָל ברמז געפרעגט. אַביבע, אַביבע — פאַלט איר איין אַ געדאַנק אויפן וועג צוריק אין שטוב אַריין — אַ שפּיצל האָט ער איר אָנגעטאָן, דער אַלטער יונגערמאַן, ווי אַמאָל אין די סטודענטישע יאָרן, אַ „קאַוואַל״. ס׳איז ממש צו שמייכלען, ווען עס זאָל פאַר איר נישט זיין אַזוי ערנסט.

13

דאָנערשטיק פאַרנאַכט. אַ הייסער פאַרנאַכט. נאָענט פון ים איז דער רעסטאָראַן, וווּ אַלעקס איז אַן אָפטער אַרײַנגייער. אַ סך פון די קינסטלער און באָהעם־מענטשן טרעפט מען דאָ. אַלעקס האָט געוואָלט אַרײַנגיין און זיך אָפּגעהאַלטן. אַ ביר, אַ לײַכטן צובײַס וואָלט נישט געשאַדט — טראַכט ער. דער חוב, די לעצטע עטלעכע וואָכן אויף „באָרג” — האַלט אים אָפּ. דער חוב וואַקסט אַן אַ רעגן. אַן אייגן טישל האָט ער דאָרט, שטייט עס די לעצטע וואָכן פאַריתומט. אויף אַ באַנק נישט ווײַט פון דער שפּאַציר־טראַסע בײַם ברעג ים זיצט ער. ער איז מיד. אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס. טעלעפאָנען. געפּרוּווט זיך פאַרבינדן מיט „זײַנע” מענטשן, פּאָטענציעלע אָנטיילנעמערס אין די אויספלוגן. געוואָלט אַראַנזשירן אַן אויספלוג קיין אילת. נישט געלונגען. איין דורכפאַל נאָכן צווייטן די לעצטע צײַט, פּונקט פאַרקערט ווי אין אָנהייב. אַ פּאָרעניש מיט טעקסיס. זײַן טראַנטע, די „מציאה” האָט אים בדיל הדל געשטעלט.

פײַערפליגן פון פאַרנאַכטיקע וואָלקנס גליווערן איבערן ים. ווײַטלעך אַראָפּצו מיטן וועג אויף יפו ווערן די שאָטנס אַלץ לענגער. האַלב אין וואַסער שטייט די זון אַ פאַרגאַפטע אַ שטייגער פאַרהאַלטן זיך אַ ישוב כאַפּן צי איז שוין צײַט צו מאַכן נאַכט. ער האָט נאָך נישט באַשלאָסן זאָל ער אַראָפּגיין די עטלעכע טרעפּלעך, וואָס פירן צום ים, אַראָפּוואַרפן פון זיך ס'אָנטאָן, אָפּפרישן דעם גוף, ס'פּנים. אַ גאַנצן טאָג אַרומגערודעוועט, כּמעט גאָרנישט געהאַט אין מויל, אפשר דאָך און פאָרט אַרײַנכאַפּן זיך אין רעסטאָראַן.

מאָדנע. ער איז צו פֿויל געוועזן אויףביידע. נישט קלאָר פֿאַר אים אַליין, וואָס גראָד אין די רגעס האָט זיך אים פֿאַר־בענקט — יאָ, פֿאַרבענקט — צו זײַן אין שטוב. פנינה, די שטילע טרויעריקע פנינה, זײַן ווײַב, האָט זיכער עפּעס אָנגעגרייט צו נעמען אין מויל אַרײַן, אויך אַ קאַלטן טרונק.

יאָ, צו זײַן ווײַבס ליפּן, די פּריילעכע ליפּן אַפֿילו ווען זיי זענען אומעטיק — האָט זיך אים אַצינד פֿאַרוואָלט. און שורהלע, שורה שוין געענדיקט גימנאַזיע. אַ גרויסע טאָכטער האָט ער שוין. ער זעט זי אַזוי ווייניק. זי זעט אים אַזוי ווייניק. רעדט מיט ביידע ווייניק. אָבער פנינהס פֿאַרצערטע פּנים זעט ער יאָ. זי לײַדט, זײַן ווײַב. ער איז דער גורם פֿון אירע לײַדן. ער באַוווּנ־דערט איר בלינדע עקשנות, איר גרייטקייט צו באַדינען אים כאָטש ער זעט באַשײַמפּערלעך, אַז זי לעבט עפּעס איבער, פֿאַר וואָס איז ער מזלזל מיט איר געטרײַשאַפֿט? סך הכּל אַ ייִדישע מידה, אַזאַ געטרײַשאַפֿט צו אַ מאַן גייט איבער פֿון דור צו דור. אַמאָל האָט אַזאַ פֿרוי געחלומט בײַ די הונדערט און צוואַנציק זײַן אַ פֿוסבענקעלע בײַם מאַן אין גן־עדן. אויף אים — ווייסט ער, אויך זײַן פנינה ווייסט — אַז ס׳וואַרט אים נישט דער גן־עדן.

אויך דאָס מאָל — שוין נישט דאָס ערשטע מאָל — האָט אַלעקס זײַן ווײַב אין שטוב נישט געטראָפֿן. שוין נאָכט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע אין סאַלאָן. אפֿשר וועט שורה זיך אַ ווײַז טאָן. כאָטש אַ גלאָז טיי, אַ קאַלטן טרונק אים דער־לאַנגען. ער איז מיד, אויפֿהייבן זיך צוגיין צום פֿריזשידער אין קיך האָט ער נישט קיין כּוח. פֿון מידקייט פֿאַרגעסן אַראָפּצוציִען פֿון זיך ס׳אויבערהעמד, אָפּוואַשן ס׳פּנים, די הענט. מיט דער פּלייצע אין אָנלען, קאָפּ אויף אַהינטער אויף ביידע פֿאַרוואָרפֿענע הענט זיצט ער. טונקל אין שטוב. שאָטנס שפּרייטן זיך אויף די ווענט. עס גלוסט זיך נישט, ער האָט אויך נישט קיין כּוח אויפֿהייבן און אַרויסדרייען ס׳ליכט.

ווו איז זי זײַן ווײַב, שורה ווו איז? פֿאַר וואָס גיט ער פֿריִער

נישט קיין קלונג — זאָגט פנינה, אַז ער קומט. זי ווייסט נישט: יאָ גרייטן מיטאָג, נישט גרייטן מיטאָג. פאַר זיך און פאַר שורהן לוינט זיך נישט פּאַרען אין קיך. פאַר וואָס, צום טײַוול, זעט ער נישט קיין צעטעלע? אויך צעטעלעך לוינט זיך איר נישט צו שרײַבן?

אַ מידער, אַ פאַרדמיונטער זיצט ער, טראַכט און דערטראַכט זיך נישט צו קיין סוף. אייגנטלעך — פעלט אים איין אַ געדאַנק — שטאָט אַהיימגיין געקענט זיך אַרײַנכאַפּן צו מימין. זינט ס׳ביוראָ איז געשלאָסן אַרבעט זי אין אַ בוטיק. נישט ווײַט פון רעסטאָראַן וווינט זי. אין דער פאַרנאַכט־שעה האָט זי אַ ברירה צו זײַן אין שטוב. ער ווייסט אויך ווו זי לאָזט דעם שליסל קוים קומט ער און טרעפט זי נישט.

יענע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרײַטיק האָט אַלעקס זיך אויפגעכאַפּט פון זיצנדיקן שלאָף זייער שפּעט. קאָנטיק אַנטשלאָפן געוואָרן אַזוי־אָ אויף עטלעכע שעה. מיד, פאַרגעסן אין הונגער. פאַרגעסן אַרומקוקן זיך צי איז פנינה, שורה אין שטוב. מיט אַ לאַנגן פאַרשלאָפענעם גענעץ — אַ גענעץ אויף המשכים — האָט ער זיך געפּרוּווט אויסטשוכען. אַצינד — זאָגט ער צו זיך — אַלעקס, הייב זיך אויף און גיי לייג זיך.

אָוודאי פאַרדראָסיק וואָס ר׳האָט קיינעם נישט געטראָפן אין שטוב, אויך ס׳בעט איז ליידיק. ס׳וואָלט אים נישט געאַרט. אפשר איז זײַן ווײַב מיט דער טאָכטער געגאַנגען אין אַ קינאָ. ס׳גייט אים ווייניק אָן. ווייסעבוואָס. די לעצטע טעג, וואָכן טרעפט ער זײַן ווײַב מיט דער טאָכטער שושקען זיך. אַ חברטע געוואָרן איר די טאָכטער. ס׳וואָלט אויך דאָס אים נישט אָנגעגאַנגען ווען די שטוב איז אַ שטוב ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. אײַ, ער פירט זיך נישט אויף ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. ער מיינט, אַז צו דעם האָט זיך שוין צוגעוווינט זײַן ווײַב.

ער דערמאָנט זיך אין מימין. זינט ער האָט געשלאָסן ס׳ביוראָ, זי אַהיימגעשיקט, האָט ער אָבער נישט איבערגעריסן מיט איר

די באַציאונגען. זי קלאָגט זיך פאַר אים: „דער באָס פון באָטיק (אַ זון פון איר טאַטנס אַ חבר, אַ טריפּאָליטאַנער) טשעפּעט זיך צו איר, האָט לאַנגע הענט. פאַרגעסט נישט אין אַיין וועגס דער־מאָנען אים, אַז ס'איז שווער אויסצוקומען פון דעם געהאַלט. זי וווינט אויף שכירות, צפון תל־אביב קאָסט געלט. לעבן מיט אַ מיידל קאָסט אויך, דאַרף קאָסטן געלט.״

אַלעקס. פאַר וואָס וויל ער זיך נישט גטן. צוויי פרויען אויס־האַלטן — און די געשעפטן זענען שוואַך — איז נישט אַזוי פשוט. ביסט דאָך — זאָגט זי — אַ קלוגער, אינטעליגענטער מאַן ווי אַ קינד פירסטו זיך. וואָס איז מיט דיר? קומסט צו מיר און לויפסט פון מיר אַוועק צום ווייַב. האָסט נישט קיין בלוט. מיץ עגבניות האָסטו, אַלעקס.

זי האָט אים ליב, מימי. זי וויל מיט אים חתונה האָבן. און ער האַלט זי אין איין פרעגן:

— ווילסטו חתונה האָבן?

— נמאס מיר די מענער. חתונה האָבן און חאַלאַס, אַ סוף זאָל עס נעמען.

אַן אויסגעטועגער ליגט ער אין בעט. האַלבע נאַכט און ער קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן. אַז אַ מענטש טראַכט קאָן ער נישט שלאָפן. ווייַל ער קאָן נישט שלאָפן — טראַכט ער. ער וויל אָפּ־יאָגן די געדאַנקען און זיי קומען צוריק.

אָפּגערעדט זיך מיט איר פּרייַטיק פאַר מיטאָג גיין צום ים — דערמאָנט ער זיך. דער באָס וועט איר פּרייַטיק באַפרייַען צוויי שעה פריִער. אַט־אַט דאַרף ער זיך אויפהייבן. פנינה איז נישטאָ אין בעט. ער הערט זיי ביידע, דער מאַמען מיט דער טאָכטער בייַ איר, שורהן, אין חדר. אַ נייַע „סאַנקציע״ — זאָגט ער צו זיך ער וועט שוין מוזן אין גאַס עפּעס כאַפּן אַ לייַכטן ביס, אַ קאַפּע אָדער טיי.

געמיינט האָט ער, למען האמת, פאַרנאַכט גיין צום ים. אַ קילע לופט און ס'וואַסער איז וואַרעם. קאָן ער אָבער פּרייַטיק

נישט. פּרײַטיק דאַרף ער זײַן פרי אין דער היים. אַ חזקה בײַ אים. דאָס איז אים געבליבן פון שטוב, פון זײַן פרומען טאַטן. אויך פנינה ווייסט דערפון. ווען ער קומט איז דער שבת גרייט.

זיך געטראָפן מיט מימי אין דער באַשטימטער שעה, אַזייגער דרײַ מיטאָגצײַט. מימי איז הונגעריק. זי וויל אויך אַ קאַלטן טרונק. אין „כּסית״ קאָן מען אויך באַשטעלן אַ פּאָרציע געפילטע פיש, אמתדיקע שבתדיקע פיש, אַ פּעניצל חלה, כריין. אַ ביר וועט אַוודאי נישט שאַטן. ער מוז, צוליב מימין מוז ער אַהין אַרײַנגיין. ער וועט זיך ווי עס איז צערעכענען מיטן באַלעבאָס. ער איז אַ חברהמאַן דער באַלעבאָס פון „כּסית״. ער, אַלעקס, איז נישט דער איינציקער וואָס האַלט זיך בײַ אים אויף „באָרג״.

14

זיצט מען אין „כּסית״. נאָך אַ שטיקל פיש, אַ ביר. מיטן עסן — זאָגט אַ ווערטל — קומט דער אַפּעטיט. מימי שטייט אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס. קונים. דער באָס רירט זיך נישט פון אָרט. זי דאַרף באַדינען, רעדן צורעדן, אויסקלויבן די סחורה. טרונקן איר אין האַלדז. נאָך אַ ביר. אַ שטיקל קישקע וואָלט נישט געשאַדט. דער באָס דער קמצן זאָל אַרײַנבּרענגען אַ טרונק. אַ קמצן, אַ נודניק, לאָזט פרײַ די הענט צו די מיידלעך, פּרוּיען וואָס קומען אַרײַן. נישט אַלע קויפן. אויף אַ טשעפּע טאָן איז ער נישט קיין קמצן.

זיצן ביידע בײַם טישל: זײַן, אַלעקס׳ טישל איז שטענדיק פרײַ, אַפילו ווען ער קומט נישט. דאָס קאָסט געלט, אָבער ס׳איז ווערט. מימי האָט הנאה, פאַסמאַקעוועט, ציט צונויף די ליפּן אויף אַ קוש, בייגט זיך צו צו אים. ער בייגט אָפּ ס׳פּנים, זײַן בליק וויל זאָגן:

— השתגעת? ביסט משוגע? דאָ, אין „כּסית״?

— ס׳וואָלט נישט געשאַדט — זאָגט זי מיט דער זעלבער מינע אויף די ליפּן, אַ קליין כּוסעלע קאָניאַק.

— נאָך אַ ביר. קאָניאַק? שווין אויף אַן אמת שיכּור.

— פריער באַדאַרפט זאָגן „סליחה״ — פּרוּווט זי זיך פאַר־ענטפערן, און טאַקע אַ שטיקל קישקע, מותק שלי...

מימי האָט פון איר כּוסעלע קאָניאַק אָפּגעגאָסן אַביסל אין אַלעקס ליידיק כּוסעלע, מ׳האָט געמאַכט אַ לחיים. אַרויסגעענדיקט די פיש. די קעלנערין ברענגט צו אַ טעלער מיט אַ גרויס שטיק קישקע. מימי שנײַדט און לייגט אין מויל אַרײַן. זי קייט — קײַן

איז נישט הבל — זאָגט ער צו זיך און מימיס צונג איז דאָס מאָל מער ווי תּמיד אויפגעבונדן. אַ פול מויל מיט עסן מיט שמינ־קע פון די ליפּן, מיט רייד. זי דערציילט פון די קונים, אייגנטלעך קונות, פון באָס מיט זײַנע נאַרישע פּרעכבע חכמות און ס׳פּרײַ־לאָזן זײַנע הענט.

אַלעקס איז אויפגערעגט. סך־הכּל האָט מען גערעדט פון אַ קאַלטן טרונק און גיין צום ים. ער דאַרף פרי זײַן אין דער היים. און זי האָט זיך פאַרגעסן. באַשטעלט אַ סאָדע, אַן אײַזקרעם, אַ קאַפּע הפוך. זי פאַרמאַכט נישט דאָס מויל. ער דאַרף שטיין מיט דער קעשענע. אַ ליידיקע קעשענע. אירע נאַרישע רייד מיטן מויל נישט דערקײַטן עסן נודזשעט אַרויס די גאַל. און ווייסן ווייסט ער, אַלעקס, נכנס יין, יוצא סוד. בפרט, אַז זי רעדט אַ סך, פאַרגעסט ווי זי געפינט זיך. אַלעקס וויל דערציילן וועגן זײַן נעכטיקער נאַכט, האַלב אין אַנטאָן, האַלב אַן אויסגעטועוער, נישט געקענט שלאָפן. גאַרנישט געגעסן, אַ ליידיקער פּרידזשידער. ער פּרוּווט אָנהייבן און מימי לאָזט נישט:

— אל תפריע לי — שטער מיר נישט.

ער מוז הערן, וואָס נעכטן אין אָוונט איז מיט איר געשען. איר באָס, דער אַלטער קאַוואַלער, דער פליבעוואַטער מיטן גראָבן בויך, נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר. „אל תגע בי״, ריר מיך נישט אָן, איך האָב אַ חבר — זאָגט זי — אַ באַוויבטער מײַן חבר, אָבער מיך האָט ער ליב, וויל מיט מיר חתונה האָבן. „איך פאַרבעט זיך צו דיר״ — מאַכט ער. אַ חוצפּה פון אַן אַלטן קאַ־וואַלער. נו, וועט זי גיין אײַנטענען מיט אים? אַרום אַזייגער צען בײַנאַכט — אַ קלונג אין טיר. ווער זאָל עס זײַן אין אַזאַ שפּעטער שעה? זי קוקט אַרויס פון טיר־אייגל, נו, ווער איז דער אומ־געבעטענער גאַסט?

— אַצינד בײַם טישל פרעגסטו מיך?

— כ׳מיין קעגן... אַ חוצפּהניק, און וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַררייטלט, אַלעקס?

ער שווייַגט.

— אייפערזיכטיק?

— דו, מימי, האָסט פון לאַנג שוין אויפגעהערט זיך רייטלען...

— אַלעקס, תּפסיק עם החכמות שלך — הער אויף מיט דייַנע חכמות.

— אפשר וואָלסטו אויפגעהערט מיט דייַנע נאַרישקייטן?

— אַלעקס, וואָס איז מיט מיר?

— מיט דיר וואָס איז? מ'האָט דאָך געוואָלט גיין צום ים.

— הייַנט שוין נישט. אַ צווייט מאָל. כ'בין מיד. גלייַך פון דער אַרבעט געקומען. פיר מיך אַהיים.

— ס'ט פאַרגעסן. כ'האָב נישט ס'מאַשינדל. נו, דערצייל, ענדיק ס'פּלאַפּלערייַ.

— נו, פרעג איך דיך, לאָזן אים שטיין הינטער דער טיר?

— פרעג מיך ווייניקער.

— כ'מיין... געמאַכט אַ טיי. אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, געמיינט אים פּטור ווערן. איך גיי מאַכן אַ טוש, זאָג איך. וועט ער זיך אויפהייבן און גיין. ס'הייבט זיך נישט אָן.

— איכ'ל צוּוואַרטן — מאַכט ער.

— אויף וואָס וואַרטן, שמואל?

ס'ערשטע מאָל האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעריסן זייַן פּריוואַטער נאָמען.

— מיר זענען דאָך היימישע, נאָענטע פרייַנט. העכער אַ יאָר אַרבעטסטו בייַ מיר — דוצט ער איר שוין.

— אז מה? — איז וואָס?

— גאָרנישט. ס'ט דאָך געוואָלט מאַכן אַ טוש.

— מימי, קענסט עס מאַכן בקיצור? ווער דאַרף דאָס בכלל וויסן?

— שוין ווידער, חביבי?

— וועמען גייט עס אָן, פרעג איך, צו אַלדע שוואַרצע יאָר. צוליב וואָס דערציילסטו מיר דאָס?

— מה יש, וואָסי ? — אויפגערעגט זיך, אַזש אויפגעשטעלט זיך ? — ווו לויפסטו ? וואַרט אַ סעקונדע, אָט ענדיק איך ס'שטיקל קישקע — הייבט זי אויף איר קול און ווײַזט אַ פול מויל מיט האַלבצעקײַעט עסן.

— עס און רעד ווייניקער — רעדט ער שוין העכער.

— אַלעקס טייערער, מותק, אויף וועמען שרײַסטו, זעץ זיך אַנידער.

— איך גיי צום בופעט צאָלן.

— מירן נעמען אַ טעקסי און אַהיימפאָרן.

— איך דאַרף הײַנט, פּריײַטיק, פּרוּוער זײַן אין שטוב.

און אַלעקס לאָזט זי בײַ אַ האַלבער פאַרציע קישקע אין טע־לער. איידער זי קוקט זיך אום איז ער נעלם געוואָרן.

✶

מימי ענדיקט עסן. ליידיקט אויס די האַלבע קופּלע ביר. זי קוקט זיך אַרום. נאָך מענטשן בײַ טישלעך זעט זי. ערשט זי כאַפּט זיך — הויך גערעדט, אַ סך גערעדט. מענטשן האָבן אַוודאי גע־הערט. אפשר נישט באַדאַרפט אָנהייבן דערציילן. זי קוקט זיך נאָכאַמאָל אַרום, באַטראַכט די מענטשן. כּלומרשט רויִק זיצט זי, אָבער אינעווייניק, ווי עפּעס אַ מײַזל וואָלט געגראַבלט. זי הייבט זיך אויף. אַן אויסגעגלײַכטע, אויף הויכע פּיס מיט טריטלעך לײַכטע צום טאַקט פון דינע הויכע קנאַפּלעך שטייט זי שוין בײַ דער טיר. צוויי־דרײַ טריט אין דער ברייט פון טראָטואַר, פּרוווט נאָך אַ קוק טאָן, זוכט אַלעקסן מיט די אויגן און אַ געשריי — אַלעקס ! רײַסט זיך אַרויס פון איר מויל, כאַטש זי ווייסט, אַז ער איז שוין נישטאָ. ער איז ווײַט, ר'וועט נישט הערן. אַ, די פּוילישע מיט זייער האָנאָר. אויפן ראַנד טראָטואַר פאַרהייבט זי אַ האַנט. אַ טעקסי שטעלט זיך אָפּ און שוין איז זי אינעווייניק.

אַ מזל האָט זי — רעדט זי צו זיך אַליין — וואָס ער האָט איר איבערגעריסן אין מיטן, קוים נישט וואָלט זי אויסגעשאָסן

דעם גאַנצן אמת. החיים והמוות ביד הלשון — האָט איר אַלעקס איין מאָל געזאָגט. זיך פאַרגעסן. אוי, דאָס ביר, ס׳כּוסעלע. נאָך עפּעס האָט איר אַלעקס געזאָגט: אַ מיאוס מיידל טאָר מען נישט טאָן קיין קוש. פאַר וואָס? — האָט זי אים געפרעגט. אַלעקס האָט געענטפערט: „ווייל זי לויפט זיך באַרימען״. אַלעקס מיט זיינע ווערטלעך. איז זי אַ מיאוסע? פאַר וואָס שיקט מען צו איר הענט? — האָט זי אים געוואָלט פרעגן. נו, בעסער אַזוי.

אַלעקס. ער וועט פרעגן. ער וועט פאַרשן. ער גלייבט איר נישט. זי האָט אים ליב. זי וויל מיט אים חתונה האָבן. און נאָ דיר — אָנגעצונדן זיין פּנים, אויפגעהויבן און אַנטלאָפן. אפשר איז ער גערעכט. זי האָט גערעדט שטויות, געפּלאַפּלט. אַריין בלויז אויף אַ קאַלטן טרונק נאָך דעם צום ים און זי האָט זיך צערעדט. אַלעקס דער שיינער שטאַלטנער מאַן, אַן אמתער איי־ראָפּעער, אַן אינטעליגענט, אַ מוזיקער. שוין עטלעכע מאָל געברוגזט זיך און צוריקגעקומען. נייִן, הייַנט האָט ער אויף אַן אמת זיך באַליידיקט, דער גבר, דער מאַן אין אים האָט זיך באַליידיקט.

ערשט זי דערמאָנט זיך: נאָך זיין, דעם באָס׳, אַוועקגיין איז זי נאָכאַמאָל אַרייַן אין דער וואַנע, אַרומוואַשן זיך. פון שפּיגל האָט אַרויסגעקוקט ס׳פּנים — נישט איר פּנים — אומרויִק, בלייך, די שמאָלע עטוואָס לענגלעכע אונטערגעריסעוועטע אויגן — נישט צו דערקענען. אָנגעברוגזט, אויף וועמען אָנגעברוגזט? האָט ער זי פאַרגוואַלדיקט, אויף כּוח גענומען שמואל? זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט אונטער די פּאַכוועס, אונטערגע־האַלטן די בריסטן — שמאָלע לענגלעכע חלות — זייער סימעט־רישע רונדיקייט איז איר גראָד געפעלן.

זי האָט אין אָרדענונג געברענגט די צעפּלאָשעטע האָר, אַרייַן אין בעט. סיי ווי איינשלאָפן האָט זי נישט געקענט. ווי אַזוי איז עס געשען הייבט זי נישט אָן צו וויסן. זי געדענקט נישט זי זאָל האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו אירע קליידער. דאָס האָט ער זיי

ביז נאַקעט פון איר אַראָפּגעצויגן. עס איבלט איר פון זיך. צו אירע נאָזלעכער — נאָך אַלץ צעפּליגלטע — שלאָגט אַ ריח, ווי פון אַן אומריינער בײַכלדיקער כוואַליע, וואָס יאָגט אָן פון מיטן ים צום ברעג.

אַלעקס. הלמאַי איז ער נישט געוועבט, איר אַלעקס? אין אָנהייב באַקאַנטשאַפט האָט ער זי געפרעגט, עטלעכע מאָל גע־פרעגט: „ווער ביסטו, כ׳מיין טאַטע, מאַמע. איך וויל וויסן מיט וועמען איך האָב צו טאָן?" נישט כּדאַי צו רעדן — האָט זי מער מיט דער האַנט ווי מיטן מויל אים געוואָלט אָוועקמאַכן. וואָס האָט זי צו דערציילן? אַ גרויסע נפקא מינא, איר ביאָגראַפיע... אַ מיידעלע פון עלף־צוועלף יאָר — אין אַן אַנשטאַלט פון יתומים, כאָטש זי איז אַ האַלבע יתומה געווען. אַנטלאָפן. פרי אָנגעהויבן מיט יינגלעך, צוציקעס, הויך און דאַר. גערעדט מיט הייזעריק־שרײַענדיקע קולות קרײַענדיקע הענדלער. אַלעקס איז דאָך דער ערשטער געווען, וואָס האָט איר אַ קוש געטאָן. אַ קוש פון אַ גבר, אַ מאַן, איינער פון יענע ערשטע, שטאַרקע, וואַרעמע קושן, וואָס מ׳קאָן נישט פאַרגעסן. וועגן זיך האָט ער ווייניק גערעדט: גע־וועזענער סטודענט, מוזיקער, געוואָלט... געמיינט... אַלעקס, זײַנע רייד, דער ריח פון זײַן מויל, זײַן פּערזענלעכקייט. ערשט בײַ אים, מיט אים דערפילט צום ערשטן מאָל, וואָס מ׳מיינט ליבע. אַ סך מאָל האָט זי דאָס וואָרט ליבע געהערט פון אַנדערע, נישט געוווסט די באַדײַטונג דערפון, אַלעקס, מסכּן, תּפרן.* ער וועט איר נישט גלייבן. זי גלייבט אים יאָ. ס׳איז אים שלעכט. ער שלאָפט מיט זײַן ווײַב און ער האָט ליב אַן אַנדערע. איר, מימין, האָט ער ליב. נישט איין מאָל איר געפרעגט, איבערגעחזרט:

— ווילסט חתונה האָבן?

— יאָ. נמאס מיר די מענער. כ׳וויל חתונה האָבן.

---

* נעבעך, אָן אַ גראָשן.

ער קאָן זיך נישט דעצידירן, אַלעקס. צריך לחתור. מ׳דאַרף שנײַדן, ענדיקן. אַן אָפּעראַציע. יאָ, ס׳טוט וויי. אַז מ׳שנײַדט טוט וויי. די צײַט היילט. ווו איז ער אַצינד? — פרעגט זי זיך. מיטן ווײַב, מיט דער טאָכטער. איי, אַלעקס, אַלעקס. ווען זי קאָן צו אים כאָטש אַ קלונג טאָן, זײַן קול הערן. אָ, ניין. עטלעכע מאָל איר אָנגעזאָגט, נישט קלינגען אין שטוב אַרײַן. אומגליקלעכער אַלעקס.

15

דאַרף זיך עס מאַכן פּונקט פּריַיטיק. דאָס איז דער איינציקער טאָג וואָס מ׳זעט אַלעקסן אין שטוב אַ סך פּאַר ליכטבענטשן. אגב, שבת — זאָגט ער — האַלט אויף די זעקס וואָכנטעג. שבת קודש — חזרט ער איבער זיַין טאַטנס ווערטער. אַ גאַנצע וואָך אַרבעט מען פאַרן שבת. אויך פּנינה געדענקט: דאָנערשטיק פאַרנאַכט פלעגט די מאַמע אָפּירגיין פון דער נייימאַשין. פאַרהענגען זי און זונטיק אין דער פרי ווידער זיך געזעצט צו דער אַרבעט. אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס, פלעגט זי, פּערעלע, שטעקן די הענטלעך אין די ביַיטעלעך, איַינגעוויקלטע פּאַפּירלעך, וואָס זענען געלעגן אין קיישל, וואָס די מאַמע האָט מיט זיך געטראָגן פון געוועלבל, ווו זי האָט איַינגעקויפט אויף שבת: אַ געטרוקנטע פלוים, אַ ניסל, קערעלעך, אַ זיסן נאַש.

זיַין טאַטע — האָט איר אַלעקס דערציילט — דער „שוואַרצער מנשה מיטן וויינענדיקן פידעלע" איז געווען אַ פרומער ייִד, געפירט אַ ייִדישע שטוב. געוואָלט מאַכן דעם איינציקן זון פאַר אַ מענטש מיט זיַינע גרעסטענע הענט צו פידל, העלפן צו דער פרנסה. טענות געהאַט צו דער מאַמען באשר זי פּיעשטשעט איר זונדל, שיקט אים אין די שקאָלעס, קאָנסערוואַטאָריע. מאַלע וואָס אַ בן יחיד וויל. דער זיידע זיַינער, ר׳ אַנשל מלמד האָט געהאַלטן מיטן טאַטן. איין מאָל האָט זי אים געזען ביַי זיי אין שטוב. אַן אַלטער גראָער מאַן, אַ פרומער ייִד, אַ געוועזענער ישיבה־בחור — האָבן מענטשן געזאָגט. אַ גערער חסיד. ער האָט אַלעקסן, זיַין אייניקל, געשטאָפּט מיט מעשׂיות פון דער תּורה. נישט אַלץ קען מען געדענקען. איין מעשׂה חזרט ער אַ סך מאָל איבער:

דער תּלמוד זאָגט, אַז נישט נאָר אמונה איז בײַ יִדן וויכטיק. דער עיקר איז דער לעבנסשטייגער פון אַ ייִד צווישן ייִדן און צווישן נישט־ייִדן בלײַבן אַ ייִד. דער תּלמוד האָט געלערנט דעם פֿאָלק גוטע מידות און שיינע מעשׂים, געאיידלט זײַן כאַראַקטער, געוויזן אַ וועג סײַ אין גאַס סײַ אין שטוב, אין שלאָף און אויך אויף דער וואָך, צווישן אייגענע און פֿרעמדע.

איין וואָרט האָט פּנינה נאָכן אויסהערן געזאָגט:

— נו? — וואָס מיינסטו? „ווי פֿירסטו זיך אויף אויף דער גאַס און אין שטוב?".

— אַ קשיא אויף אַ מעשׂה פֿרעגט מען נישט.

— איז דאָס בײַ דיר אַ מעשׂה?

— דאָס וווינען אין ארץ־ישׂראל — האָט געזאָגט דער זיי־דע — וועגט איבער אַלע מצוות אין דער תּורה.

— ביסטו אַ חכם פֿון דער מה נשתּנה.

פּנינהס הענט אַרבעטן און דער קאָפּ רוט נישט. אַ ליאַדע רגע קומט ער, אַלעקס. מ׳דאַרף זיך אַליין אויך אויפֿראַמען. „אַן אייגענעם מאַן דאַרף מען אויך געפֿעלן" — האָט זי דאָס ווערטל ערגעץ געהערט. אַלעקס קומט פֿון גאַס. פֿון דער גרויסער שטאָט קומט ער. טאַקע שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק, אָבער אויגן, אַ נשמה האָט ער יונגע. זי האָט נאָך אַ סך צו טאָן. זי וויל, ווי זי פֿירט זיך אַלע יאָרן, אַז אַלעקס קומט זאָל אַלץ זײַן גרייט. אויך זי זאָל זיך נישט פֿאַרען אין קיך. אָט עפֿנט זיך די טיר, ער איז דאָ.

— הײַנט פֿריִער ווי תּמיד, וואָסי, זיך פֿאַרבענקט צום ווײַב?

אַלעקס שווײַגט. לויט איר זײַטיקן קוק אויף אים געפֿעלט איר נישט זײַן פּנים: בלייך, אַ נערוועזע נאָז. די אויגן זײַנע, טונקל־גרינע אויגן — פֿאַרכמאַרעט, אָנגעברוגזט.

— איך בין הונגעריק.

— ווו ווילסטו עסן, אין קיך צי אין סאַלאָן?

— פֿרעג מיך בעסער גרינגערס.

— וואָס בעסטו זיך, אויף וועמען? פֿאַר וואָס? גאַנצע טעג זעט מען דיך נישט. אַרײַנגעקומען און בייזערט זיך.

אַלעקס שווײַגט. ער זעט אויס מיד, ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, זוכט מיט די אויגן ווו זיך אַוועקצוזעצן. זײַן ווײַבס רייד געפֿעלן אים נישט. ס'ערשטע מאָל הערט ער פֿון איר אַזעלכע ווערטער. אין אירע אויגן זעט ער — אויך ס'ערשטע מאָל — אַ מאָדנע פֿאַרטייעטע פֿרייד און עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל אויף די ליפּן: זײַן ווײַבס נאָך אַלץ שיינע לײַדנשאַפֿטלעכע ליפּן. אַ נערוו צאַפּלט דאָרטן מיט אַ בייזער לעבעדיקייט. עפּעס אַן אַנדער מראה הײַנט, בייזערט זיך. אַלעקס זעט גראָד אין די רגעס מימין פֿאַר די אויגן, זי זיצט איבערן טעלער מיטן שטיק קישקע, רעדט צו אים מיט אַן אָפֿן מויל, מעלה־גירהט און רעדט. אַן עקל, אַ געפֿיל פֿון אומענדלעכער פּוסטקייט פֿילט ער צו איר.

— ווער איז דער חיים? — וואַרפֿט ער ענדלעך אַרויס די פֿיר ווערטער הויך אויפֿן קול און שטייט נאָך אַלץ אַזוי ווי ער איז אַרײַנגעקומען, צווישן קיך און סאַלאָן, מיט אַנגעברוגזטע ברעמען.

— ביסט דאָך הונגעריק, זעץ דיך עסן, ס'עסן ווערט קאַלט.

— איך האָב דיך עפּעס געפֿרעגט?

— אַן עלטערער מענטש, געטראָפֿן אין פּאַרק.

אַלעקס שווײַגט. פּנינה שווײַגט. ער קוקט אויפֿן עסן וואָס אויפֿן סאַלאָן־טישל. זי כאַפּט אַן אַלכסוניקן קוק אויף איר מאַן. זײַן שיין פּנים — אַמאָל געוועזן אַ בעכער פֿול מיט גליק — איז איצט אָפּגעצויגן, די דינע באַקן־הויטן דעקן אָפּ קריצנדיקע ציין. די ליפּן ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס זאָגן — צוגעפּרעסטע, עפֿענען און שליסן זיך. אַ פֿײַכטקייט בײַ די מוילווינקלען באַדעקט זיי. די טונקל־גרינע אויגן שיקן מעסערדיקע בליקן. אומבאַוועגלעך שטייט ער, אַט־אַט מאַכט ער — מיינט זי — אַ טראָט צום סאַלאָן־טישל — אויסגעשפּרייט אַ האַנטעכל אונטערן מאָלצײַט — און זעצט זיך עסן. זי ווערט בלײַבן אין קיך — טראַכט זי, נישט

ווי ס'פירט זיך יעדן פרײַטיק — בענטשליכט און אַלע דרײַ זיצן בײַם טיש.

— ווילסט אפשר פרײַער אַ טרונק, אַ קאַלטן טרונק, טו אויס די מאַרינאַרקע, וואַש זיך די הענט.

אַלעקס שווײַגט.

— גאָט מײַנער — זאָגט זי צו זיך — מײַן מאַן, וואָס איז מיט אים געשען? איך האָב אים דאָך ליב, פאַר וואָס רעדט ער נישט צו מיר?

— פאַר וואָס ביסטו בייז?

— ווער איז ער, ווי רופט מען אים? — — —

— חיים מיינסטו? — רייסט זי אים איבער אין מיטן — אַ ייִ, אַן עלטערער מענטש. ווער האָט דיר אונטערגעטראָגן די פלאַטקע?

— ווער איז ער דער חיים, האָב איך געפרעגט.

— אַ באַקאַנטער. איך — — —

— איך וויל נישט הערן — לאָזט ער זי נישט רעדן — איך... דו... — און זײַן פּנים טוישט קאָלירן אויף רויט, בלייך, ווידער רויט און אָט ווײַס ווי קרײַד. די אויגן — פאַרוואַלקנט, די מענטשלעך אינעווייניק — שפּיזן. זיי שטעכן איר אַדורך און אַדורך. זי האָט מורא פאַר זײַנע אויגן. אָט שפרינגען אַרויס די מענטשעלעך — מערדער. זײַטיקלעך צו אים שטייט זי, ווי זי וואָלט זיך אײַלן צוריק אין קיך אַרײַן. זײַנע ווערטער פאַרהאַלטן זי. דער וואָלקן אויף זײַן פּנים — אָט פאַלט ער אויף איר קאָפּ, אויף אירע אַקסלען, דעקט זי צו און צעגיסט זיך. פינצטער איר אין די אויגן. זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. אוי, דער וואָלקנברוך. אַן איבערגעשראָקענע, אַ פאַרגליווערטע שטייט זי. באַלד וועט אַ דונער זיך אַ קײַקל טאָן איבער איר קאָפּ, פאַרטויבן אירע אויערן.

— וואָס איז מיט דיר, אַלעקס? — פרעגט זי נישט מיט איר קול.

— מיט דיר וואָס איז? ווו ביסטו נעכטן בײַנאַכט געווען, ווו?
— ווו האָב איך צו זײַן? אין שטוב בין איך.
— דיך נישט געזען אַ גאַנצן אָוונט ביז שפּעט בײַנאַכט.
— בײַ שורהן אין חדר, אין איר בעט געשלאָפן. נישט גע־וואָלט דיך איבערוועקן. און דו ווו ביסט גאַנצע טעג און נעכט?
— אַ טאַ טשי באַלי (דאָס טוט דיר וויי — פּויליש).
— נו, באַרויִק זיך, זעץ זיך עסן. שוין קאַלט געוואָרן ס'עסן. אפשר אַ קאַלטן טרונק.
— אַ ליידיקער פרידזשידער, נעכטן געזוכט אַ טרונק.
— טו אויס די מאַרינאַרקע. הייס אויף דער גאַס, אין שטוב. גיי וואַש זיך אַרום. אפשר אַ טוש, ביסט דאָך פאַרשוויצט. בלײַב אין שטוב, שבת, פאַרשטער נישט דעם שבת.

פנינה וויל נאָך עפּעס זאָגן, פרעגן. אפשר איז עפּעס געשען אַזוינס וואָס זי קאָן העלפן. פאַר וואָס אַזוי אויפגערעגט. זאָל ער נאָר זאָגן. פאַר וואָס שטעבעלירט ער אַזוי מיט די אויגן... וויל זי און קען מער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. די טרערן שטיקן אין האַלדז.

דער טעלעפאָן קלינגט. ער מאַכט צוויי ענערגישע טריט פון טיש, ווו ער האָט זיך געגרייט צוזעצן, שטרעקט אויס די האַנט צום טעלעפאָן אויפן בופעט, הייבט אויף ס'טרײַבל.

— אַ טעות! — שרײַט ער אַרײַן אויפן קול, וואָס הערט זיך דאָרט. ער דערקענט מימיס קול און פאַרשטומט עס מיט אַ האַק מיטן טרײַבל ווען ס'קול פון יענער זײַט האַלט נאָך אין רעדן.

ער גייט צוריק צום טיש און בלײַבט שטיין. פּנים אל פּנים שטייען זיי, ער און פנינה. זי האַלט זיך אײַן מיט אַלע כוחות נישט וויינען. וויינען — האָט ער נישט איין מאָל געזאָגט — איז דאָס לעצטע „געווער" פון דער פרוי. זי איז דאָך די נשמה שול־דיק. זי האָט דאָך ליב איר מאַן, לײַדט פון אים און ליבט אים. קיינמאָל איר קול צו אים נישט אויפגעהויבן.

— וואָס ווילסטו פון מיר, אַלעקס?

— וויפל מאָל איבערחזרן? איך האָב דיך עפּעס געפרעגט.

— חיים, חיים רופט מען אים. וואַרט אַ סעקונדע, זעץ זיך אַוועק, באַרויִק זיך.

ער גענענט צו איר, לייגט אַרויף ביידע הענט אויף אירע אַקסלען, נעמט איר טרייסלען.

— אַלעקס, לאָז אָפּ, ס'טוט וויי.

— מײַן ווײַב ביסטו — — —

— ווילסט מיך שלאָגן? — רייסט זי אים איבער אין מיטן.

זי בייגט אַראָפּ אַן אַקסל, וויל זיך באַפרײַען פון זײַנע הענט. ער נייגט צו זײַן פּנים צו אירס, נעמט עס אין די הענט אַרײַן, עפנט ס'מויל און בײַסט זיך אײַן אין אירע ליפּן. אַ לאַנגער, טיי־פער זאַפּטיקער קוש פאַרשליסט ביידנס מיילער.

פנינהס פּנים איז נאַס פון טרערן. זי פילט נאָך די קלעמע־ניש פון זײַנע פינגער. אַ קלעמעניש וואָס גייט איבער אין אַ וואַ־רעמען אַרומנעם פון האַלדז. אַט גליטשן זיך די הענט אַראָפּ אויף אירע ציטערדיקע אַקסלען, אָרעמס, פון די אָרעמס צו די לענדן. אַלעקס דריקט פנינהן צו זיך, שעפּטשעט:

— מײַן ווײַב ביסטו. איך האָב דיך ליב.

אַ קלונג אין טיר. פנינה באַפרײַט זיך פון זײַנע אָרעמס, הייבט אויף איר האַנט און דערלאַנגט אים אַ קלונגענדיק פּעטשל אין פּנים.

— ס'קומט מיר — האָט ער אומדערוואַרט אַ זאָג געטאָן.

און זי לויפט עפענען די טיר, פנינה. מיט פאַמעלעכע טריט גייט שורה פאַרבײַ דעם פּרוזדור. אַ טראָט פאַרן אַרײַנגיין צו זיך אין צימער פאַרהאַלט זי זיך. זי קוקט אויפן געשפּרייטן טיש. דער אבא, זעט זי, שטייט ווי נאָר וואָס אַרײַנגעקומען, זוכט מיט די אויגן אַ שטול לעם טיש זיך אַוועקצוזעצן. פנינה איז אין קיך. עפּעס איז עס ניט ווי אַלע פרײַטיק. אַ געשפּרייטער טיש, אַ חלה

פּאַרדעקט מיט אַ ווײַס טישטעכל. אַ פלעשל ווײַן אויף קידוש, דרײַ כּוסות. אַלע לאָמפּן אין אַלע שטיבן ברענען. פנינה קומט פון קיך מיט צוויי לײַכטער, שטעלט זיי אויפן טיש. שטעקט אָרײַן צוויי ליכט, צינד זיי אָן און שטעלט זיך בענטשן. צום אַרײַנגיין אין קיך האָט זי מיטגענומען ס׳עסן וואָס איז, זעט אויס, קאַלט געוואָרן.

— שלום — זאָגט שורה.

— שבת שלום — ענטפערן ביידע, און פנינה זאָגט מיט אַ שמייכלדיק פּנים פון באַהאַלטענער שׂמחה:

— שורה, אבא בבית (דער טאַטע איז אין שטוב). — אַ שׂמחה, אַ שטייגער ער איז געקומען פון אַ ווײַטער נסיעה.

זי גייט גלײַך צו זיך אין חדר אַרײַן און שרײַט פון דאָרט אַרויס:

— איך גיי זיך מאַכן אַ טוש, אמא. אָט קום איך זיך זעצן צום טיש.

פון די בענטשליכט ציִען זיך טאַנצנדיקע רויכעלעך, טוליען זיך איינס צו אַן אַנדערער, נעמען זיך אַרום אַ שטייגער אויך זיי פרײַען זיך מיטן שלום־בית. אַלעקס׳ קאָפּ איז אַצינד אַרויס־געהויבן, די אויגן פאַרקוקט אין דער ליכטיקייט, אין דער פײַער־לעכקייט אַרום טיש, אויפן ווײַב אַן אויפגערוימטע, אַ פאַר־קעמטע, אויף שורהן, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון טוש אַן אויסגעצוואָגענע. אַ וווּנדער אים אויף זײַן ווײַב, וואָס איז די גאַנצע צײַט אַ פאַרפאַרטע אין קיך און אַרום טיש. ווען האָט זי צײַט געהאַט זיך איבערטאָן און אין אָרדענונג ברענגען? ער גיסט אָן זײַן כּוס, מאַכט קידוש הויך אויפן קול, גיט פון כּוס צו פאַרזוכן פריִער פנינהן, נאָך דעם שורהן. אייגנטלעך מאַכט ער עס יעדן פרײַטיק, אָבער דאָס מאָל קלינגט דער קידוש אין פנינהס אויערן אַנדערש. אַלעקס׳ פּנים — דאָס זעלבע פּנים פון אַ גאַנץ יאָר — שטראַלט אַצינד. אַ פרייד גייט אויף אין פנינהס

האַרץ. וואָלט דאָס האַרץ אַ בעכער געווען, וואָלט די פרייד אי־בער די ברעגן זיך געגאָסן.

פון פלעשל ווײַן אויפן טיש גיסט פנינה אָן צוויי אָנגעגרייטע לײדיקע כוסעלעך, דערלאַנגט איינס שורהן און זאָגט:

— לאָמיר טרינקען לחיים.

— לחיים און לשלום־בית — פאַרבעסערט שורה.

16

דאָס איז דער ערשטער פּריַיטיק־צו־נאַכטס וואָס אַלעקס מאַכט קידוש הויך אויפֿן קול און זיַין פּנים שמייכלט אויף אים. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איז אים פאַרבליבן נאָכן טאַטן זיַינעם, וואָס, ווי ער האָט דערציילט, האָט געפֿירט שבת אַ פֿרומען טיש מיט זמירות. אַמאָל — מיט אַריַינקוקן אין פּרקי אבות.

— איז דאָך גוט און ווויל. ס'קומט איר אַ ביסל פֿרייד, פּנינהן. אגב, האָט זי דאָך געלעבט מיט דער האָפֿענונג און נישט איין מאָל איבערגעחזרט: „ער וועט צוריקקומען, ער וועט מיד ווערן און צוריקקומען צו זיַין וויַיב און טאָכטער".

אמת, אַנגעהויבן האָט זיך עס היַינט שלעכט, זייער שלעכט. אָבער, אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט. היַינט, דער סוף איז דאָך ערשט אַן אָנהייב. אלא מאי? שורה. צו שטיל, טרויעריק, אַביסל פֿאַרטראַגן זיצט זי. איר פּנים געפֿעלט איר נישט.

— שורהלע, וואָס איז מיט דיר? — האָט פּנינה צו מאָרגנס נאָך מיטאָג געפֿרעגט. אַלעקס האָט געכאַפּט אַ דרימל,ביידע זענען געבליבן אין קיך ביַי צוויי גלעזער טיי.

קיין קלאָרן ענטפֿער האָט זי פֿון שורהן נישט באַקומען. דער־ווויסט האָט זי זיך ערשט אין אַ וואָך אַרום. אויפֿגעלייגטער ווי תּמיד, מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, האָט פּנינה עטלעכע מאָל אין טאָג, אַ גאַנצע וואָך, געהאַלטן אין איין פֿרעגן, בעטן זיך ביַי שורהן וואָס איז געשען. זי זעט — זאָגט זי — אַז די שעהען, וואָס זי, שורה, דאַרף זיַין ביַי אדון שחר, איז זי אין שטוב. שוין היפּשע עטלעכע וואָכן אַזוי. זי האָט געוואַרט, נישט געוואָלט איר איבערפֿרעגן, געמיינט, אַז איר טאָכטער וועט איר אַליין דערציילן.

דערווײַל זענען אַריבער עטלעכע וואָכן און זי ווייסט דאָך, שורה, אַז איר קאָפּ איז ביז איצט נישט געווען דערבײַ. פּנינה האָט אויך, כּדי שורהן צו דערפרייען, זיך געטיילט מיט איר מיט דער גוטער בשורה: דער אבא איז אין דער היים, קומט צו דער צײַט אויף מיטאָג — זי איז דאָך אין שטוב און זעט — אויך אין די אָוונטן זעט מען אים אין שטוב. ער האָט ווידער געעפנט ס'ביוראָ, מאַכט אויספלוגן. ער מיינט, דער אבא, אַז זי, זײַן איינציקע טאָכטער, געענדיקט דעם תּיכון, דערווײַל איז זי אין דער היים — פאַר וואָס זאָל זי נישט זײַן זײַן סעקרעטאַרין?

מ'דאַרף, האָט דער אבא געזאָגט, אַ טראַכט טאָן, אפשר אוניווערסיטעט, מן הסתם פריִער צה״ל. אַז ווויל איז איר צו הערן אַזעלכע ווערטער פון איר טאַטן. זי איז דאָך נישט קיין קליין מיידעלע. זי האָט גאַנץ גוט געזען, געוווּסט וואָס איר אמא האָט איבערגעלעבט.

— אמא, וואָס ווילסטו פון מיר?

— וואָס איז מיט דיר וויל איך וויסן.

— גאָרנישט.

— וואָס איז מיט אדון שחר. ער קלינגט נישט מער.

— ער'ט נישט קלינגען.

— פאַר וואָס גייסטו נישט צו דער אַרבעט?

— ער וויל מיך נישט, ער דאַרף מיך נישט.

שורה האָט זיך צעוויינט.

— מיידעלע, נאַריש קינד, דער אבא דאַרף דיך, ער דאַרף אַ סעקרעטאַרין אין ביוראָ. צו וואָס מטפּל זײַן מיט אַ פרעמד קינד. שוין פון לאַנג געוואָלט זאָלסט אויפהערן דערמיט. אַ פּקידה. דו ביסט אַ פּעיִקע, האָסט מאַטורע, קאָנסט זיך שיין אַרויפאַרבעטן. בפרט אַצינד, קאָנסטו העלפן דעם אבא. ס'וועט זײַן פאַרביידע גוט.

שורה הייבט אויף ס'פּנים צו דער מאַמען: אַ וויינענדיק פּנים מיט אַ וויינענדיק שמייכעלע.

— איז וואָס זאָגסטו, שורהלע?

וואָס האָט זי געהאַט צו זאָגן? דערציילן דער אמא, אַז אַ דאָנערשטיק נאָך צוויי וואָכן נישט ווײַזן זיך בײַ שחרן, האָט זי באַשלאָסן קומען צו אים. געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, געזאָגט „שלום". ער האָט איר אַפילו נישט אַרײַנגעבעטן אין שטוב אַרײַן, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן טישל אין קיך, ווו ס'איז געלעגן אַ פאַרמאַכטער קאָנווערט. נישט געענטפערט אויף איר „שלום" און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר דיר.

אויסגעדרייט זיך צו איר מיטן רוקן און צוריק אַרײַן אין אַטעליע.

זי האָט גענומען דעם קאָנווערט און צוריק אַרויס. די טיר פון פרוזדור צום טרעפּנהויז אָפן געלאָזט, מיט פּאַמעלעכע טריט זיך דערוויַיטערט, געמיינט אפשר וועט ער זי צוריקרופן. און ווי־דער האָט איר פּנים זיך פאַרקרימט אין אַ וויינענדיקן גרימאַס:

— אמא, אמאלע, אויף אַזאַ „קבלת פּנים" פונעם האַלבן דזשענטעלמאַן האַלבן באַהעם האָב איך זיך נישט געריכט. העכער דרײַ יאָר געוועזן מיט זײַן מירהלע, איר ליב געהאַט, אויך זי האָט איר ליב. צוגעווינט זיך צו איר — האָט שורה שטיל, ווי צו זיך גערעדט מיט באַדויער, מיט אַ טרערן־גלענצל אין די אויגן.

— דאָס איז עס אין גאַנצן?

שורה האָט געשוויגן.

— נו, כּדאי פון דעם זיך איבערצונעמען? כאָטש באַצאָלט וויפל ס'קומט דיר?

— „דאָס איז עס אין גאַנצן".

— טאַטערשי, מאַכסט מיר נאָר. שפּעטסט פון מיר? איך פאַרשטיי נישט, שורה, פאַר וואָס מאַכסטו חוזק פון מיר.

— פאַר וואָס פאַרשטייסטו נישט, אמא? דווקא דו, ווייניק זיך אָנגעליטן פון אבא?

— סאַראַ פאַרגלײַך. אדון שחר, וואָס איז ער פאַר דיר דער באָס ?

— ער איז... ער איז געווען...

און שורהס קול האָט זיך פאַרהאַקט, ווי אַ קאַלעגעוואָרענער שלאָס. די שיינע ליפּן פון איר געטאָקט מײַלעכל האָבן זיך ווידער פאַרקרימט און נישט געעפנט מער. אַ צער האָט דאָס פּנים אויס־געדריקט. ניין. נישט איר שורהס פּנים האָט פנינה קעגן זיך. אַ פאַרענדערט, פרעמדלער, עלנט פּנים ענדלער צו שורהן האָט זי געזען. אַ צער, אַ נאַיעניש, ווי אַ פּלוצימדיקער צאַנווייטיק האָט אין פנינהס מוח גענומען בויערן.

דאָס צעווייטיקטע האַרץ פון אַ געליטענער פרוי, אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער, האָט איר אונטערגעזאָגט :

— די קליינע, איר טעכטערל, איז פאַרליבט. און אין וועמען איז זי פאַרליבט ?...

✶

שורה איז אַראָפּ פון פּנים. טאָמער ווייניק, דרייט זי זיך אין שטוב ווי אין נישט הי. קיין שיעורים זענען נישטאָ. אין ביוראָ גיין אײַלט זי זיך נישט. שעהען לאַנג זיצט זי אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרטראָגענע. זי רעדט נישט צו קיינעם. פרעגט מען איר עפּעס ענטפערט זי מיט אַ „ניין" אָדער „יאָ", אַמאָל — „כ'ווייס נישט", „אפשר". פנינה דערקענט נישט איר קינד, איר טאָכטער די אַכצן־נײַנצן יאָריקע ביז הונדערט און צוואַנציק. ס'וואָלט איר קיינמאָל נישט אײַנגעפאַלן אַזאַ זאַך, איר שורה זאָל זיך פאַרליבן אין אַזאַ, ווי רופט זי אים, האַלבער דזשענטעלמאַן, האַלבער באָהעם, אַ מענטש אין עלטער פון איר טאַטן. אַ נײַע צרה אויף איר קאָפּ. ווער ווייסט וואָס צווישן זיי איז פאַרגעקומען...

— זאָל איך אפשר אַ קלונג טאָן צו אדון שחר ?

— ניין, אמא.

— פאַר וואָס ניין, שורהלע ?

שורה שווײַגט. אַן אויסגעלאַשענע זיצט זי אין שטוב, אַ פּאַרטראַכטע אין איר חדר. מ׳זעט נישט קיין חברטע, חבר, תּלמי־דים פון בית־ספר. נעמט נישט קיין ביכל אין האַנט אַרײַן.

אַזוי־אַ פירט זי זיך אויף זינט זי האָט אָנגעהויבן גיין אין ביורא. אויך דאָרט איז, דאַכט זיך, עפּעס נישט אין אָרדענונג — זאָגט איר אַלעקס. דער טעלעפאָן קלינגט. ער הערט נישט זי זאָל אויפהייבן ס׳טרײַבל. די בריוו, וואָס ער דיקטירט איר קומען אַרויס גרײַזיק. ער קאָן זיך נישט אָוועקזעצן פאַרריכטן יעדן בריוו — סטיליסטישע, אָרטאָגראַפישע גרײַזן. אַזאַ גוטע שילערין, אַ גוטע מאַטורע און נאָדיר אַ סעקרעטאַרין. וואָס געשעט מיט די טעלע־פאָנען? ס׳איז דאָך אַן אָפענע ביורא. ער לעבט דאָך דערפון. הײַנט, ווען ער איז נישט אין ביורא. ער איז אין גאַס. ער דאַרף זײַן אין גאַס. קאָן ער זיך אויף איר פאַרלאָזן? מ׳דאַרף אויך רעדן מיט אַ מענטש, מ׳בעט אינפאָרמאַציע, גענויע אינפאָר־מאַציע.

— פנינה, אונדזער טעכטערל, כ׳ווייס נישט וואָס מיט איר איז. עפּעס קאָנטיק קוועלט איר.

— ביסט געדעכט, מײַן מאַן.

— מ׳דאַרף מיט איר איבעררעדן.

— ווער?

— אַ מאַמע דאַרף רעדן.

— און אַ טאַטע? דײַן וואָרט איז וויכטיקער פון מײַנס. אַ טאַטן הערט מען.

— קודם אַ מאַמע.

— דרײַ־פיר יאָר האָט זי דיך נישט געזען אין שטוב, נישט געהערט קיין וואָרט פון דיר, אַלעקס.

— הייבסט שוין ווידער אָן?

— שוין טאָר מען נישט זאָגן דעם אמת?

— צום ענין האָט עס נישט.

— ס׳האָט יאָ, אַלעקס.

— אין דעם גייט עס דאָך. דו דאַרפסט מיט איר רעדן.

— ס'זאָל נאָר העלפן.

— לאָמיר האָפן, פנינה. דעם לענגסטן וועג — זאָגט אַ כינעזיש ווערטל — הייבט מען אָן מיט אַן ערשטן טראָט. שורה איז אַ ווויל קינד, אונדזער קינד, אַ דערוואַקסן מיידל, גיל משבר.*

— ס'איז איר ערשטע אַרבעט אין ביוראָ אויסער דער שטוב.

— נישט וועגן דעם רעדט זיך, פנינה.

* אַן איבערברוך־עלטער.

17

סוף חודש אָב, אָנהייב אלול — לעצטע און אָנהייב־טעג פון צוויי חדשים. שיינע, זוניקע טעג, אַ לײַכט ווינטל קילט ס׳פּנים. אָט־אָטיק — האַרבסט, רעגנס, דערוויַיל שעמעוודיקע יונגע רעגנס. האַלטן נישט לאַנג, עטלעכע שעה, אַ טאָג־אַנדערהאַלבן מיט איבעררײַסן, אומגעריכט גיט אַ שײַן די זון, זומער. ס׳טרעפט: עס הערט אויף רעגענען. אַ צעהעלטער הימל. אַ מעסערדיקע זון שנײַדט זיך אַרײַן אין אַ וואָלקן. אַ פרישע בלויקייט באַפאַרבט דעם האָריזאָנט. פון דער נאַסער ערד הייבט זיך אויף אַ פּאַרע אַ דורכזיכטיקע, אַ דעמפּיקע. אַ פּרילינג־ריח גייט אויף פון דיביימער אויף די טראָטואַרן, בלומענקוסטן אַרום סקווערן. אויף רעשטלעך וואָלקנס רונדיקט אַ רעגנבויגן. אַ שפּיל אַזאַ, אַ בראשיתדיקע יונגע שפּיל פון דער אַלטער נאַטור.

האַלט אַזאַ וועטער אָן מער ווי אַ טאָג־צוויי דערמאָנט עס פנינהן אין איירפּעיִשן פּרילינג. אַלטע היים. אַ בלויער קאַלטער הימל. קילבלעכע ווינטלער. ערב־פּסחדיקע ריחות. די זון וואַרעמט, אָבער איז נישט קיין הייסע.

פנינה, וואָס האָט נישט שטאַרק ליב די היגע זון, די חאַמסינען, וואָלט גערן אין אַזאַ טאָג צוגעכאַפּט זיך צום ים. אין די נאָכמיטאָג־שעהען איז דאָס וואַסער אַ וואַרעמע וואַנע. אויב שורה וועט באַשטיין, וועלן זיי ביידע גיין צום ים. דאָס וועט זײַן די בעסטע געלעגנהייט מיט איר זיך אַדורכשמועסן מכּוח דער אַרבעט אין ביורא און בכלל. פאַר וואָס זאָל אַ מאַמע נישט וויסן דעם גאַנצן אמת. זי איז דאָך מיט איר, קאָן מען זאָגן, ווי צוויי חבר־טעס. שורה איז דאָך די איינציקע פאַר וועמען זי האָט אַרויס־

גערעדט אַ וואָרט. איר פֿאַרבענקט האָרץ האָט אין איר טאָכטער געפֿונען אַן אויער. שורה וועט איצט האָבן אַ געלעגנהייט רעדן מיט איר אָפֿענע דיבורים.

ערשט אַצינד כאַפּט זיך פנינה, אַז שורה האָט איר נישט איין מאָל מרמז געווען, וואָס צווישן איר און אדון שחר קומט פֿאָר און זי האָט נישט באַנומען. ס׳קאָן גרייִלער זײַן, אַז איר געמיט איז נישט געווען דערבײַ. זי דערמאָנט זיך אַצינד צום צווייטן מאָל שורהס ווערטער: „אמא, עוד לא סוף העונה״ (נאָך נישט סוף סעזאָן), אַקעגן דעם, וואָס זי איז נאָך נישט אין גאַנצן, ווי מ׳זאָגט, בײַם סוף פֿון אירע פּרוּווישע יאָרן. זי האָט געהאָרכט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פֿון הנאה, וואָס די ווערטער קומען פֿון איר טעכטערל. וואָס האָט זי געהאַט צו זאָגן? האָט איר געקענט אײַנפֿאַלן, אַז צווישן איר טעכטערל און איר באָס דעם יונגן זקן קומט עפּעס פֿאָר?

דווקא אַצינד ווען דער טאַטע איז אין שטוב, ס׳ביוראָ איז טעטיק און מיט הצלחה, מ׳דערוואַרט פֿון דער איינציקער טאָכטער אַביסל נחת — איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן. אַ פֿאַרשלאָסענע, אַ שווײַגנדיקע איר שורה. לײַדט נעבעך. ס׳שווײַגן, ווייסט זי, וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. דאָס זענען שווײַגשטיינער. מ׳דאַרף זיי אַראָפּקײַקלען פֿון האַרץ.

שורה איז מסכים געווען גיין מיט דער מאַמען צום ים און חרטה געקראָגן. זי וועט אַליין גיין — האָט זי געזאָגט. ס׳ביוראָ איז נישט ווײַט פֿון ים. נאָך דער אַרבעט, אַזייגער דרײַ נאָך מיטאָג, פֿופֿצן מינוט צופֿוס, איז זי בײַם ים.

אין דער פֿאַרנאַכט־שעה ביז אָוונט איז דאָס וואַסער וואַרעם, ווייניקער מענטשן ווי בײַטאָג, ווייניקער רעש, גערויש פֿון פּינג־פּאָנג באַלעמלעך און ס׳קלאַפּן מיט די מאַטקעס, ווילדע גע־שרײַען, אַן איבעררופֿן זיך, אַ גערודער.

שורה האָט איר מאַמען נישט דערציילט ווי אַזוי אליהו שחר האָט איר געשילדערט דעם פֿאַרנאַכטיקן ים. ער האָט קיינמאָל

נישט קיין צײַט, שווער אים זיך אַוועקרײַסן פֿון טיש — האָט ער איר געזאָגט — גייט ער נאָר אין די פּאַרנאַכט־שעהען, נאָכדעם ווען זי פֿירט צוריק מירהלען צו דער מאַמען. אַזאַ שילדערונג קען מען נישט פֿאַרגעסן. אין דער שעה פֿון ערב נאַכט — האָט ער איר ווי אַ מאָלער, ווי אַ פּאָעט געשילדערט דעם זונפֿאַרגאַנג איבערן ים: דער הימל בלוי־פּיאָלעט באַפֿאַרבן. נידעריק איבערן וואַסער טוקט זיך דער זונקאָפּ. טיף־גרין ווי געשליפֿן גלאָז איז דער ים־פֿלאַך. ליניעס־שטרײַפֿן, פֿיגורן לענגאויס דער ברייט פֿון הימלפּאַס, אָט־אָטיק פֿאַלט אַ מידער דער זונקאָפּ אין וואַסער אַרײַן. אַ מחיהדיק קילע לופֿט, אַ ווינטל גלעט דאָס פּנים. דער ים איז שטיל. קליינע וועלעכלעך קאַטשען זיך, קורטשען זיך און פֿאַלן צו צום ברעג, אַ לעק, אַ קוש דאָס גלאַטע, פֿײַכטע זאַמד און גליטשן זיך צוריק אַרײַן אין געוואַסער.

נאָך דעם, ווי זײַנע אויגן זעטיקן זיך אָן מיט אָט דער פֿאַרבן־שפּיל, מיטן שטילן געפּליעסק פֿון די וועלעכלעך — זאָגט ער — אַ דערפֿרישטער, אַ באַרויִקטער, פֿאָרט ער אַהיים ווידער זיך נעמען צו דער אַרבעט.

זײַנע רייד — דערמאָנט עס איר איצט — האָבן אין איר געוועקט אַ גוואַלדיקן חשק צום ים.

אַ זונטיק אין דער פֿרי איז עס געווען. צום אַרויסגיין פֿון שטוב האָט זי געזאָגט דער מאַמען, אַז הײַנט נאָכן שליסן ס׳ביוראָ, אַזייגער פֿיר־פֿינף, גייט זי צום ים. אַ באָד־קאָסטיום האָט איר דער אַבאַ געבראַכט אַ מתּנה — אָן אַדרעוויף איז עס — האָט איר די מאַמע פֿאַרבעסערט — אויפֿן חשבון פֿון חודשלעכן גע־האַלט. ער איז זיכער, אַז דו וועסט זײַן אַ גוטע סעקרעטאַרין.

— איך וועל הײַנט קומען שפּעט, זאָלסט נישט איבערקלערן.

פֿון ביוראָ — אַ הויפּטגאַס, אַ קליין געסל, אַ כּביש באַרג־אַראָפּ — פֿופֿצן־צוואַנציק מינוט גאַנג און שוין איז זי אויפֿן ברעג ים. אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די בלוזקע, די ספּודניטשקע ביזן באָדקאָסטיום — זיצט זי אויף אַ ליגשטול. שורה קען נישט

שווימען. מיט די ערשטע טריט אין וואַסער — ציטערדיקע טריטלעך ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף שטעכיקע שטיינדלעך — בלײַבט זי נאָענט פון ים־ברעג שטיין. שעפּט מיט די הענט וואַסער און וואַשט זיך ס׳פּנים, דעם האַלדז, כאַפּט אַ דראָבנעם ציטער, טריטלט אַביסל ווײַטער, טיפער, בייגט זיך אַראָפּ, טוקט זיך אָפּ. ס׳וואַסער איז מחיהדיק־וואַרעם. שורה אָטעמט פרײַ אָפּ, גלײַכט זיך אויס און טריטלט צוריק צו דער ליגשטול. ווידער גיט איר לײַב בעתן אָוועקזעצן זיך אַ ציטער: אַ ציטער פון פאַרגעניגן, אַ נײַער מין פאַרגעניגן, וואָס זי פילט ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן. כאָטש שוין עטלעכע מאָל געווען בײַם ים — נישט אין די פּאַרנאַכט־שעהען — פילט זי דאָס מאָל, אַז דער ים איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש, פאַר יעדן מענטש באשר הוא אדם: יונג, אַלט, אָרעם, רײַך. דער ים נעמט אויף אַלע מענטשנקינדער מיט דער זעלבער וואַרעמקייט, ליבשאַפט. הײַנט, די ליבשאַפט אין דער פּאַרנאַכט־שעה? געדעכט אדון אליהו שחר. אַ שאָד וואָס ער איז נישטאָ דאָ לעם איר.

אַ האַלב־נאַקעטע זעט זי זיך פאַר אַלעמענס אויגן. פאַר דער רחבות פון ים. זי פילט דעם גלעט פון די וואַסערטראָפּנס, וואָס שנירלען זיך פון קאָפּ האָר, גזשיווקעלע איבער די אויגן אויף איר האַלדז, אויף די אַקסלען, שלענגלען זיך דורך די צוויי טיילן ביקיני׳ס ביז אַראָפּ. אירע פיס — נאַקעטע, ווײַסע, גלאַטיקע, הויכלעכע פיס. דער אבא, זעט אויס, איז אַ מבין אויף ביקיני; קאָן זיך אויף די זאַכן — זאָגט זי צו זיך. ער׳ט געוווסט וואָס צו קויפן זיין „סעקרעטאַרין" — שמייכלט זי אַ צופרידענע. זי באַטראַכט אירע שמאָלע לענדן, גלאַטיקע ווײַסקייט ביז אַראָפּ די פיספינגער, די שענקלען ווי אַרויסגעוואַקסענע פון דער אונטערשטער טייל ביקיני פון טונקל־גלאַנציקן סאַטין, די ביקיני — אַ קאָנטראַסט צו איר ווײַס לײַב. האַרמאָניע: די האַר־מאָניע פון קאָנטראַסטן. און ווידער: אַ שאָד וואָס אליהו שחר זעט איר נישט אַצינד. דעם אבא קומט אַ דאַנק פאַר זײַן

געשמאַק, אַ מומחה אין די זאַכן. זי ווייסט נישט ווי אַזוי אים צו דאַנקען. האַלבע, גאַנצע טעג, אָוונטן, לאַנגע חדשים האָט זי אים נישט געזען אין שטוב, נישט געהערט אים, נישט גערעדט צו אים. אויך אין ביורא פילט זי זיך דערוויַיל פרעמד. זי הייבט זיך אויף, ווי זי וואָלט זיך וועלן זען אין גאַנצן אַ שטייענדיקע אין דער ביקיני. זי מאַכט ווידער עטלעכע טריט, דרייסטערע טריט צום וואַסער. בלײַבט שטיין אַ פאַרקוקטע אויפן הימל, וואָס טוישט איטלעכסמאָל די קאָלירן: רויט־פּיאָלעט, באָרדאָ. די זון נייגט זיך נידעריקער, נידעריקער — אַ קיילעכדיקער באַלעם. אָט פאַלט ער אַרײַן אין וואַסער.

מאָדנע — זאָגט זי צו זיך — דווקא אַצינד ווען זי זעט נישט שחרן, הערט אים נישט, איז אַפילו בייז אויף אים צוליב דעם קאָנווערט אויפן קיך־טישל — דערמאָנט זי זיך אין זײַנע רייד, פיגוראַטיווע רייד אַזוי ווי זײַנע מאָלערײַען. זײַנע ווערטער, פראַזן, וואָס נישט אַלע האָט זי פאַרשטאַנען, זיך געשעמט איבער־פרעגן — שווימען איר אַרויף אויפן זכרון.

למשל: „איך וואַרעם זיך אַפילו ווען אין שטוב איז קאַלט, בײַ מײַן שעפערישן פײַער אויף לייוונטן. „בכלל לעבט אַ קינסט־לער אין זײַן רעאַלער וועלט. זײַן רעאַליטעט איז דאָס געהיימניש־פולע חלומדיק־פאַנטאַסטישע”. אויך הײַנט פאַרשטייט זי נישט דעם זין פון די ווערטער, כאָטש דער באַטײַט פון יעדן וואָרט באַזונדער איז איר נישט פרעמד.

*

ס׳צווייטע מאָל איז שורה אַרײַן אין וואַסער ווײַטער פון ברעג. אויסגעצויגן זיך ווי אויף צו שווימען, אָבער געבליבן אויף די הענט און קנײַען מיט אַרויסגעהויבענעם קאָפּ. אַרויס איז זי מיט גרע־סערע פרײַערע שפּאַן ווי ס׳ערשטע מאָל, אָפּגעטרייסלט פון זיך די וואַסערטראָפּנס. מיט געמאָסטענע טריט, הויכלעכע שלאַנקע, לאָזט זי זיך גיין צו דער ליגשטול. אויך אירע באַוועגונגען

זענען אַצינד פרײַער, צוגעווױנט זיך צו דער פרײַער אָפֿענער וועלט, צו די אויגן — אַ סך אויגן, בעיקר פֿון יונגע מענער — פֿילט זי אויף זיך. ס'אַרט איר נישט. פֿאַרקערט, זי האָט דערפֿון הנאה. נישט געוווּסט, אַז ס'זענען פֿאַראַן אַזעלכע הנאות. ווער ווייסט וויפֿל נאָך הנאות זענען פֿאַראַן און זי ווייסט נישט פֿון זיי. אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ליגשטול, נעמט זי אַרויס פֿון איר קלומעקל אַ קליין פּעקעלע געוויקלט אין פּאַרגאַמענט־פּאַפּיר, אַ סענדוויטש, אַן עפּל, אַ שטענגל ווײַנטרויבן — צידה לדרך, וואָס די מאַמע האָט אַנגעגרייט. אויך זעט זי אין טעשל אַ צענער שקל — דער מאַמעס אַ מתּנה צו די ים־הוצאות, אַ נאַש, אַ קאַלטן טרונק. קודם נעמט זי זיך צום סענדוויטש, נאָכ־דעם — אַ ביס מיט אַ פֿול מויל געזונטע ציין אין עפּל, ענדיקט דעם „מאָלצײַט" מיט אַ ציפּן פֿון שטענגל ווײַנטרויבן און וואַרפֿן איינציקע אין מויל אַרײַן.

צוויי מאָל זיך אָפּגעטונקען, אַרומגעוואַשן, האָט זי צײַט אַרומקוקן זיך. ס'וווּנדערט איר ווי שנעל זי האָט זיך פֿאַרהיימישט, קאָן מען זאָגן, מיט אַזויפֿיל אומבאַקאַנטע בליקן.

פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס באַדעקן דעם ים־פּלאַך. פֿון יענער זײַט ווו דער זונקאָפּ האָט גענייגט, צו מערב — קומען די שאָטנס שפּרייטן אַ טונקלעניש. דער ים איז רויִק. דער ים־פּלאַך האָט אַצינד די מראה פֿון שטאָל. אַ קיל ווינטל קנייטשט דעם „שטאָל". שורה דערפֿילט אַ קילקייט אין די אבֿרים, אויפֿן פּנים. גענוג אויף הײַנט — זאָגט זי צו זיך — צײַט אַהיימגיין. אַ סך, זעט זי, גרייטן זיך אין וועג אַרײַן. ליידיקע ליגשטולן, ליידיקער דער ים־ברעג.

אַ היפּש שטיקל וועג דאַרף זי נאָך מאַכן ביז די וואַסעררערן. אַרומשווענקען ס'זאַמד און די סמאָלע פֿון די פּיספֿינגער, אויס־שווענקען ס'מויל פֿון געזאַלצענעם ים־וואַסער, אַרויפֿציִען אויף זיך די ספּודניטשקע, די בלוזקע און אַהיימפּאָרן.

ווייניקער מענטשן, ווייניקער אויגן. עטלעכע שפּאַן ווײַטער פֿון דער ליגשטול גייען איר נאָך אַ פּאָר אויגן. אויף דער פּלייצע

פּילט זי זיי. זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ — צוויי ברענענדיקע מענע־רישע אויגן, ווי ס׳ליכט פון דער פאַרגאַנגענער זון וואַלט אין זיי געפלאַמט. אייגנטלעך האָט זי די פּאָר אויגן אויך פריִער געזען און זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. אַצינד שטייט ער קעגן איר, פאַרהאַלט זי אין וועג:

— שלום מותק.

אַט שטייט ער נאָענט, אַ הויכער פעסטגעבויטער מאַן. אַ שוואַרצע טשופּרינע, עטוואָס גראָ בײַ די שלייפן. מוסקולירטע הענט, פיס. די באַדהייזעלעך אויף אים דעקן אָפּ מער ווי זיי פאַרשטעלן. אַ האָריקע ברוסט, אַ ברייטלעך פּנים מיט סטאַר־טשענדיקע קינען. זײַנע בליקן לאָזט ער נישט אַראָפּ פון איר. זיי שרעקן איר. ווער איז ער? וואָס וויל ער? און דער „שלום מותק״ רעגט ממש אויף.

— איך קען אייך נישט. איך בין נישט קיין מותק.

— איז ווי רופט מען דיך? — דוצט ער איר שוין.

— וואָס גייט אײַך אָן, ווער זענט איר, וואָס ווילט איר פון מיר?

זי מאַכט אַ טריט ווײַטער און ער שלעפּט זיך נאָך.

— טשעפּעט אײַך אָפּ! — שרײַט זי כּמעט אויס מיט נישט איר קול.

צו נאָענט שטייט ער פון איר. זי נעמט איבער דאָס קלומיקל פון רעכטער זײַט אַקסל, ווי ער גייט לעם איר אויף דער לינקער האַנט. ס׳קלומיקל איז אָפן, זעט זי. פון שרעק, איבערראַשונג לייגט זי נישט קיין אַכט דערויף, פאַרשנעלערט די טריט.

— לאַט לך (פּאַמעלעכקע), ווו לופסטו? האָב איך דיך באַ־לײדיקט?

שורה ענטפערט נישט.

— באָריס הייס איך. לאָמיר זיך באַקענען.

— גיי פון מיר, — שרײַט זי שוין הויך אויפן קול, — אדון!

— איך בין נישט קיין אדון. איך בין אַ נהג טעקסי.

— ס׳אינטערעסירט מיך נישט.

— מיך יאָ...

— אַ טעות אין אַדרעס, אדון.

— מיידעלע, איך מאַך נישט קיין טעות. איך קאָן דאָ יעדן איינעם.

ביז צו די וואַסערערן האָט זי אים מער נישט געזען. אַן אָפּגעוואַשענע, אַן אָנגעטוענע האָט זי זיך געלאָזט מיט די טרעפּ־לער אַרויף אויף דער שפּאַציר־טעראַסע וואַרפנדיק זײַטיקע בליקן אַרום זיך. ער איז נעלם געוואָרן. אַ באַרויִקטע לאָזט זי זיך ווײַ־טער גיין. אַ מינוט צען־פופצן צו אַן אויטאָבוסן־סטאַציע. אויך טעקסיס פאָרן פאַרבײַ. ביז אין שטוב אַרײַן וועט איר נאָך בלייבן אַ היפּשער רעשט פון די צען שקל — טראַכט זי.

18

אָוונט. ליכטער פון אַקעגנאיבערדיקן טראָטואַר. קאַפעען, רעסטאָראַנען, קיאָסקן. שורה גייט אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט. אַ סך שפּאַצירנדיקע אַהין און צוריק, היימלעכער. זי וועט אפשר אויך פון אַ קאַלטן טרונק געניסן. ס'שמעקט איר אַן אײַז־קרעם. זי טוט אַ קוק — אַט שטייט דער באַריס קעגן איר:

— לאָן (וווּהין), מותק?

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— זוכסט אפשר אַ טעקסי? אַט־אַ דאָ שטייט מײַן מאַשין.

— איך פאָר מיטן אויטאָבוס.

— דאָס זעלבע געלט, מותק, שרות (באַדינונג).

שורה שווײַגט. זי שטעקט בעת מעשה אַרײַן די האַנט אין אָפענעם קלומיקל, זוכט מיט די פינגער ס'קליינע טעשל מיט די צען שקל. געפינט נישט. אַ צעטומלטע בלײַבט זי שטיין, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. וויל זיין וואָס ווײַטער פון אים. און ער שטייט פנים אל פנים. אַ ציניש שמייכעלע אויף זײַנע ליפּן. אַ וואַרעמער שווײַסיקער ים־ריח יאָגט פון אים, פון זײַן אָפענעם צעשפּילעטן העמד איבער די הויזן. די אויגן, זײַנע אַנגעצונדענע אויגן לאָזט ער נישט אַראָפּ פון איר. שוין שפּעטער אָוונט. די אמא וועט איבערקלערן. זי וויל וואָס פריִער זײַן אין שטוב. אָן געלט קאָן זי מיטן אויטאָבוס אויך נישט פאָרן. אַן אומגעדולדיקע שטעקט זי ווידער אַרײַן די האַנט אין קלומיקל, זוכט, נישטערט. נישטאָ ס'טעשל.

— מותק, מסתמא פאַרלוירן. אֵין דבר (ס'מאַכט נישט). איך פיר דיך אַהיים, שורה האָסטו געזאָגט, הייסטו.

— גייט פון מיר, אדון!

— שורה, איך פיר דיך אַהיים. איכ׳ל אונטערוואַרטן, ס׳ט נעמען געלט אין שטוב און מיר אַראָפּברענגען, בסדר?

— איר קענט מיך נישט.

— אֵין דבר, ס׳מאַכט נישט. איך זע שוין מיט וועמען איך האָב צו טאָן. ס׳טרעפן אַזעלכע זאַכן, מיידעלע. זײַ נישט באַ־זאָרגט. ווילסטו אפשר אַ קאַלטן טרונק, אַן אײַזקרעם?

— איך וויל גאָרנישט, אדון באָריס.

— נו, איז קום — נעמט ער זי אָן בײַם אָרעם — אָט דאָ שטייט די טעקסי.

— איך קען אײַך נישט, אדון — זאָגט זי אַ צעטומלטע — לאָזט איכ׳ל גיין צופוס.

— וואָס איז מיט דיר, שורה? צופוס אַליין אַזאַ ווײַטן וועג, הינטער תּל־אביב האָסטו געזאָגט. — ער שטייט שוין לעם זײַן טעקסי, ס׳טירל איז אָפן:

— קום, זעץ זיך, צען־פופצן מינוט ביסטו אין דער היים.

זי שווײַגט. קוקט אויף דעם פּאַרשוין. זי האָט נישט קיין ברירה — טראַכט זי — ער איז גרייט איר אַהיימפירן אָן געלט, גלייבט איר אויפן וואָרט. אפשר איז ער נישט אַזוי ווי זי מיינט. מ׳טרעפט אַמאָל אויך אַ גוטן מענטש: אַ ווילדפרעמדן גוטן מענטש. ס׳איז דאָך נישט ווײַט ביזן שטוב אַרײַן. די אמא, דער אבא וואַרטן — האָט שורה טראַכטנדיק נישט באַמערקט — אַז זי מאַכט עטלעכע טריט און שוין איז זי אינעווייניק. זי זיצט לעם אים, שמייכלט פאַרלעגן, האָט חרטה אויף איר לאָזן זיך צורעדן. ער, באָריס, הערט נישט אויף צו רעדן, דולט איר אַ קאָפּ:

— האָב נישט מורא, שורה, טשיק־טשאַק ביסטו אין דער היים. צוליב נאַרישע עטלעכע שקל וועל איך דיך לאָזן גיין צופוס אַהיים.

זי זיצט פון זײַן לינקער זײַט, קוקט אַרויס דורכן שייבל. די געגנט, דערמאָנט זי זיך, זעט איר אויס פרעמד און וואָס

דוויערט אַזוי לאַנג ס'פּאַרן. טשיק־טשאַק האָט ער געזאָגט, און ער רעדט און רעדט. זי זעט נישט קיין באַקאַנט הויז, נישט דעם פּאַרק נאָענט פון זייער היים. דער בית־ספר דאַרף אויך זײַן אין דער געגנט. די גאַסן וואָס ער פאַרט פאַרבײַ זענען אויך טונקע־לער, ווייניקער באַלויכטן.

— אדון באָריס, איר האָט פאַרבלאָנדזשעט. ס'איז נישט אונ־דזער געגנט.

— זייַ רויִק, שורה. אַ נהג בלאָנדזשעט נישט.

— און פאַר וואָס אַזוי לאַנג. איר האָט דאָך געזאָגט טשיק־טשאַק? איר האָט אַ טעות.

איך האָב נישט קיין טעות, שורה. דאָ נישט ווײַט איז אַ בענזין־סטאַציע. עטלעכע ליטער בענזין אַרײַנגיסן. אַז מען גיסט, מותק, פאָרט מען.

שורה שווײַגט. זי ווייסט נישט, פאַרשטייט נישט וואָס ער וויל דערמיט זאָגן. חכמעט זיך און זי ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך מיט איר. אַן אַנשיקעניש. אָבער פּאָרט אַ גוטער מענטש. ער קאָן זי דאָך נישט און ער גלייבט איר. וואָס וואָלט זי געטאָן איינע אַליין בײַם ים, צפון תּל־אביב, אָן אַ גראָשן געלט. שוין פאַרגעסן אין הונגער, אין דורשט. אַ געסל הינטער דער בענזין־סטאַציע — האָט ער געזאָגט — וווינט ער. ער'ט זיך אַרויפכאַפּן אין שטוב אַרײַן, פאַרגעסן ס'געלט, ס'טשעקביכל אויפן טיש אין שטוב. זעסטו אויך בײַ מיר אַ פאַנטשער — הערט ער נישט אויף צו פּלאַפּלען, שטעלט אָפּ די מאַשין, גייט אַרויס.

— בלײַב איך דאָ? — פרעגט זי. זי האָט מורא. אַ פינצטער געסל. — ווי לאַנג וועט דויערן, אדון באָריס?

— ווילסטו, קום מיט מיר אַרויף דאָ, ערשטער שטאָק — ווײַזט ער מיטן פינגער אויף אַן איינשטאָקיקע הײַזקע, אַ טונקעלע, אָן אָפּגעלאָזטע. דער אַרײַנגאַנג — שוואַך באַלויכטן. אַן איבער־געשראָקענע, אַן אומזיכערע גייט זי אים נאָך אָן אַרויסרעדן אַ וואָרט, לאָזט אָפּן ס'טירל פון דער טעקסי.

— פאַרמאַך ס'טירל! — שרײַט ער אויס — שורה, וואָס איז מיט דיר!

— כ'האָב געמיינט מיר קומען באַלד צוריק.

— ביסט דאָך אַן אשכנזישע, פּויליש, רומעניש, אַן אינטע־ליגענטקע און רעדסט נאַרישקייטן.

בלייבט זי שטיין, שוין אין גאַנצן אַ מבולבלע. ער לויפט צו־ריק, פאַרמאַכט דאָס טירל און זי גייט אים נאָך. אַ פינצטער טרעפּן־הויז, ערשטער שטאָק, נאָך עטלעכע טרעפּלעך. ער שליסט אויף אַ טיר, לאָזט זי די ערשטע אַרײַן, ער נאָך איר, פאַרשליסט הינטער זיך די טיר. זי הערט און פאַרשטייט נישט, ווייסט נישט פאַרוואָס פאַרשליסט ער די טיר, מ'דאַרף דאָך באַלד אַרויסגיין. זי האָט מורא אַ וואָרט אַרויסברענגען. אַן עלעקטריש האַנט־לעמפּל צינדט זיך אָן. אַ טישל זעט זי, אַ קאָזעטקע איבערגעצויגן מיט אַ טונקל־געבלימטער דעקע, אַן אַלט קרעדענצל. ער מאַכט ליכט, אַ ליכטיקייט, וואָס זאַמלט אַרום זיך שאָטנס. אין ווינקל שטוב זעט זי אַ פּרימוס־מאַשינקע.

— נו, וואָס שטייסטו בײַ דער טיר?

— איך... איך וואַרט... איר'ט דאָך געזאָגט, אַז — — —

מה אַת מקשקשת* — האַקט ער איר אָפּ די רייד — טו זיך אויס.

— אדון באָריס... — שטאַמלט זי מיט נישט איר קול — איר — — —

— נישט געקווענקלט זיך — לאָזט ער זי נישט קומען צום וואָרט. — אויסטועט זיך — שרײַט ער און גענענט צו איר, וויל איר אָננעמען בײַ אַן אָרעם. שורה צעוויינט זיך, העשעט אַרײַן מיטן פּנים אין די הענט, העשעט און שלוקערצט, טרייסלט זיך אין גאַנצן.

---

* וואָס פּלאַפּלסטו?

— אַז קונצן, הערסט! מאַך נישט די אַרטיסטישע שטיק! ביסט דאָך געקומען צוליב דעם!

— פאַר וואָס, פאַר וואָס אויסטאָן זיך, צעווײנט זי זיך אויף אַ קול — אדון באַריס, באַארריס!... — ציטערן די ווערטער — אמא, אמאלע, אוי, אמאלע — — —

— שוויַיג! נישטאָ דאָ קיין אמא! קום ט׳מען מאַכן אַביסל ליבע, נאָכדעם ס׳טו גיין צו דער אמא.

— אדון באַריס — — —

— איז גיי מאַך אַ קאַפּע. איך וועל זיך דערוויַיל אויסטון, איכ׳ל דיר וויַיזן ווי אַזוי מ׳מאַכט ליבע.

— איך וויל אַהיים — וויינט זי אויס די ווערטער — די אמא, דער אבא וואַרטן.

— אַ שאָד די ציַיט — רייסט ער ווידער איבער ס׳געוויין און אירע רייד — מירן עס מאַכן טשיק־טשאַק און כ׳לאָז דיך גיין ווו דו ווילסט.

— אדון באַריס — און זי שטייט נאָך אַלץ בייַ דער טיר, אַ געבויגענע, אַ געבראָכענע מיט אַ פאַרווײנט פּנים.

— הער שוין אויף מיט די פּוילישע שטיק — שריַיט ער — און וואַרפט אַראָפּ פון זיך ס׳העמדל, טוט אויס די הויזן — איכ׳ל דיר וויַיזן מיט וואָס מ׳מאַכט ליבע!

שורה פּלאַצט אַרויס מיט אַ פרישׂ געוויין הויך אויפן קול.

— שוויַיג! שכנים וועלן הערן!

אַן אויסגעטועגער בלויז אין קורצע תחתונים גייט ער צו צו איר, הייבט אויף מיט אַ פינגער איר גאָמבע, קוקט איר אין די אויגן אַריַין!

— שטיי גליַיך, מותק, — שריַיט ער אויס און לאָזט איר אַראָפּ אַ פּאַטש.

שורה כאַפּט זיך פאַרן פּנים און יאָמערט מיט אַ געהעמט געוויין אַריַין אין די הענט.

— ווילסט נישט, איז גיי, פלי פון דאַנעט! — נעמט ער זי

אָן מיט איין האַנט פֿאַר די האָר. מיט דער צווייטער שליסט ער אויף די טיר, זעצט אַריַין די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס פֿון דאָרט אַ צענער שקל, עפֿנט די טיר, שטופּט איר אַרויס און וואַרפֿט צו דעם צענער שקל:

— פֿלי פֿון דאַנעט. פֿאָר אַהיים צו דיַין מאַמען!

דרויסנדיק פֿון דער טיר, אין פֿינצטערן טרעפּן־הויז, הערט זי זיינע לעצטע ווערטער:

— האָסט מזל, געטראָפֿן אויף אַן אָרנטלעכן מענטש.

19

ניין, זי קאָן אַצינד נישט אַהיימפאָרן — זאָגט זי צו זיך, און האַלט זיך בײַ דער באַק. אַוודאי רויט. ס׳פּנים פילט זי, פלאַמט, דער קאָפּ טוט איר וויי. ווי קאָן זי זיך אַזוי ווײַזן אין שטוב אַרײַן. דער אבא איז אַוודאי אין שטוב. זינט דעם שלום־בית איז ער סײַ מיטאָגצײַט און אין די אָוונטן אין שטוב. יאָ, אַ מזל. גוט וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געענדיקט. מער ווי די באַק טוט איר וויי, פילט זי אַ ווייטיק אין האַרץ, אין דער נשמה. אַזאַ מיאוסער פאַרשוין, אַזאַ פּרעך לשון. אַרויס פון זײַנע הענט אַ ריינע, אַן אומבאַרירטע איז אַ גרויס מזל. ערשט זי דערמאָנט זיך, ווי דער פאַרשוין האָט זיך די גאַנצע צײַט געדרייט אַרום דער ליגשטול, ווו ס׳קלומיקל איז געהאָנגען. דאָס האָט ער דאָך בכוונה תּחילה אַרויסגעשלעפּט ס׳טעשעלע מיטן געלט, געמיינט דאָרט טרעפן אַ מציאה. דעם איינציקן צענער שקל האָט ער אַרויסגעצויגן, כּדי זי זאָל נישט האָבן מיט וואָס אַהיימצופאָרן, דער אויסגעלאַסענער הפקר־יונג. צוליב דעם צענער שקל האָט ער זי פאַרנאַרט אין שטוב אַרײַן. זי קאָן זיך נישט שענקען אויף איר אייגענער נאַריש־קייט. ער האָט גערעדט און גערעדט די גאַנצע צײַט און זי, ווי אַ מטומטמת, איז אים נאָכגעגאַנגען. אַ פרעמדער פאַרשוין, אַ נהג, אַ פרעמדע געגנט, אַ פינצטער געסל, אַ פינצטערע שטוב, אַ ברודיקע דעק אויף דער קאָזעטקע. זיין פּרצוף, די ווילדע אויגן, דער ניבול־פּה ווי אַזוי האָט זי פריִער נישט געזען ווער דאָס איז, וואָס טשעפּעט ער זיך צו איר, וואָס וויל ער פון איר.

אַ טונקעלע גאַס. זי גייט און ווייסט נישט וווהין. דרייט איט־לעכס מאָל אָפּ דעם קאָפּ אויף אַהינטער, אויף רעכטס, לינקס,

נאָר עס דאַכט זיך איר ער גייט איר נאָך. אָט באַפאַלט ער זי, כאַפּט איר אָן ביים האַלדז, שטיקט, דערשטיקט זי. זי האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן.

אפשר זיך פאַרטײַעט און ער וואַרט זי אָפּ אין דער פינצ־טערניש. אַ שוואַכבאַלויכטן געסל, נידעריקע הײַזקעס, איינס לעם אַנדערן. ענג ווי צוזאַמענגעקוועטשטע, וואַנט צו וואַנט. קליינע פענצטער, בלינדע טירן. אַ שוואַרצע קאַץ איז איר דורכגעלאָפן. אוי, אַ שלעכטער סימן — זאָגט זי צו זיך. אַ היפּש שטיק וועג אָפּגעגאַנגען און וואָס ווײַטער, וווהין גייט מען, וואָס טוט מען, ווי אַזוי באַקומט מען זיך פון דאַנעט אַרויס.

זי האַלט נאָך פאַרקוועטשט אין האַנט די צען שקל. אַ טעקסי פאָרט אַדורך. אפשר אויפהייבן אַ האַנט? אָ, ניין. איינע אַליין, אין אָוונט, אַ פרעמדע געגנט, אַ נהג אין אַ טעקסי. נאָך דאָס פעלט איר. זי קוקט זיך נאָך אַמאָל אַרום. גאָר נישט ווײַט בײַ אַ גאַס־אויסבויג זעט זי אַ שילדל פון אַן אויטאָבוסן־סטאַציע. פון וואַנעט קומט דער אויטאָבוס, וווהין פאָרט ער — ווייסט זי נישט. נישט קיין נפקא מינא. קודם — אַרויס פון דאַנעט. אָט שטייט זי עטלעכע טריט פון דער סטאַציע, אַן אויטאָבוס קומט אָן. אומגעזען דעם נומער, אומגעפרעגט דעם נהג וווהין גייט דער אויטאָבוס — אַרויף. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געזוכט מיט די אויגן ווו זיך אַוועקזעצן, פרעגט איר דער נהג וווהין זי דאַרף. זי זעט דורך דער שויב די גאַס, אַ באַקאַנטע גאַס — זאָגט זי צו זיך אין געדאַנק — און ס'דערמאָנט זיך איר אַ נאָמען — אליהו שחר.

— אָט דאָ נישט ווײַט גיי איך אַראָפּ — ענטפערט זי מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג דעם נהג און שטרעקט אויס די האַנט מיטן צענער שקל. ער גיט איר אַ בילעט מיט אַ רעשט און זי זעצט זיך אַוועק.

היפּשע עטלעכע חדשים, אַ קנאַפּ יאָר, איז זי אויף דער גאַס נישט געווען. ס'לעצטע מאָל איז זי אַרויס פון אדון שחרס דאָר־

דירהלע מיטן קאָנווערט אין האַנט. זי האָט איר באַס מער נישט געזען, נישט געהערט פון אים. פאַרגעסן האָט זי אים נישט. אויך דעם „קבלת פנים", זײַן אַרײַן צוריק אין דער אַטעליע און אַ קוק טאָן אויף איר, און ענטפערן אויף איר שלום — האָט זי אויך נישט פאַרגעסן. פון דעסטוועגן איז זי אים מוחל. זי איז דאָך אַנטלאָפן פון אים. אַנטלאָפן ווי עמעצער וואָלט איר נאָכגעיאָגט.

ער איז בייז אויף איר? ניין. ער קאָן לאַנג נישט בייז זײַן אויף איר. ער איז אַ גוטער מענטש, אַ גרויסער קינסטלער. ער האָט איר ליב. ער קאָן זי נישט פאַרגעסן. ערשט אַצינד אין דער שעה, אין די רגעס, וואָס זי קלײַבט זיך אַראָפּגיין פון אויטאָבוס און פּרוּווט — לינקס, רעכטס — זי געדענקט נישט, ווייסט נישט ווו זיך אַ ווענד טאָן, געפינען דעם נומער פון הויז פון דאַר־דירעלע — איז זי זיכער, אַז אליהו שחר האָט איר אויף אַן אמת ליב, ער וועט איר מוחל זײַן. צו אים אין שטוב אַרײַן גייט זי. אין זײַן דאַר־דירהלע, אין זײַן אַטעליע איז ער זיכער דאָ. ער פאַרלאָזט זעלטן זיין אַטעליע. סך־הכל אַזייגער אָכט דרײַסיק — זעט זי אויף איר האַנטזייגערל. ער איז אין שטוב. ער וועט הערן קלעפּלען אין טיר, וועט עפענען. ער וועט איר נישט אַרויסיאָגן. ער טאָר איר הײַנט נישט אַרויסלאָזן פון שטוב אַפילו ווען ער איז בייז אויף איר. אים, אליהו שחר, וועט זי אַלץ דערציילן. אַלץ, ער וועט איר פאַרשטיין. ער וועט העלפן. ער וועט איר זאָגן, וואָס זי האָט אַצינד צו טאָן, ווי אַזוי זיך ווײַזן אין שטוב. הײַנט, די רויטע באַקן? ס'טוט איר נישט ווי, אָבער זי ווייסט, זי פילט אַז די באַק איז רויט. זי לייגט צו איר האַנט, אַ היץ יאָגט פון פּנים. ס'אָרט פון פּאַטש שווענדזשעט.

זי וועט בעטן סליחה בײַ אדון אליהו. אַנטלאָפן אָן אַ פאַר־וואָס, ווי אַ נאַריש מיידל האָט זי זיך געפירט, אַ גימנאַזיסטין, אַ טיפּשה. ער דער דזשענטעלמאַן־באָהעם וועט איר מוחל זײַן.

„צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן" — האָט איר די אמא פאַרטייטשט אויף עברית אַ פּויליש גלײַכווערטל. זי זעט אַ גוטן

צופאַל, וואָס גראָד דער אויטאָבוס זאָל אין דער שעה פאַרבײַ־פאָרן דאָס געסל און זי זאָל אומבאַשטימט פון פריִער אויף אים אויפזיצן און פאָרן גלײַך צו אליהו שחר.

נישט לאַנג האָט זי באַדאַרפט זוכן דאָס דאָך־דירהלע. דאָס האָט איר אַהין געפירט די אײַנגעדרימלטע בענקשאַפט צו דעם שלאַנקן, סימפּאַטישן עלטערן מאַן. ביז זי האָט די שוועל פון דעם דירהלע איבערגעטראָטן האָט זי נישט געוווסט, וואָס מ׳מיינט ליבע, מאַן, פרוי. ער האָט צו איר גערעדט ווי צו אַ גרויסער, פאַרשטאַנדיקער. זי איז עטלעכע מאָל פון אים אַוועק, געלאָזט אים מיט מירהלען אַליין.

אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע איז זי. אַ נאַריש צעפּיעשטשעט מיידל, אַ טיפּשה, לאָזט זיך פאַרנאַרן פון אַזאַ פאַרשוין אין זײַן ברודיק חדרל, ווי אַ בודע פון אַ הונט. אַ הונט איז ער, באַריס און זי? וואָס איז זי? אַ גאַסן־פרוי איז זי, אַ צופאַל איז דאָס אַרויס פון אים אַ ריינע, אַן אומבאַריירטע.

*

אַ שטיל קלעפּלען אין טיר.

— ווער איז עס?

קיין ענטפער הערט ער נישט. ווער קאָן עס זײַן אין דער אוונט־שעה — וווּנדערט שחרן. ער איז אַליין מיט מירהלען. זי שלאָפט אַצינד. ער וויל זי זאָל זיך נישט איבערוועקן.

ווידער אַ קלעפּלען. „ווער איז דאָרט?" — פרעגט ער נאָך אַמאָל און וואַרט נישט אויף אַן ענטפער.

ס׳קלעפּלען איז אים גוט באַקאַנט: די גימנאַזיסטין. אַ, שורה, פאַרגעסן אין איר, אויסגעמעקט זי פון זכרון, ווי מ׳מעקט אָפּ קרײַד פון אַ טאָוול. שוין נישט קיין גימנאַזיסטין מסתמא, וואָס וויל זי פון אים, איצט אין דער שעה? ער דערמאָנט זיך אין איר מאַמען, פרוי פנינה וואָס האָט זיך דאָ נישט לאַנג פאַרבעטן צו אים. אַ סימפּאַטישע, אינטעליגענטע פרוי. וואָס זי האָט געוואָלט

פון אים ווייסט ער עד היום נישט. אַביסל אומקלאָר אים געווען ס׳קומען, ס׳אַוועקגיין. ס׳קוקן אויף אים מיט קלוגע אויגן. זי האָט געוואָלט — זאָגט זי מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך — באַקענען דעם מאָלער, דעם באַרימטן קינסטלער. געהערט ער איז פון פוילן, טשיקאַווע — אַ לאַנדסמאַן, אפשר אַ בן־עיר. שחר האָט געזוכט און תּיכּף געפונען פון וואָס אָנצוהייבן. ער׳ט איר דערציילן — באַשליסט ער — דעם פאַרלויף פון משפּט ביזן אַרויסבאַקומען דעם פּסק־דין — מירהלע זאָל בלײַבן בײַ אים, מיט אים.

ערשט נאָך איר אַוועקגיין האָט ער געפּרוּווט נאָכטראַכטן צי האָט זיך דער שמועס געקלעפּט, כאָטש צו דער אמתער סיבה פון איר באַזוך האָט ער זיך דערטראַכט.

אינטערעסאַנט, וואָס ביידע האָבן געדענקט צו „פאַרגעסן״, נישט צו דערמאָנען דעם נאָמען שורה...

די קלעפּלער הערן נישט אויף. שחר גייט אַרויס פון דער אַטעליע, עפנט די טיר:

— שורה! — שרײַט ער כּמעט אויס. ער נעמט אַראָפּ די שווערע ברילן פון די אויגן. צי איז ער זיך נישט טועה, צי זעט ער גוט, האָט ער נישט קיין טעות?

— שלום, אדון שחר.

— שורה, וואָס האָט דיך געבערענגט אַהער אַזוי שפּעט, אַזוי פּלוצים?

— געבערענגט אַהער האָט מיך דער אויטאָבוס. פון דאַ נישט ווײַט קום איך.

— אַזוי אומגעריכט? וואָס איז געשען, שורה?

שורה שווײַגט. קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַ געבויגענע, אַן אײַנגעטולעטע אין זיך, צוזאַמענגעצויגן די אַקסלען, ס׳גזשיבעלע צעשויבערט. זי קוקט אים נישט אין די אויגן אַרײַן. אַ לײַכט קלומיקל אויפן אָרעם, אַ קורץ קליידל איבער די קני, נאַקעטע פיס אין זומערלעטשלעך כאָטש דער דרויסן איז אַ קילער. זאַמד, סימנים

פון סמאַלע־פּלעקן אויף די פיספינגער. אויך אויפן האַלדז אַ זאַמדשטויב. אַ געזאַלצענער ים־ריח שלאָגט פון איר. יאָ, אַוודאי שורה, אָבער גאָר אַן אַנדער פּאָזע, אַן אַנדער פּנים. אויך האַלט זי ס׳פּנים אָפּגעקערט אין אַ זײַט, איין האַנט אויף אַ באַק. ער באַטראַכט זי, אַ רחמנות וועקט איר אויסזען.

— נו, קום נענטער, וואָס איז מיט דיר, פון וואַנעט קומסטו?

— פון ים.

— איז וואָס שווײַגסטו, שורה? צו ווערמען ס׳טו זיך אַזוי געאײַלט, נישט קיין צײַט געהאַט זיך אַרומוואַשן, איבערטאָן.

— אדון אליהו — — —

און אַ שווייגן.

זעט ער שוין, שחר, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. באַשטימט ער אויך שווײַגן. זי מאַכט עטלעכע טריט אין „סאַלאָן" אַרײַן, זעצט זיך צו.

— גוט וואָס איר פרעגט מיך נישט — הייבט זי אָן — אדון אליהו — — — און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין. סעקונדן דויערט און ס׳געוויין גייט איבער אין אַ העשען, שלוכצן, אין אַ הויך, האַסטיק אָטעמען און אַ ווען און נישט קענען זיך באַהערשן. זי ווישט מיט איין האַנט ס׳פאַרטרערטע פּנים, די אַנדערע נעמט זי נישט אַראָפּ פון דער באַק. זי פילט, שורה, אַז ס׳יאָגט פון דער באַק אַ היץ. ווייל פאַרשטעלן פאַר איר געוועזענעם באָס די באַק, וואָס איז אַוודאי רויט, אפשר געשוואָלן. ער זעצט זיך קעגן איר, באַמערקט אונטער אירע צעשפּרייטע פינגער פון דער האַנט אַ רויטלעכע אויפגעלאָפנקייט.

— רעד, שורה, דערציייל, וואָס איז מיט דיר?

— אַ גליטש געטאָן זיך, געפאַלן.

— וווּ, ווען, ווי אַזוי?

— אויפן ברעג ים, אדון אליהו, איבער אַ שטיין.

אין קול און אין ליפּן־גרימאַס זעט שחר, אַז זי זאָגט נישט

דעם גאַנצן אמת, האַלט זיך בכלל אָפּ פון רעדן. אָט־אָט — ווידער אַ געוויין.

— געפאַלן, געפאַלן בין איך — הערט ער איר קול אומ־געפרעגט — אַ געפאַלענע בין איך, אדון שחר, — און ס׳לשון פאַרהאַקט זיך איר.

פאַרלענגערט ער ס׳שווײַגן, שחר. ער׳ט וואַרטן — טראַכט ער — זאָל זי זיך באַרויִקן. ס׳הייבט אים אָן קלאָר ווערן, אַז עפּעס אומגעוויינלעכס איז מיט איר געשען. דאָס זאָל אויך זײַן די סיבה וואָס זי איז געקומען צו אים און נישט אַהיים. אַ רחמנות־געפיל נעמט אים אַרום אויף איר געבראָכן זיצן, אָפּקערן דעם קאָפּ אין אַ זײַט, אויף איר געוויין, אויף איר פּלוצימדיקן אַנט־שוויגן ווערן. איר פּנים, איר שיין פּנימל — נישט צו דערקענען.

ער הייבט זיך אויף, נעמט איר אָן בײַם אָרעם, קום — זאָגט ער — אַרײַן אין קיכל מ׳עט מאַכן אַ טיי, אפשר אַ קאַלטן טרונק. אָט נעמט ער פון זיך אַראָפּ ס׳פּאַרטעכל, גייט זיך וואַשן די הענט.

ביידע זיצן בײַם קליינעם קיך־טישל בײַ צוויי גלעזער טיי. דאָס זיצן קעגן אליהו שחר בײַ צוויי גלעזער טיי, האָט אויגנ־בליקלעך שורהן דערמאָנט יענע באַפעריקע מינוטן, האַלבע שעהען פאַרן אָפּפירן צוריק מירהלען צו איר מאַמען. שחרס רעדן, זײַן שמייכלדיק פּנים, די לײַבטע גלעטן פון זײַנע הענט. ערשט אַצינד קוקט זי זיך אײַן אין זײַנע שמאָלע, לענגלעכע פינגער, איידעלע הענט. הײַנט, זײַנע ווערטער, זײַן וואַרעם קול. זי באַרויִקט זיך, הייבט עטוואָס אויף דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלט ס׳גלאָז טיי נענטער צום רויטלעכן פלעק אויפן פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ אָפּגעקערט אויף אַ זײַט. זי זופּט מיט אַ האַלב מויל די טיי און קוקט אויף אים אַ שטייגער זי וויל זיך איבערצײַגן צי איז עס טאַקע אליהו שחר, וואָס זיצט לעם איר, שווײַגט, בעסט זיך נישט? נישט געפוילט זיך אַרויסגיין פון אַטעליע, אַראָפּוואַרפן פון זיך ס׳פּאַרטעכל, וואַשן די הענט. אָט זיצן זיי אין אַ רויִקן שמועס, אין אַ שווײַגן ווי גאָרנישט וואָלט געשען.

— אַ דאַנק, אדון שחר, פאַר דער טיי.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— ס'איז יאָ דאָ פאַר וואָס, אדון שחר. זענט איר נישט בייז אויף מיר?

— חלילה.

איר מוילגרימאַס איז נאָך אַלץ פאַרקרומט, די ליפּן — פּיצלעך, צעצויגן. ער זעט זי וויל עפּעס זאָגן. עפּעס קוועלט איר און לאָזט נישט רעדן. ער ווענדט אָפּ זײַנע אויגן, וויל זיך אויפּהייבן צוגיין צום פרידזשידער אַרויסנעמען אוודאי אַ קאַלטן טרונק און שורה האַלט אים אָפּ:

— מ'דאַרף נישט, אדון שחר. וואָס מאַכט מירהלע, כ'בעט אײַך זאָגט מיר.

— פאַרבענקט זיך צו איר?

זי שווײַגט.

— שעם זיך נישט, זאָג.

— העכער דרײַ יאָר, נישט? זיך צוגעוווינט. כ'מיין, אַז מירהלע בענקט אויך צו מיר.

— און דאָס איז אַלץ — — —

— נישט אַלץ, אדון שחר, — און אַ פאַרשעמט שמייכעלע ווײַזט זיך אויף איר פּנים.

— איך האָב אַ ביטע צו אײַך, אליהו — זי האַלט נאָך אָן דאָס אינזיכיקע שמייכעלע אויך צוליב דעם, וואָס אַזוי גרינג האָט זיך איר אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט אליהו, ווי דעמאָלט מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק. — איך וויל אַ קלונג טאָן צו דער מאַמען.

— בבקשה.

— איכ'ל דערײַל — מאַכט ער — גיין אַ קוק טאָן צו מירהלען. — געמיינט האָט ער לאָזן איר רעדן מיט דער מאַמען ווען ער איז נישטאָ דערבײַ.

צוריקגעקומען, זאָגט ער שורהן:

— ס'ט גוט געטאָן. די מאַמע, דער טאַטע קלערן אַוודאי איבער.

— יאָ, אדון שחר. געזאָגט דער אמא, אַז כ'וועל שלאָפן ביי אַ חברטע. נישט כּדאי אַזוי שפּעט צו פאָרן מיט אויטאָבוסן, אַ ווייטער וועג ביז אין שטוב אַריין.

— איז אויב אַזוי גיי מאַך זיך אַ טוש.

20

אין באַדצימער איז אויף אַ בענקל געלעגן אַ פלאַנעלער באַרדאַ ראָק, אַ נאַכטהעמד, אַ פריש שטיקל זייף, אַ שמעקעדיק פלעשעלע פליסיקייט צו די האָר, אַ גרויסער קאַם.

איידער שורה האָט גענומען אַראָפּציִען פון זיך די נאַסלעכע קליידער האָט איר פּלוצים ווידער אַ קלונג געטאָן אין די אויערן ס׳פרעכע קול פון באַריסן: „טו זיך אויס!״ זי האָט אויפגע־ציטערט. אַט געגענט ער צון איר. זײַן פּרצוף, ס׳ציניִשע געלעכ־טערל וואַרפט אָן אויף איר אַ שרעק. פינצטער אין די אויגן איז איר געוואָרן פון פּלוצימדיקן פּאַטש. אַט אַט נעמט ער זיך צו איר. אָ, זײַנע ברוטאַלע הענט. „ער׳ט איר ווײַזן וואָס ס׳מיינט ליבע״. זײַן טרייפן קול ציטערט נאָך אַצינד אויף איר האַרץ. ווי אַזוי איז זי צו אים געקומען. פאַר וואָס איז זי אַרײַן אין זײַן טעקסי? נאָכגעגאַנגען נאָך אים אויף חושכדיקע טרעפּן ביז אין שטוב אַרײַן. צוגעגנבעט בײַ איר צען שקל. אַ חלום. אַ בייזער פינצטערער חלום.

ווי גוט, ווי ווויל איז ער דער מענטש, דער גרויסער קינסטלער אליהו שחר. נישט געלאָזט איר שטיין הינטער דער טיר. זי האָט אים נאָך אײַנגטלער נישט דערציילט. ער פרעגט נישט מער, פאַרשט נישט. ער גלײַבט איר. ער האָט זי ליב.

איין מאָל, נאָכאַמאָל אַנטלאָפן פון אים. אַ טעות, אַ פאַטאַ־לער טעות. ערשט נאָכן לעצטן מאָל אַוועקגיין האָט זיך די בענ־קעניש צו אים דערוועקט.

אַ צופרידענע איז זי וואָס דער צופאַל האָט זי געברענגט

צו שחרן. דאָ בײַ אים וועט זי בלײַבן איבער נאַכט. ניין. ער איז נישט בייז אויף איר. זי וועט מיט אים רעדן. אים דערציילן, אַז אין ביוראָ בײַם אבא פילט זי זיך נישט גוט. ער האָט זי נישט ליב. זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן. באַקומען אַ רוף־צעטל אין צה״ל. מעגלעך נאָכדעם — אוניווערסיטעט. אַ ליבשאַפט אַ ריינע, אַ נײַע וועקט זיך אין איר צו דעם מאַן אליהו שחר. אָ, סאַראַ גליק־לעכער צופאַל. זי וועט זיך לאָזן פון אים גלעטן, אַפילו קושן.

אַ וואַרעמער שטראָם וואַסער גיסט זיך אויף איר, שווענקט איר גוף. די שמעקעדיקע פליסיקייט פון פלעשעלע, פילט זי אויפן קאָפּ האָר, אויפן האַלדז. אַ גרויס, ווײַס פוכיק האַנטעך הענגט אויף אַ האָק. אַ קליין דיוואַנדל צו די פיס בײַ דער וואַנע. אָט גייט זי אַרויס, שטעלט זיך קעגן שפּיגל אַן אײַנגעוויקלטע אין האַנטעך. זי וועט זיך שיין פּאַרקעמען. „זוים זיך אין באַדצימער ווי לאַנג דו ווילסט״ — דערמאָנט זי זיך שחרס אַ זאָג — „אַבי קום אַרויס פון דאָרט אַ שיינע״.

אַ גאַנצע נאַכט וועט זי דאָ זײַן מיט אים. ער איז דאָך אַזוי להוט איר אָנרירן. ער ווייסט דאָך יאָ וואָס ליבע איז. זי וועט נישט אַוועק פון אים. זי וויל זײַן בײַ אים, מיט אים. ער וועט גליקלעך זײַן מיט איר. ס׳קומט אים אַביסל גליק דעם אַלטן עלנטן מאַן.

אַרויס פון באַדצימער האָט פון איר געשלאָגן אַן אָנגענעמער ריח. די האָר — צעקעמט, אויך ס׳גזשיווקעלע איבער די אויגן אין אָרדענונג געמאַכט. די רויטקייט פון באַק — זעט זי אין שפּיגל איז אָפּגעגאַנגען. זי געפעלט זיך.

אַ ברייטער שמייכל האָט אַראָפּגעשײַנט פון שחרס פּנים מיטן זען זי אַרויסגיין פון באַרצימער אַן אײַנגעוויקלטע אין גרויסן ראָק, וואָס האָט געגרייכט ביז אירע קנעכל. אויך שחר איז איר איצט געפעלן. אַ האָר זיך נישט געענדערט. דאָס זעלבע ברונעטע פּנים, די זעלבע צוויי קנייטשן לענגאויס די באַקן, וואָס גיבן אים צו מער חן, ווי עלטער. אַזוי אומגעענדערט די גראָע שלייפן.

שוין צוויי די דריטע שעה דאָ אוודאי. און איצט קוקט זי אויף אים, זעט זי אים.

אַ נײַער מענטש איז זי אַצינד. אַ ריינער גוף, אַ ריינע נשמה. ער, שחר, מעג אַלץ וויסן, דאַרף אַלץ וויסן — זאָגט זי צו זיך אין געדאַנק. אַ גוט געמיט אויף איר אַצינד. סך־הכל איז זי דאָך אַרויס פון יענעמס העסלעכע הענט אַ גאַנצע, אַן אומבאַרירטע.

מירהלע — האָט זי צו זיך געזאָגט — איז דאָך מיט אים, בײַ אים בלײַבט זי. זי וועט זיך פאַרנעמען מיט איר, אַ שוועסטער וועט זי איר זײַן. אַ גרויסע הילף וועט עס זײַן פאַר אים, שחרן.

— אַצינד איז די צײַט אויף נאַכטעסן.

שורה האָט אַ שמייכלענדיקע נישט דערווידערט. זי איז אויף אַן אמת הונגעריק געווען. אויך אַ קאַלטער טרונק אָדער אַ טיי וואָלט אַצינד נישט געשאַדט. אַזוי ווי זי איז אַרויס פון באָד־צימער אַרומגענומענע ביז איבער די היפטן, איז זי געזעסן בײַם קיכטישל. שחר האָט געגרייט אַלץ וואָס מ׳דאַרף צו אַזאַ אָוונט־סעודה.

נאָכדעם זענען ביידע געזעסן אין „סאַלאָן״. שחר, אַן אָפּ־געוואַשענער, אַן איבערגעטוענער אין אַ ריין ווײַס העמד; שורה, אין אַ פּאָר קורצע הייזלעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך אין קלומיקל, און אַ לײַכטע בלוזקע.

אומגעפרעגט האָט שורה אָנגעהויבן דערציילן אַלץ וואָס מיט איר איז געשען פון ים־ברעג ביז צו יענעמס באַריס, דעם הפקר־יונג אין ברודיקן, האַלב־פינצטערן חדרל. קיין וואָרט נישט פאַר־פעלט, קיין וואָרט נישט געלייקנט.

— את חברהמנית! — האָט ער כמעט אויסגעשריגן הויך אויפן קול און זיך צעלאַכט. ס׳ערשטע מאָל זינט זי קאָן שחרן, הערט זי אים אַזוי הויך, האַרציק לאַכן. דערמאָנט זיך אין מירה־לען, אַז ס׳לאַכן קען איר איבערוועקן — האָט ער אַ רוּיקער צו־געגעבן — כּל הכּבוד לך, שורה. און וואָס האָט געזאָגט דײַן אמא?

— זי איז מסכּים געווען אויף מײַן אָפּגעבאַקענעם ליגנט,

אַז איך וועל שלאָפן בײַ אַ חברטע — האָט שורה אַן אויפגע־הייטערטע פון שחרס פרײלעכקייט געזאָגט. גוט וואָס איך האָב געקלונגען. אבא, אמא זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט.

— וועסטו אויב אַזוי שלאָפן הײַנט מיט מירהלען.

דאָס פרישע שמייכעלע אויף שורהס שיינעם פּנימל איז מיט אַמאָל נעלם געוואָרן. שחר האָט עס באַמערקט. ס'האָט אים גע־ווּנדערט. ער האָט נישט איבערגעפרעגט. ער האָט פריִער וועגן דעם געטראַכט קוים ווען האַלטן דערבײַ.

— און איר, אדון שחר, ווּ וועט איר שלאָפן?

— בײַ זיך אין שטוב, שורה, איך גיי נישט אַוועק פון דאַנעט.

— כ'מיין, אדון שחר, נישטאָ מער ווי איין בעט.

— איך וועל זיך ווי עס איז אײַנמאָסטן אויפן קאָזעטקעלע. כ'וועל נאָך אַרבעטן אַ שעה־צוויי, אפשר מער. די רעשט נאַכט — זיך צולייגן, אָפּרוען. ס'טרעפט בײַ מיר אויך אין נאָרמאַלע צײַטן, מיידעלע.

אויף ס'וואָרט „מיידעלע" האָט נישט צוגעהאַלפן שורהן אַרויס פון דער שלעכטער שטימונג. זי איז נאָך אַלץ בײַ אים אַ מיידעלע, אַ גימנאַזיסטין. שוין באַלד אַ זעלנערקע, קלערט נאָכדעם אוני־ווערסיטעט. אַרויס מיט מזל פון יענעמס לאַפּעס. זי איז גרייט מיט אים, איר געוועזענעם באַס עפּענען, ווי מ'זאָגט, אַ נײַעם בלאַט, און נאָדיר — מיט מירהלען אין בעט וועט זי שלאָפן. — זי וואָלט דאָך אייגנטלעך געקאָנט אַהיימפאָרן נאָכן פאַרהאַלטן זיך בײַ דער „חברטע" עטלעכע שעה.

וויל ער איר נישט, דאַרף ער איר נישט אדון שחר?

21

אַ לאַנגע שלאָפלאָזע נאַכט איז דאָס געווען פאַר שורהן. די ערשטע נאַכט אין איר לעבן אין אַ פרעמד בעט, אַ פרעמד האַלב בעט אין היימישן דאַך־דירהלע פון אליהו שחר. ער איז געווען איר נאָענטסטער מענטש דעם אָוונט, די נאַכט. שפּעט זיך געלייגט, פרי אויפגעשטאַנען און די שעהען האָבן זיך אַזוי לאַנג געצויגן. אַ נײַגער איז איר עטלעכע מאָל באַפאַלן, אַראָפּגיין פון בעט זען ווי אַזוי האָט ער זיך „אײַנגעמאָסטעט" דער שלאַנקער מאַן אויפן קליינעם קאָזעטקעלע. אַ כּוח אַן אומדערקלערלעכער פאַר זיך אַליין האָט זי פון האַלבן בעט געצויגן. כאָטש צוזעצן זיך לעם אים. ער שלאָפט אַוודאַי אין אַנטאַן. אפשר איז ער וואַך, זיצט, קוקט אַרויס פון פענצטערל אין דער נאַכט אַרײַן. ער האָט שוין נישט איין מאָל אַזוי געטאָן — ווייסט זי פון אים. ניין. נישט רירן זיך פון אָרט. ער וועט צוקומען צום בעט. ס'קאָן דאָך אַנדערש נישט זײַן. אין זײַן בעט ליגט זי. נאַכט. אויך ער ליגט, זיצט, שלאָפט אַוודאַי נישט.

אַ מידע פון ים, פון דער איבערלעבונג: די מיאוסע באַ־ליידיקונגען, דער ניבול־פּה, דער פּאַטש אין פּנים, ס'בלאַנדזשען אין יענער פרעמדער געגנט אין אָוונט איינע אַליין. נישט זיכער געווען צי וועט זי טרעפן צו שחרן, צי וועט ער זי נישט לאָזן הינטער דער טיר. הײַנט, זײַן גוטע באַנעמונג, זײַן הויך האַרציק געלעכטער. דער טוש, ס'נאַכטעסן בײַם קליינעם קיכטישל. אַ, דאָס טישל. זײַנע לאַנגע הענט וואָס האָבן נישט גערוט, געזוכט איר אַ טשעפּע טאָן. אין זעלבן בעט ווו ער שלאָפט, ליגט זי. רק עס דאַכט זיך איר אָט־אָט קומט ער צו. זי רוקט זיך נענטער

צו מירהלען, ווייל אים מאַכן אַן אַרט אַנצולענען זיך. אַט האַלט זי איר האַנט אויף זיין קאָפּ, גלעט אים, שחרן.

די טראַכטענישן האָבן געגרויבט דעם שלאָף פון אירע אויגן, וואָס האָבן פון מידקייט זיך געקלעפּט. פאַרמאַכט און געעפנט. אַט דאַכט זיך איר, הערט זי דערנענטערן זיינע באָרוועסע פיס, זיינע לאַנגע הענט באַרירן ס׳קישן. אַט פאַרהייבט ער די קאָלדרע און שאַרט זיך שטילערהייט אַריין אין בעט. חלומט זי, האַלוצינאַציע צי וואָר? פאַרשלאָפענע געדאַנקען ראַיען אין קאָפּ, אין מוח. אין האַרץ אַ גראַבלעניש, ווי אַ מייזל אונטער אַ בעזעם. ניין. זי זעט אים נישט, הערט נישט קיין שאָרך. מירהלע דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. אָפּנים אין שלאָף דערפילט נאָך עמעצן אין בעט. שורה רוקט זיך אַוועק. אין עק בעט ליגט זי. מיט איין פוסהייב איז זי אונטן. אַ טראַט־צוויי צום קאַזעטקעלע. טשיקאַווע זען צי שלאָפט ער, צי איז ער אויף. ער האָט איר נישט ליב דער דזשענטעלמאַן־באַהעם. זי איז אַ פאַלשע, אַ נאַריש מיידל. אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע איז זי, מיאוס מיט אים זיך באַגאַנגען. אַן אויסגעלאַסענע איז זי. געלאָזט זיך אַריינגאַרן אין טעקסי, אין יענעמס שטוב אַריין. אַ גאַסנמיידל איז זי. אַ חוצפה פון איר זייט קומען צו אדון אליהו שחר, דערוואַרטן פון אים ליבע.

✶

אָנעם פאַרטעכל, אָן דער טונקעלער רובאַשקע, אַ האַלב־אויסגעטוענער איז אליהו שחר איבערגעשלאָפן די נאַכט. אַריין אין שלאָפצימער, אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן ס׳בעט. שורהן האָט ער נישט געזען.

אַן איינגעטולעטע אין דער קאָלדרע איז מירהלע געשמאַק געשלאָפן. אַ טאָפּלט געפיל האָט אים באַהערשט: אַ מין צופרידנ־קייט, וואָס דאָס קלוגע שיינע מיידל האָט זיך פלוצים געיאָוועט. למען האמת איז סיי דאָס פנים, סיי דער הילוך אים נישט צום האַרץ געווען. נישט די זעלבע שורה, וואָס האָט העבער דריי

און אַ האַלב יאָר, צוויי מאָל אין דער וואָך געבראַנגט און צוריק־געפירט מירהלען. אַ גלעזל טיי, אַ לייכטן ביס אין קליינעם קיכל, אַ געהאַרכיקע געזעסן קעגן אים, לעם אים. געזויגן מיט די אויערן זיינע ווערטער, שורה די גימנאַזיסטין. דאָך און פּאַרט געקומען צו אים, אומגעריכט געקלעפּלט אין זיין טיר. אַ צעבראָכענע, אַ געפּאַלענע געקומען צו אים זוכן טרייסט, באַרויִקונג.

פון דער צווייטער זייט איז אים אַ ווונדער, אַ גרויס ווונדער ס׳אַרויסכאַפּן זיך פון שטוב. שוין אַ דערוואַקסן מיידל, באַלד אַ חיילת, נישט רעזיגנירט פון אוניווערסיטעט און ווי בגנבה אַוועק ווי דעמאָלט אָן אַרויסרעדן אַ וואָרט, אָן אַ פּאַרוואָס. ווידער אָנגעברוגזט זיך. אַ נייער ברוגז: פריִער ווייל ער זאָל האָבן געפּרווּט, ווי מ׳זאָגט, אַ טשעפּע טאָן מיט איר, אַצינד — פּאַר־קערט: מסתמא דערוואָרט פון אים לכל הפחות אַ צערטל, אַ קוש. שחר שמייכלט צו זיך. אַ גוט געמיט אויף אים.

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פּאַרקוקטער אין האַלב־לײדיקן בעט, הנאה געהאַט פון מירהלעס געשמאַקן שלאָפן. זיין מירהלע. אַט־אַט ענדיקט זי דעם בית־ספר. תיכּון ביי די אַכצן וועט זי אַליין באַשליסן: צבא, אוניווערסיטעט. זיין טעכטערל — נאָך עטלעכע געציילטע יאָר — אַ יונגפרוי. אַ שיינע יוגנט וואַקסט דאָ. מיידלער, בחורים שיינע, הויכע, גלייכע רוקנס, פּאַרהויבענע קעפּ, טראָציקע, צעשמייכלטע און ערנסטע פּנימער. אויך ער, אליהו שחר, דער מאָלער, קינסטלער האָט עפּעס צושטייער גע־געבן — אַ חוץ זיינע מאָלערייען — אַ יונג שיין מיידל, אַ מאָרגנ־פרוי, תוצרת הארץ.

ווייסן זיי כאָטש, ווייסט דער יונגער דור, דער נאָכוווּקס, אַז זיי דאַרפן גליקלעך זיין וואָס זיי זענען דאָ געבוירענע, היגע, ישׂראלים, פרייע מענטשן אין אַ פרייער אייגענער מדינה?

שחרן קומען אויף נישט איין מאָל געדאַנקען, בילדער פון „דאָרטן״, ס׳לעבן פון די יידן סיי פאַר דער מלחמה, שוין אָפּגע־רעדט פון די חורבן־יאָרן. פינצטערע יאָרן, ווי אַלע ליכטער וואָלטן

מיט אַמאָל זיך דאָרטן אויסגעלאָשן. און דאָ, למשל, אין יום־העצמאות? מאַמעס, טאַטעס, יונגע, עלטערע, זיידעס, באָבעס, גאַנצע משפחות, דאָרטיקע און הי־געבוירענע. אַ המון האָפערדיקע, צעשמייכלטע פּנימער. האָרא־טאַנצנדיקע קינדער: ייִנגלעך, מיידלעך און עלטערע. יונג און אַלט הענט אין הענט אין גרויסע רעדער, קינדער אויף הענט און אַקסלען. מ׳טופעט פריילעך מיט די פיס צום טאַט פון לידער, פריילעכע מאַרשן. רעשיקע מוזיק רייסט זיך פון די הילכערס איבער די גאַסן. מאַסן מענטשן, ייִדן. ווייס־בלויע פענער. עלעקטרי־ליכט, זונליכט בייטאָג ביז די קליינע שעהן פון דער נאַכט, ביז חצות, ביזן מאָרגנשטערן — ליכט און לעבן.

אַ פרייד פאַר די אויגן, פאַרן האַרץ אַ טרייסט דאָס יום־טובן יאָר־יערלעך דעם יום־העצמאות.

און נישט איין מאָל האָט אַ מעפיסטאָפעלישע, אפשר אַ גורל־דיקע האַנט דווקא אין די־אָ דערהויבענע רגעס, שעהן שווידערלעכע בילדער פון נאָענטן נעכטן אונטערגערוקט: המונים ייִדן אַלט און יונג, קינדער אַרויסגעיאָגטע פון היימען אויף גאַסן, מאַרקן, זאַמל־פונקטן. אַרומגערינגלטע פון עס־עס און כל מיני נישט־ייִדן, מער־דער מיט געווער און פאַלקעס אין די הענט. מ׳שלאָגט, מ׳הרגעט אָן רחמנות, מ׳טרייבט צו אומקום מיט ונתנה תוקף־טויטן.

22

פּנינה האָט גרויס האָפֿענונג געלייגט אויף שורהס אַרבעט אין ביוראָ. אויך אַלעקס האָט געמיינט, אַז דער בעסטער וועג פֿאַר שורהן איז קודם, ביז וואָס ווען, נישט זיצן אין שטוב און דער עיקר — גוט וואָס זי האָט איבערגעריסן מיט אדון שחר. נישט קיין מזומנים און נישט קיין מחותנים — זאָגט זיך אַ ווערטל. אויך האָט זי געהערט, פּנינה, אַז קלאַראַ, מירהלעס מאַמע, וווינט מיט אַ חבר, חתונה געהאַט. מירהלע איז בײַם טאַטן. בדרך כּלל אין אַזעלכע פֿאַלן בלײַבט דאָס קינד, בפֿרט אַ מיידעלע, בײַ דער מאַמען. מסתּמא האָט אליהו שחר געהאַט אַ סיבה דערצו. עס ווענדט זיך אין פּסק־דין.

גענויע פּרטים וועגן משפּט בײַ וועמען מירהלע דאַרף בלײַבן האָט אליהו שחר דערציילט פּנינהן ווען זי האָט — אויף איר בקשה — אָפּגעשטאַט בײַ אים אַ וויזיט. דאָס איז געווען אַ סעק־רעטנע באַגעגעניש סײַ פֿאַר שורהן, סײַ פֿאַר אַלעקסן. וואָס פּנינהן האָט אינטערעסירט איז געווען זען שורהס באָס. אַ קורצער שמועס איז דאָס געווען. אַן ערשטער און אַ לעצטער, אָן דער־מאָנען דעם נאָמען „שורה“.

דער משפּט וועגן מירהלען — האָט ער איר דערציילט — האָט זיך לאַנג געצויגן. אַדוואָקאַטן פֿון ביידע זײַטן. עדות פֿון ביידע זײַטן וועגן זײַן אויפֿפֿירן זיך, וועגן אויפֿפֿירן זיך פֿון קלאַראַן. די דיינים האָבן באַשלאָסן: „נקרא לנערה ונשאל את פּיה“.* טאַקע אַ קליין מיידעלע — נײַן־צען יאָר — אָבער אַ קינד נאַרט נישט. מירהלע זאָל האָבן געזאָגט, אַז די אמא האָט גע־ברענגט אַ חבר אין שטוב אַרײַן. זי האָט נישט ליב דעם חבר.

* מ׳וועט רופֿן דאָס מיידל און פֿרעגן.

זי בענקט צום אבא. דער אבא איז אַ גוטער. ער ברענגט איר שיינע מתּנות, העלפט איר מאַכן די שיעורים. צום שלאָפן גיין דערציילט ער איר מעשׂהלעך. איין מאָל האָט ער איר געזונגען אַ לידעלע, וואָס זי געדענקט פון אויסנווייניק. אומגעפרעגט האָט זי אָנגעהויבן זינגען:

געגאַנגען איז אַ ייִנגעלע
אין פעלד צווישן זאַנגען
און האָט אַ קליינטשיק פייגעלע,
אַ פייגעלע געפאַנגען.
לאָז מיך, לאָז מיך ייִנגעלע — — —

געזונג האָבן די דיינים איבערגעריסן און געשמייכלט צו זיך. דער פסק־דין איז, בכן, ווערליק דעם וואָס איז גוט פאַרן קינד. ביז אַכצן יאָר וועט מירהלע זײַן בײַם טאַטן.

✶

שחר איז גליקלעך מיט זײַן מירהלען. זי האָט געמוזט גע־בוירן ווערן. פאַר אים איז זי אויף דער וועלט געקומען. מירהלע, דער פענדזל, די פּאַליטרע — מער ווי דאָס האָט ער נישט. אַ דריט מאָל וועט ער נישט חתונה האָבן. מיט יעדן יאָר וואָס מירהלע ווערט גרעסער ווערט ער עלטער. אַ שיין מיידעלע. זי איז אים געהאָרכזאַם. ער האָט זי ליב. ער טוט אַלץ איר געגונגען צו טאָן.

זי איז אַ פעיִק קינד. נאָך אַ יאָר־צוויי ענדיקט זי דעם בית־ספר. זינט זי האָט זיך אויסגעלערנט אַ פּירקאַנטיק אות שטעלן, לאָזט זי נישט אַרויס די פעדער פון האַנט — אַ פעדער און אַ שטיקל פּאַפּיר.

קלאַראַ האָט געהאַט — זאָגט ער צו זיך — איר וועלט: אַרבעט — קאָסמעטיקערין; חברטעס, חברים, פּריוואַט. אין דער דאָזיקער וועלט — אויך איר קינד. זײַן וועלט, כאָטש אַ קינסטלער, איז מירהלע — אין איר — זײַן אַטעליע און פּאַליטרע. מיט זײַן פענדזל דינט ער קודם זיך אַליין. פון זיך — צום מענטש, צו גאָט,

גאָט פון קונסט. אין אַ וועלט פון פאַרבן־געוועב, ליניעס און קלאַנגען לעבט ער. רעמבראַנד האָט דערהויבן די געטאָ־מאָדעלן צו תּנ״כישע געשטאַלטן. ער לעבט אין ישׂראל און געשטאַלטיקט אַ שפע פון פיגורן, ישׂראלים, ייִדן און ניש־ייִדן וואָס האָבן, זעט אויס, מיטן תּנ״ך אַ קנאַפּן שייַכות. אויך די פּיַיזאַזשן זעט ער נישט תּמיד מיט היגע אויגן. ער גלייבט אין מענטש כאָטש אַ ספק זאָגט אים אונטער, אַז דער מענטש איז, זעט אים אויס, אַ דורכפאַל.

עס פירט אים אָפט צו אַפּאַטיע, אומגלויבן. שלעכטע שטי־מונגען באַפאַלן אים, ווי אַ האָגל באַפאַלט אַ גרעזל. *Ecce homo. ער איז ביידע: דער האָגל און ס׳גרעזל. נאַטור. נאַטור־דערשיינונג. נישט איין מאָל פילט ער אין אַ ווינקל פון זיַין נשמה אַ דלוביען פון עקדיש־פיסלער — געשלעכט — וואָס מאַכט אים מבולבל. ס׳יאָגט אים פון שטוב אַרויס. צו חוהן יאָגט אים: חוה, וואָס מ׳האָט פון זיַין ריפּ אויסגעשניטן. דו ביסט נישט דו — הערט ער אין זיך אַ קול, ביסטו איינער אַליין ביסטו נישט גאַנץ.

מירהלע — זיַין טרייסט. אָט אָט זעט ער זי אַ גרויסע. ער איז גליקלעך וואָס ער האָט דאָך און פאַרט עפּעס ממשותדיקס אויפגעטאָן ביי זיינע העבער פופציק יאָר. ער האָט צוטרוי צו זיַין גורל. ער גלייבט אין זיך. ס׳קאָן גריילעך זיַין, אַז דאָרט וויַיט וויַיט, אין סיביר, אין אַ העק, ווו דער גורל האָט אים פאַרטריבן, לעבט זיַין טעכטערל. שוין אַ גרויסע, אַוודאי — אַ מאַמע, אָן אַ טאַטן, אפשר אַ פרעמדער טאַטע, אַ חבר דער מאַמעס — זאָל זי זיך האָבן געהאָדעוועט. די קייט איז, בכן, נישט איבערגעריסן געוואָרן. אַ, זיַין קליינע וואַלאַ, אַ קוים צווייאָריקע זי איבערגעלאָזט. אין פּאָסיאָלעק געלעבט, געאַרבעט. אַ דערפל אַ פאַרשטויסנס וויַיט פון אַ סטאַציע, פון אַ דאָקטאָר, אַ באָלניצע. די קליינע איז קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטין. הויכע היץ. אַ הונגער אין שטוב. אַ

---

* דאָס איז דער מענטש.

פּאַרשנייטער דרויסן. אַ הויכער, טיפער שניי ביז אונטער די פענצ־טערלעך. פּראָסטבלומען אויף די קליינע שייבלעך. חרוב קראַנק ס׳קינד. ער גופא אָפּגעשוואַכט פון שווערער אַרבעט, הונגעריק. אַ שוואַרץ פּעניצל ברויט פאַרשטעלט ס׳ליכט פון טאָג. דער מאַ־מעס בריסטן — ליידיקע טאַרבעלעך. נישטאָ מער די מילכשנירלעך פון דער מאַמעס בריסטן, וואָס האָבן געזויסט דעם קינדס גומען. פון זײַן מויל איז אויפגעגאַנגען אַ שטומע תּפילה: „גאָט האָסט דאָס הייליקע בוך פון געבווירלינג געעפנט און אָט אָט פאַרמאַכסטו עס צוריק. אָטעם פון טויט לעשט זײַן שטערנדל — זײַן איינציק שטערנדל — אין הימל. אַ שטערנדל מיט שטראַלנדיקער רו שײַנט אַראָפּ פון טאַטנס הענט. שטאַרבט עס, חלילה — אַ קבר אין זײַן האַרץ.

אַ נס האָט ס׳קינד פון מלאך המות הענט אַרויסגעריסן. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די מאַמען מיטן קינד. שטעט. גרענעצן. לענדער. אַ געראַטעוועטער, אַ געזונטער, אַ שעפערישער קומט ער אַהער. לעצטע סטאַציע — ערשטע טריט אויף היגער ערד. אַ נײַער אָנהייב.

אויף צוויי וועגן זעט ער זיך אַצינד גיין מיט פעסטע, זיכערע טריט פון אַן איין און פופציק יאָריקן מאַן. צוויי וועגן, וואָס פירן צו איין פונקט, איין ציל — מאָלערײַ און ליבע. פאַר ביידע איז ער גרייט מקריב זײַן דעם דריטן טייל פון זײַן לעבן: נאָך אַ צע־נערל, נאָך אַ צענערל — אָ, ווי זאָגט מען דאָ: ישיש, קשיש און אפשר — אַ בקשיש.*

קלאַראַ. ווען, ווי אַזוי איז זי אַרײַן אין זײַן לעבן, זיך אַוועק־געשטעלט צווישן אים און זײַן ווײַב דאָרטן. די מאַמע פון זײַן טעכטערל, וואַלאַ. ווער מאַכט זיי, די פרויען, אַזוי דערפינדעריש־קלוג, שטעקט זיי אָן מיט חכמה, ספּריט פון אַ ים־טויבער: דער־גרונטעווען זיך צו די סאַמע טיפענישן פון אַ מאַנס האַרץ, קלויבן

---

* בקשיש (אַראַביש) — אַ געשאַנק, פאַר עלטערע, פון 70 און ווײַטער.

די פּערל פון מאַנצבילשן שׂכל, נישט מיר, נישט דיר פאַרטאַכ־לעוועט, צעטרענצלט, וואַרפן אויפן מיסט, אין ים אַרײַן וואַרפן. אין ים פון לעבן. קלאַרא. ער און זי — צוויי פּאַלוסן. מירהלע — די גאָלדענע מיט״. צו שוואַך „ס׳גאָלד פון מיטן״ צו בינדן ביידע, צו שטאַרק — אויף איבערצורײַסן. עטלעכע יאָר זיך געפּייניקט און גובר געווען.

ווידער אַליין. אַליין אין צווייען — מירהלע.

די ערשטע עטלעכע יאָר אין לאַנד אין אַ קיבוץ, אַ חבר אין אַ מושב אויפן דרום. אויס מושב — אין ירושלים. ירושלים די הייליקע היסטאָריש־גאַנצע, דערוויַיל צעהאַלבטע וועלטשטאָט. שמאָלע גאַסן, געסלעך. אַ טונקעלער הימל איבער פאַרעלטערטע שווערע שטיינערנע בנינים. שטיינפּאַרקנס, פּלויטן. הייף, ליידיקע פאַרוואַרלאָזטע, בערגיקע און ווייניק באַגראָזטע שטחים, כּבישים אַרויף און אַראָפּיקע. וואַלקנס שווערע, טונקעלע מאָלן זיך אים אויס ווי פיגורן צעצויגענע, גרויסע, ווי פעלן פון ריזיקע חיות, איכטיזיאָזאַווערן, כאָטש זעץ זיך אַוועק מיטן פענדזל און פּאַ־ליטרע און מאָל.

תּל־אביב. אַ ברייטע, צעשפּרייטע, פאַרשייטע, נײַ־אויסגע־בויטע שטאָט. ווײַסע הײַזער, הײַזקעס פון נעכטן־אייערנעכטן — איבערבלײַבעכצן פון קליין־תּל־אביב. נײַע בנינים, געגנטן, פּערי־פעריעס פאַרגאָסן מיט זון און ליכט. ביימלער דאָ און דאָרטן. צוימען פון גרינע, הויכע שטענגלער צוזאַמענגעוואַקסענע אַרום הײַפלער, הײַזקעס, שיכּונים.

אין ביידע שטעט נישטאָ דער גאָט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די פײַערן פון סיני און פעלדזשטיינער פון יהודה. אויך זעט ער נישט די נביאים, וואָס האָבן געהאָרכט גאָטס וואָרט און עס צעטראָגן אין טאָל פון קליינעם לענדל פון השרון ביז איבער דער גרענעץ, דעם אַלטן טאָל פון מצרים.

אַ גאָטלאָז לאַנד. נישט דעם מאָנאָטעאיִסטישן און נישט דעם פּאַנטעאיִסטישן גאָט זעט ער דאָ.

23

פנינהן איז איצט קלאָר געוואָרן פאַר וואָס איר טעכטערל דרייט זיך אום אין שטוב אַן אויסגעלאַשענע. דאָס פנים, ס׳שיינע פנימל פון שורהן געפעלט איר נישט. אויך אַלעקסאַנדער זאָגט: זי זיצט בײַם טיש פּאַפּירן, פּאַפּירלעך, צעטעלעך, דער טעלעפאָן קלינגט און איר קאָפּ איז נישט דערבײַ. לאַנג דויערט ביז זי הייבט אויף דאָס טרײַבל. איז ער אין ביוראָ — גייט ער צו. אָבער ער זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט און נישט שטענדיק איז ער אין ביוראָ. ער דאַרף זײַן אין גאַס, ער האָט אַ סעקרעטאַרין, ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן. הײַנט, די בריוו, בריוועלעך, פּראָספּעקטן, וואָס מ׳דאַרף צעשיקן, חשבונות, רשימות. ער דיק־טירט און זי שרײַבט מיט גרײַזן, פעלערן. ער קען נישט, ער טאָר נישט, ער וויל גאָרנישט זאָגן זײַן טאָכטער. שורה איז אַ קלוגע, זי קען גוט עברית, זי איז אַן ערנסט מיידל, אלא מאי? עפּעס איז מיט דעם מיידל. זי לעבט עפּעס איבער.

— ס׳ערשטע מאָל, אַלעקס, הער איך פון דיר אַזעלכע ווער־טער.

— נישט געוואָלט דיר דערציילן. צו וואָס גורם זײַן דיר עגמת נפש. האָסט דאָך געזאָגט אַ גוטע שילערין. אַ תּנ״ך־קענערין, די מחנכת האָט געהאַט אַ פול מויל מיט לויב, שבחים.

— אמת, אַלעקס, אַלץ איז אמת.

— איז וואָס איז מיט איר, אונדזער איינציק טעכטערל?

— גוט וואָס דו פרעגסט, ווו ביסטו פריִער געווען?

אַלעקס האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן גלײַך עמעצער שטייט קעגן אים מיט אַ רעוואָלווער:

— דו ווידער מיט דײַנע קלאָץ־קשיות.

— קלאָץ־קשיות ?

— אפשר אין עמעצן פאַרלאָפעט ?

— וואָס פרעגסטו מיך ?

— דו ביסט דאָך מיט איר מער ווי איך.

— אין דעם גייט עס דאָך. ווו ביסטו געווען ?

— אָ, ווילסט זיך קריגן מיט מיר ?

— אַנומלט אַהיימגעקומען אַ צעדרומטקעטע. אין דער פרי געקומען צו גיין. געשלאָפן בײַ אַ חברטע.

— דו ביסט געווען דערבײַ ?

— ?...

— איך אויך נישט...

— וואָסער חברטע ? שיינע וואָכן זע איך נישט קיין חברטע, קיין חבר זאָל אַרײַנקומען אין שטוב. נישט קיין קינאָ, נישט קיין פאַרווײלונג. ים. אין ים איז זי פאַרליבט. גאַנצע שעהען, פאַר־נאַכטן.

— אַליין, אַליין צום ים ?

— יאָ, גלײַך פון דער אַרבעט — זאָגט זי — נישט ווײַט צום ים.

אַלעקס האָט זיך פאַרטראַכט. אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווײַגעניש. פנינה איז געווױנט געווען צו זײַנע אָפטע שווײַגענישן. דאָס מאָל האָט זי נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער איז פלוצים שטיל געבליבן.

— איז וואָס ס׳טו פלוצים פאַרלוירן ס׳לשון, מאַן מאַנער ?

— איכ׳ל מיט איר איבעררעדן.

— נו, בין איך גערעכט צי נישט, אַלעקס ?

✶

מירהלע איז אַ הויכגעוויקסיקע, אַ שלאַנקע, געראָטן אין טאַטן — זאָגן מענטשן, כאָטש קלאַראַ, זײַן געגט ווײַב, איז אויך

נישט פון די נידעריקע. ס'העלע פּנימל, די העלגרינע אויגן, קאָפּ געדיכטע האָר וואָס פּאַלט אַרײַן אין בלאָנד, קורץ געשוירן — דערמאָנט אים אין מאַרישען זײַן ערשטע פרוי. מאַרישע, די גוט־האַרציקע רוסישע פרוי און ס'טעכטערל. ווו זענען זיי איצט? די מאַמע — מילא, אָבער וואלאַ די טאָכטער. שוין זיכער אַ מאַמע. איז ער דאָך, אויב אַזוי, אַ זיידע און אַ טאַטע פון אַ צען־עלף יאָריק מיידעלע, אַ געראָטן טעכטערל. אַ גוטע שילערין. נאָר אַ יאָר־צוויי ענדיקט זי דעם בית־ספר. ער קומט אַהיים פון אַן עלטערן־אסיפה אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער. די לערערקע — מלא שבחים. נישט נאָר וועגן די שיעורים רעדט זיך. זי איז צייכנערין, אַ נטיה צו קאַריקאַטור. די וואַנט־צײַטונג אין בית־ספר איז פול מיט אירע צייכענונגען, בילדלעך, פּרצופים, נאָכקרימע־נישן פון תּלמידים, תּלמידות. זי מיידט אויך נישט אויס די לערע־רינס, דעם מנהל פון בית־ספר. זי לאָזט נישט אַרויס דעם בלײַ־פעדער, גריפל פון דער האַנט. רירעוודיקע, מסוגלדיקע צוויי הענטלעך — לאַנגע, לענגער ווי געוויינלעך צו דער פּראָפּאָרץ פון איר שמאָל, פלאַך, וווקסיק געשטאַלט: דעם טאַטנס הענט — ענטפערן צוריק אירע חברטעס אויף די קאַריקאַטורן, וואָס זי מאַכט פון זיי.

די ערשטע צײַט פאַרן משפט האָט זי שטאַרק געבענקט צו שורה און צו אים. די טעג, די שעהען פון אַליין גיין פון בית־ספר צו דער מאַמען, פון דער מאַמען צום טאַטן און צוריק זענען פאַרדרייט און פאַרמישט געוואָרן. שחר האָט געזען אויפן טרויע־ריקן פּנימל פון זײַן טעכטערל, אַז זי ליידט. אויך איר גאַנג אַהין און צוריק מיטן טורניסטער אויף די אַקסלען האָט זי פאַרפיקסירט אין אַ קאַריקאַטור, געוויזן דעם טאַטן. ס'האָט אים ווײ געטאָן און ער האָט געלאַכט פון אירע געלונגענע צייכענונגען. ער האָט געזען אין דעם אַ באַשטימטן אויסדרוק פון מיידלס צעריסנקייט. אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס איז עס פאַר אים געווען. ער האָט אַלץ געטאָן כּדי אונטעריאָגן דעם גאַנג פון משפט. ער איז

זיכער געווען אין נצחון. דאָס מיידל האָט פאַר אים מיט טרערן אין די אויגן זיך געקלאָגט אויף איר גורל. די מאַמע, די שטוב, דער חבר זענען איר נמאס געוואָרן. פון אַזעלכע און אַנדערע ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער־אָ מצב קען נישט, טאָר נישט לאַנג זיך פאַרציִען.

די אמא — האָט זי פאַר אים אויסגעגאָסן ס׳האַרץ — רעדט נישט צו איר, ענטפערט איר נישט אויף וואָס זי פרעגט און, אַז זי רעדט — שרייַט זי. דער חבר וואָס זי האָט געברענגט אין שטוב אַרייַן קוקט אויף איר מיט בייזע אויגן. קיין חברטע, אַ תּלמידה פון בית־ספר לאָזן זיי נישט אַרייַן אין שטוב.

זינט מירהלע איז בייַם טאַטן, זעט מען שחרן אָפטער אין גאַס, אַליין און מיט איר. אַלץ וואָס אירע אויגן זען, וואָס איר מויל זאָגט אַרויס — קויפט ער מיר — באַרימט זי זיך פאַר אירע חברטעס. ער העלפט איר אויך מאַכן די שיעורים, לערנט איר האַלטן די גריפל אין האַנט אַזוי ווי מ׳דאַרף.

ס׳טרעפט אויך אַ שבת אין דער פרי מאַכט ער מיט איר אַ שפּאַציר אין שטאַטישן פּאַרק, גייט מיט איר אין קינאָ, לייענט פאַר איר מעשׂהלעך פון ביכער. אַ בוך, ביכער אין שטוב — זאָגט ער — איז ליכט. אַ סך מאָל קוקט זי זיך אייַן, ווי איר טאַטע שטייט אַ געבויגענער איבערן טיש אין דער אַטעליע. זי בעט אים אָפּט ער זאָל איר אויפקלערן די מלאכה פון לייגן פאַרבן, ציִען ליניעס און אויספּאַרטיקן אַזעלכע שיינע בילדער.

כאָטש דער אבא איז אַ פאַרנומענער מענטש, שטייט לאַנגע שעהען איבערן טיש אין דער אַטעליע — דערציילט זי די חברטעס אין בית־ספר — האָט ער תּמיד צייַט צו גיין מיט איר ווו זי וויל.

איין מאָל איז מירהלע אַהיימגעקומען אַ פריילעכע מיט אַ בשורה:

— אבא, אמא הביאה אחות קטנה מבית־חולים. (טאַטע די מאַמע האָט געברענגט אַ תּינוק פון בית־חולים). מותּק של תּינוק (אַ זיסקייט פון אַ קינד).

— האָסטו עס געזען?

— בטח, אבא, יופי, יש לי אָחות קטנה. זיכער, טאַטע, שיין, האָב איך אַ קליין שוועסטערל).

דעם זעלבן טאָג, אָוונט צו, איז שחר נאָכן כאַפּן זײַן נאָכ־מיטאָג־דרימל נישט אַרײַן מער אין זײַן אַטעליע, צוגעזעצט זיך צו מירהלען בעתן מאַכן די שיעורים, געפרעגט צי האָט זי ליב איר שוועסטערל, דערציילט, אַז זי האָט אַן עלטערע שוועסטער — וואַלאַ הייסט זי — ערגעץ ווײַט ווײַט פון דאַנעט. נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר איז איר געווען, ווען ער האָט זי און איר מאַמען פאַרלאָזט. געבאָוועט זיך אָן אַ טאַטן וואַלאַ. ער האָט געמוזט אַוועק פון דאָרטן. מאַרישאַ, איר מאַמע, האָט געוואָלט דאָרט בלײַבן. רוסלאַנד איז איר היים, נישט געוואָלט פאַרלאָזן. ווי אַזוי זי לעבט דאָרט, אַוודאי שוין חתונה געהאַט — ווייסט ער נישט. פון דאָרט ווייסט מען גאָרנישט. מ׳קאָן אַהין נישט אַרײַנפאָרן, מ׳קאָן פון דאָרט נישט אַרויספאָרן. קיין בריוו קומען נישט פון דאָרט. שרײַבן אַהין קאָן מען אויך נישט. ער איז כּמעט זיכער, אַז זיי לעבן, ביידע לעבן. ער טראַכט גאָר אַנדערש נישט. מאַרישאַ, אַ שיינע, יונגע פרוי, אַ דאָקטאָרשע פון פאַך. מסתּמא האָט זי אויך געבערענגט אַ חבר אין שטוב אַרײַן, חתונה געהאַט. מיך וועט זי שוין קיינמאָל נישט זען. אָן אַ מאַן קאָן אַ יונגע פרוי נישט לעבן. אַ שווער לעבן דאָרט. אָן אַנדער וועלט. עס ווילט זיך זען אַן אייגענע טאָכטער, אַוודאי שוין אַ מאַמע.

אָוונט. מירהלע ליגט אין בעט. שחר זיצט לעם איר, דער־שלעפּט איר מיט אַ לידעלע, אַ מעשׂהלע. פּלעגט איר טון אַ קוש אין בעקל, זי האָט אונטערגעשטעלט ס׳אַנדערע: נאָך אַמאָל אַ קוש און זי איז אײַנגעשלאָפן. הײַנט איז זי שוין אַ גרויסע. דאָס מאָל — זאָגט ער — וועל איך דיר דערציילן אַן אמת מעשׂהלע. אַ מעשׂה, וואָס ס׳איז מיט דײַן אבא געשען:

געווען פאַרשיקט ווײַט ווײַט אויף סיביר. שווער געאַרבעט, אַ בריק האָט מען געבויט, אַ לאַנגע בריק איבער אַ גרויסן, ברייטן

טײַך. ביז דער העלפט אין וואַסער — ווײַזט ער איר מיט דער האַנט ביז איבערן בויך — איז מען געשטאַנען. שווערע שטיינער האָט מען אויף די הענט געטראָגן. הונגעריק איז מען געווען, אַ הונגער־מאַרש האָט געשפּילט אין בויך. פֿון פֿרי ביז בײַנאַכט געהאָרעוועט. געשלאָפֿן אויף נאַרעס, ברעטער אָן אַ קישן אונ־טערן קאָפּ, אָן אַ צודעק. פֿרעסט, שנייען, ביטערע קעלטן. אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן, געפֿאַלן בײַ דער אַרבעט אָדער גע־שטאָרבן פֿון הונגער. קלאָגן זיך האָט מען נישט געטאָרט. פֿאַר אַ שלעכט וואָרט האָט מען געשלאָגן מכּות רצח.

— אוי וויי, אבא. ווי אַזוי האָסטו אויסגעהאַלטן?

— אַ גוטע פֿראַגע, מיידעלע. ווייניק זענען לעבן געבליבן. איך בין קראַנק געוואָרן. מאַרישאַ, די גוטע רוסישע פֿרוי, די דאָק־טערשע, האָט מיך געראַטעוועט. אַ שיינע, יונגע פֿרוי. אויך איך בין יונג און שיין געווען, מיידעלע.

— נכון, אמת. ביסט נאָך הײַנט שיין, אבא. איך האָב דיך ליב.

ער האָט געשמייכלט און ווײַטער גערעדט:

— אָט די פֿרוי האָט מיך ליב געהאַט, אפשר רחמנות. זי האָט מיך אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב. מיר האָבן חתונה געהאַט.

— אַזוי ווי די אמא מיטן חבר?

— יאָ, מיידעלע. ווען זי וואָלט מיט מיר נישט חתונה געהאַט, וואָלט איך געשטאָרבן.

— רייד נישט אַזוי, אבא.

— ס׳איז אַן אמת מעשׂהלע. מיט אַ סך יאָרן צוריק געשען. מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן. קאָנסט רויִק אײַנשלאָפֿן, מיידעלע. איך וועל זײַן מיט דיר. איך וועל פֿון דאַנעט נישט אַוועק. דאָס איז אונדזער היים, אונדזער לאַנד. דאָ שטאַרבט מען נישט פֿון הונגער. דאָ אַרבעט מען נישט שווער. דאָ, ווי דו זעסט,

בין איך אַ מאָלער. מאָל בילדער, פּאָרטרעטן, לאַנדשאַפטן. מענטשן קויפן, באַצאָלן.

— דאָרטן... אבא... האָסט... נו, דערצ — — —

געזען מירהלע שליסט די אייגעלעך, די ליפּעלעך מורמלען האַלבע, שטיקלעך ווערטער, האָט ער זיך צוגעבויגן צון איר, אַ קוש געטאָן אין שטערן. מירהלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

24

מירהלע איז אַהיימגעקומען פון בית־ספר מיט אַ געוויין. פּאַרשפּעטיקט דעם אויטאָבוס. אַ גאַנצע האַלבע וואָך זיך געגרייט אויפן אויספלוג קיין אילת מיט דער כּיתה, אָנגעקומען אַ באַלאַ־דענע מיט האַק און פּאַק: אַ וואַליזקעלע, אַ גרויסן האַנטאַש, אַ טורניסטער אויף די פּלייצעס און געטראָפן אַ ליידיקן הויף. זי קוקט אויפן האַנטזייגערל. סך־הכל זיבן־אַכט מינוט פּאַרשפּעטיקט. זי פּרוּווט נאָך אַ לויף טאָן אויף צוריק, אפשר פון דערוויַיטנס דערכאַפּן דעם אויטאָבוס, אפשר וועט מען איר פון דאָרט באַ־מערקן, צוּוואַרטן, רופן זי. אומזיסט. אַ גרויסער פּאַרדראָס. זי צעוויינט זיך.

— אז מה יהיה, אבא? (איז וואָס וועט זיַין?) — פרעגט זי מיט אַ וויינענדיק פּנים.

— יהיה בסדר, ס׳וועט זיַין גוט, נישט קיין טראַגעדיע. וויין נישט, מיידעלע. ביסט דאָך שוין אַ גרויסע.

— מה אתה מדבר, וואָס רעדסטו, אבא?

— וויין נישט וועסטו הערן וואָס איך רעד.

— ?...

— קום נענטער, פּאַרמאַך די טיר, וואַרף אַראָפּ די פּעקעלך פון זיך, זעץ זיך אַנידער.

— דבר, אבא, רעד טאַטע.

— ביסט מיד, האַ? געגאַנגען צופוס אַהין און צוריק מיטן געפּעק. קום אַריַין איך קיך, מ׳עט מאַכן אַ טיי, אַ פרישטיק, האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל.

— עזוב, אבא, לאָז צורו, טאַטע, שוין שפּעט. וואָס וועט זיַין?

— ס'וועט זײַן גוט, מירהלע.

ביידע זיצן אין קיר. אַן איינגעמידטע, אַ צעטראָגענע זיצט מירהלע מיט אַ פֿאַרוויינט פּנים, קוקט אויפֿן טאַטן אַן אומגעדול־דיקע און וואַרט, ווײַל הערן פֿון אים אַ וואָרט. אַ פֿאַרטראַכטער זעט ער אויס אין אירע אויגן אַ שטייגער ער טראַכט גאָר עפּעס אַנדערש.

— מירהלע — רופֿט ער זיך פּלוצעם אָן — האָסט דאַקעגן, אַז דו און איך, דײַן אבא, זאָלן זײַן אין אילת?

— למה לא, פֿאַר וואָס נישט, אבא. אָבער מיר האָבן דאָך פֿאַרשפּעטיקט.

— וואָסי, מ'לאָזט מער נישט אַרײַן קיין אילת?

— לא מבינה, איך פֿאַרשטיי נישט, אבא, וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז מיר'ן ביידע מאַכן אַן אויספֿלוג קיין אילת.

— אָ, יופי, פֿײַן. הײַנט?

— דווקא הײַנט? איך ענדיק אַרויס צוויי אַרבעטן, ס'האַלט פֿאַר אַן אויסשטעלונג. איך האָף ס'וועט אַדורך מיט הצלחה. פֿאַראַן אַ ביוראָ אין תּל־אביב, מיר'ן ביידע צופֿאָרן, פֿאַרשרײַבן זיך און מ'וועט — — —

— פֿאָרן — רײַסט זי אים איבער אין מיטן.

— ניין. מ'וועט פֿליִען. קיין אילת איז בעסער, שנעלער צו פֿליִען.

— אתּה מותק, אבא! — שרײַט אויס מירהלע מיט אַ לאַכנ־דיק פּנימל אַ פֿאַרטריקנטס פֿון טרערן. אַ שמייכל שײַנט אויף איר פּנים, אַ פּנים, ווי אַ פֿרילינגדיקער הימל, אַ זון נאָך אַ רעגן.

— מאָרגן, מיין איך, וועלן מיר צופֿאָרן. הײַנט זיך פֿאַרבינדן טעלעפֿאָניש, און ס'וועט זײַן בסדר. אויב וועט מען מאָרגן, איבער־מאָרגן פֿליִען וועט מען נאָך, מעגלעך טרעפֿן די חבר'ה פֿון בית־ספֿר.

מירהלע איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון פֿרייד, צוגעלאָפֿן צום טאַטן, אָנגעהאָנגען זיך אָן אים, אָנגעהויבן אים קושן.

אַן אָפּגעוואַשענער, אַן אויסראַזירטער, מיט טונקעלע ברילן אויף די געשליפענע גלעזער, אַ קאַליריק אויבערהעמדל איבער די הויזן, אַ שלאַנקער מיט רירעווודיקע באַוועגונגען, לעבן אים מירהלע — זענען זיי אַרויס פון שטוב צו דער נאָענטסטער אויטאָ־בוסן־סטאַציע קיין תּל־אביב.

אַזייגער 4 נאָך מיטאָג איז עס געווען. דער מאַן מיט וועמען שחר האָט גערעדט טעלעפאָניש און באַשטעלט אים קומען — איז אין ביורא נישט געווען. אַ מיידל אין טונקעלע ברילן, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, פּאַרנט אַ גזשיווקעלע זיצט בײַם טיש, ס׳פּנים פּאַרטאָן אין פּאַפּירן. צו זייער אַרײַנקומען הייבט זי אויף דעם קאָפּ, באַגריסט זיי מיט אַ העפלעכן „שלום״.

שחר נעמט אַראָפּ די זונברילן. זײַנע בליקן פּאַלן אויפן יאָ און נישט באַקאַנטן פּנים פון מיידל.

— אָ, וועמען איך זע דאָ, אדון שחר און איר, דו מירהלע, נישט דערקענט, אויסגעוואַקסן ביזן טאַטנס אַקסל.

מירהלע נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון שורהן:

— אַת שורה? — פרעגט זי פאַרחידושט.

— קומט נענטער, אדון שחר — הייבט זיך שורה אויף גייט אַפּויער פון טיש, דערלאַנגט מירהלען ביידע הענט, כאַפּט זיך מיט איר אַרום פּנים צו פּנים, און ווענדט זיך צו שחרן:

— שלום, אדון שחר, ס׳פרייידט מיך אײַך זען דאָ. מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען?

— גערעדט נעכטן טעלעפאָניש מיט אַ מאַן וועגן אַן אויס־פלוג קיין אילת. געבעטן הײַנט קומען.

— מײַן אבא, דער אבא מײַנער, ער איז נישט לאַנג אַרויס. ער קומט באַלד. זעצט אײַך בבקשה.

— ביסטו שורה, די סעקרעטאַרין?

— יאָ, נישט קיין נפקא מינא, אויב איר האָט נישט קיין צײַט, אדון שחר, אויב איר אײַלט זיך קאָן איך די זאַך אַדורכפירן.

— בבקשה, שורה.

ביידע האָבן זיך געזעצט נעבטער צום טיש. שורה האָט גע־שמייכלט פאַרלאָרן, אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ בויגן, צוגע־רוקט אים שחרן אונטער די אויגן. אָט־אָ דעם טופס דאַרף מען אויספילן, אונטערשרייבן זיך — מאַכט זי מיט איר אים גוט באַ־קאַנט שטימעלע — אויב איר האָט נישט דאַקעגן חד־שתיים מאַכן מיר עס, אדון שחר.

ס׳שמייכעלע אַ ביסעלע פאַרלעגן, אַ ביסעלע איבערגעשראָקן איז נאָך אַלץ נישט אַראָפּ פון איר פּנים.

שחר באַמערקט איר פאַרלעגנהייט, וואָלט וועלן זי באַרויִקן, פרעגט:

— איז וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס, שורה? אַ סך יאָרן דיך נישט געזען.

— פינף־זעקס יאָר סך־הכּל. דריי יאָר צבא. אַ ביסל אַרבעט מען.

— אויב אַזוי בין איך שוין אַן אַלטער מאַן.

— פאַרקערט, איר זעט אויס יינגער, שענער. ווי גייט עס מיט אייערע מאָלערייען?

— אַן קאָמפּלימענטן, שורה. דאַרף אפשר זאָגן גברת שורה? אגב, מיט די מאָלערייען — בסדר. איך גרייט אַ נייַע אויסשטעלונג.

— אויך דו, מירהלע, מירי, ווענדט זי זיך צו מירהלען, שיין אַ שאָס געטאָן, אַ פרייליין.

— אמת, שורה? — רופט זיך אָן שחר און ער דרייט אָפּ ס׳פּנים צו זיין טעכטערל, כּדי שורהן נישט לאָזן אין אַ פאַרלעגנ־הייט.

— התגעגעתי אליך, שורה (כ׳האָב געבענקט צו דיר) — ענטפערט זי שורהן און קוקט צום טאַטן — אתה צודק, אבא (ביסט גערעכט), גם שורה יפה (אויך שורה איז אַ שיינע).

— און דו, מירהלע, ביסט אַזוי שיין אויסגעוואַקסן, אין וועל־כער קלאַס?

— ח׳, ס׳לעצטע יאָר. די קלאַס ט׳געמאַכט אַן אויספלוג קיין

אילת. איך האָב פאַרשפּעטיקט. וויל איך איצט פאָרן מיטן אבא.

— פליִען, מיידעלע.

— נכון, אמת. ווי לאַנג פליט מען?

— אַ שעה־אַנדערהאַלבן בערך.

שורה נעמט אַרויס פון שופלאַד אַ דין קאַליריק בראַשורל, גיט עס מירהלען — אַט דאַ — מאַכט זי — האָסטו אַלע אינפאָר־מאַציעס. לייען, גיב דעם אבא אַריַינצוקוקן.

אַדורכגעפירט אַלע פאָרמאַליטעטן, פרעגט שחר צי דאַרף ער נאָך וואַרטן אויפן באַס. אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג — זאָגט שורה. — איר׳ט באַקומען אַ טעלעפאָן געגוי ווען איר דאַרפט זיַין אויפן פליפעלד. ס׳אַ פראַגע פון אַ טאָג־צוויי. איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אדון שחר.

— קאָן מען, אויב אַזוי, שוין גיין.

— איַילט איר זיך?

— דאַ, יעדנפאַלס, האָבן מיר אַלץ אַראַנזשירט, מיין איך.

ביידע הייבן זיך אויף, מאַכן עטלעכע טריט פון טיש. שורה באַגלייט זיי, זאָגט:

— מיין אמא זאָגט: „אַ באַרג מיט אַ באַרג טרעפן זיך נישט״. גוט, וואָס מיר זענען מענטשן, אדון שחר, נישט אַזוי?

— שורה, אַ גרויסער הומאָריסט געווען ביַי ייִדן האָט ער געזאָגט: „אַ מענטש איז אַמאָל אַ מענטש, אַמאָל — דאָס אויך נישט״...

— אדון שחר, אייערע ווערטער ליגן מיר גוט אין זינען.

צו זייער אַרויסגיין געזעגנט שורה, באַגלייט זיי מיט אַ טראָט צו דער טיר, נעמט אַרום מירהלען און דריקט איר צו זיך. „מגיעה לך נשיקה״ (ס׳קומט דיר אַ קוש) — זאָגט זי, פאַרהייבט דעם קאָפּ, ציט אויס דעם האַלדז און פאַרשנאַרעוועט דאָס מויל אויף אַ קוש בעת איר פּנים איז מער געצויגט צו שחרס פּנים. שחר זעט, אַז שורהס ליפּן מיינען אים. אַ קליין פּאַסיקל לופט צווישן אירע ליפּן און זיַינע. אין די רגעס קערט ער אָפּ ס׳פּנים אין אַ

זײַט. מאַכט זיך אַראָפּנעמען די ברילן, באַקוקט זיי ווי אויף אַ וויש טאָן מיט די פינגער. שורה פאַרלירט זיך נישט, גיט מירהלען אַ סמאַטשקעדיקן קוש.

שורה ציט זיך צוריק פון מירהלען מיט אַ מינע וואָס וויל זאָגן:

— כ'בין אַ מבין... אדון שחר, אָבער איך וועל מיט אײַך נישט ברוגז ווערן.

דרויסנדיק פון דער טיר דערמאָנט זיך שחר: סך־הכּל מיט פינף־זעקס יאָר צוריק האָט די גימנאַזיסטין שורה געמאַכט דעם זעלבן מאַנעוור בעת ער האָט געוואָלט צו איר אַרויסגיין מיט מירהלען איר אַ קוש טאָן. אָפּגעגעבענע זאַכן — זאָגט ער צו זיך. צו שפּעט וואָלט ער אייגנטלעך באַדאַרפט איר זאָגן, מיידעלע. אָ, ניין. נישט דאָ איז דאָס אָרט. נישט אַצינד די צײַט, און אַוודאי נישט ווען מירהלע איז דערבײַ. ניין, ער האָט מיט איר נישט קיין שום חשבונות. עבר הזמן — בטל קורבנו. זי איז אים גאָרנישט שולדיק. ס'איז אים פון דעסטוועגן אַ טאָפּלטער וווּנדער אויף איר, שורהן. שוין נישט קיין גימנאַזיסטין. אַ פריילין, אַ שיינע, אַ גע־ווען זעלנערקע. פאַר וואָס האָט זי צום געזעגענען געלאָזט האַלטן איר האַנט אין זײַנער אַ סך לענגער ווי מ'דאַרף. דער פאַר־לעגענער שמייכל אויפן פּנים האָט נאָך אָנגעהאַלטן.

25

נאַכט. טיפע טונקעלע סוף נאַכט. שחר איז מיד. ביז שפּעט געשטאַנען אַ געבויגענער איבערן „טיש" אין אַטעליע. ער פּילט אַ מידקייט אין די ביינער, אָבער דער מוח איז וואַך, דער קאָפּ אַרבעט: מחשבות תּמיד נאָכן אַוועקלייגן דעם פּענדזל, גריפלס, בלייערס. נאָכן מאַכן עטלעכע טריט ווייטער פון טיש, קומען אים קאַפּויער אָנונגען, בילדער, אַלץ וואָס ער האָט געפּלאָנט אַרײַנ־לייגן, אַרויסברענגען איידער ער האָט זיך געשטעלט צום „טיש". ערשט נאָכן אַוועקגיין זענען זיי עולה אין זײַן מוח אין זײַן גע־דעכעניש אַביסעלע אַנדערש, ווי ער האָט געמאַכט. אייגנטלעך ענדיקט ער קיינמאָל נישט. כּל זמן די אויגן פון קינסטלער זענען אָפן איז דאָס ווערק נישט געענדיקט. חוץ דעם — יעדער סוף געבערט אַ נײַעם אָנהייב: אַ בליץ, אַן אויפהעל, אַן אָנונג און שוין שווענדזשען אים די פינגער, די הענט ווערן רירעוודיקער, גיבן נישט קיין רו. אָ, די זיסע פרייד פון מי פאַרטושט די מידקייט, מאַכט פאַרגעסן אין אַלע שוועריקייטן, פיזישע, נשמהדיקע.

אָנגעלענטערהייט זיצט ער אויפן קאַזעטקעלע לעם פענצ־טער, קוקט אַרויס, כאַפּט פרישע לופט. ס'אַלטע קאַזעטקעלע איז נישט צו דערקענען. אויסגעבעט, איבערגעצויגן מיט אַ נײַעם איבערצוג, ס'סטאַרטשעט נישט אַרויס קיין פּרוזשינעס. דאָס איז אַצינד מירהעלעס בעטל זינט ס'איז איר דרײַצן־ס'פערצעטע יאָר געוואָרן. אמת, צו קליין, שמאָל. מירהלע איז אויסגעוואַקסן. ער פּלאַנירט אַרײַנשטעלן אויף דעם אָרט אַ בעט, איז די מעשׂה דער־פון, וואָס נישטאָ אין „סאַלאָן" קיין אָרט. אַרויסוואַרפן די קאַ־זעטקע איז אַ שאָד.

היינט האָט ער זיך אַביסל „פאַרגעסן" אין אַטעליע. מירהלע האָט אויף „דערוויילל" זיך צוגעלייגט אויפן בעט און אַנטשלאָפן געוואָרן. ער וויל זי נישט איבערוועקן.

ער זיצט מיטן פּנים צום אָפענעם פענצטער. אַ סוף אלול־נאַכט. דער הימל — אַ ריינער, אַן אויסגעוואַשענער נאָך אַ קליין דריבנע רעגנדל, אַ בלווילער־לווילעכע לופט. קעגנאיבער דעם פענצטערל זעט ער: די ים־ליניע. וויַט איז דער ים. העכער אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָבוס. ער זעט אים אויס אַצינד, דער ים, שיער מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. וואָס לענגער ער קוקט, אַלץ טונקעלער זעט אים אויס די ים־ליניע. ער האָט ליב דעם ים און אַזוי ווייניק גייט ער אַהין. אַ סך אַרבעט און קורץ די צייט — זאָגט זיך אַ ווערטל אין עברית.

צען, העכער צען יאָר פון נייַנצן נייַן און דרייסיק ביז נייַנצן נייַן און פערציק אַרויסגעריסענע פון זייַן לעבן עלעהיי בלעטער פון אַ קאַלענדאַר. זיי פעלן אים אויס. ער לעבט מיט אַ געפיל פון, ווי מ'זאָגט אויף רוסיש: „יאָגן און דעריאָגן". אַוודאי איז ער צופרידן, וואָס ער איז געקומען אַ לעבעדיקער, אַ געזונטער, אָבער דער דעפיציט אין צייט איז זייער אַנזעעוודיק. ער לעבט דערפאַר מיט אַן אינערלעכער דיסציפּלין. דאָס איז זיין טרייב־קראַפט, זיין מאָטאָ. ער טראַכט נישט וועגן פאַרגאַנגענעם, וועגן מאָרגן, איבערמאָרגן טראַכט ער. ער לעבט מיט אַ געפיל פון אומרו, פון אַ שטראָם איבערלעבונגען, איבערשטאַרבונגען, וואָס בעטן זיך קומען צום אויסדרוק. פון אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל ווערט ער פאַרשטראָמט. זיין רו איז אין אומרו, אין געבן אַ תיקון דעם כאַאָס, דעם נייַעם בראשית אין אים, אין זיין שאַפן, באַשאַפן, געשטאַלטיקן מענטש, נאַטור, נאַטור פון מענטש, לאַנדשאַפט.

אַ געדאַנקען־בילד איז אים דורכגעלאָפן: שורהס ווייַזן זיך יענעם אָוונט. אַוודאי שוין אַ יאָר פיר־פינף. ער געדענקט נישט גענוי. איר צעבראָכן געשטאַלט שטייט אים נאָך פאַר די אויגן. דאָס עטוואָס אָפּגעבערענטע פּנים אין אַ זייַט, האַלט די האַנט אויף

אַ באַק. פון אירע אויגן, אירע ליכטיקע טונקלברוינע אויגן, קוקט אַרויס אַ באַהאַלטענער דערשראָקענער פּחד. מיט האַלבע ווער־טער, מיט אַן אויסשווייַגן, אַ טראַגיש־פֿאַרלוירן שווייַגעניש דער־ציילט זי, וואָס מיט איר איז געשען. ס׳ערשטע מאָל בייַ ים איז עס געווען. אַ פֿאַרנאַכט־שעה. אַ באַליידיקטע, אַ טרויעריק־פֿאַרביטערטע האָט זי אַרויסגעווייטיקט יענע פֿאַרלויפעניש.

פֿאַרוואָס איז זי דווקא אין יענע געפֿאַלענע, געדריקטע מי־נוטן געקומען צו אים, איז אים געווען אַ רעטעניש. ערשט איר אָפּזייַן, נישט זען זי, כּמעט פֿאַרגעסן אין איר — האָט אים במשך פֿון די היפּשע עטלעכע יאָר קלאָר געמאַכט די געפֿילן פֿון דעם מיידל צו אים דעם עלטערן מאַן.

הייַנט, דאָס בלייַבן בייַ אים אַ נאַכט, ס׳שלאָפֿן אין זייַן בעט. האָט זי דאָס געטאָן באַוווּסטזיניק צי אומבאַוווּסטזיניק — נישט וויכטיק. וויכטיק איז דער פֿאַקט. טאָמער ווייניק — ס׳אַנטלויפֿן אין דער פֿרי ווען ער איז נאָך געשלאָפֿן. אַ, דער שטומער פּראָ־טעסט — ווידער אַ פּאַטש אין איר פּנים. ניין. אַ פּאַטש אין דער נשמה. און אַ רושם האָט ער, אַז ס׳איז נאָך נישט סוף פּסוק.

לאַנג האָט דאָס געדאַנקען־בילד אין אים אָנגעהאַלטן. ס׳האָט אים געוווּנדערט אויף זיך. זי איז דאָך אייגנטלעך פֿון זייַן זיכּרון אויסגעמעקט געוואָרן. צוואָס דאָס אַרייַנטראַכטן? וועט ער דען דערגיין צו אַ טאָלק?

ס׳טאָגט שוין אין פּינטשעוו — האָט אליהו זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פֿון שלאָף אַרויס. ניין. ער איז די נאַכט נישט געשלאָפֿן. אַ פֿאַרקוקטער אין טונקעלן פּאַס ים, אַ פֿאַרדמיונטער אפשר אין האַלבן דרימל, איז ער נאָך אַלץ געזעסן בייַם אָפֿענעם פֿענצטערל. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אויסגעגלייַכט זיך אויף זייַן גאַנצער לענג און זיך געגרייט מאַכן נאַכט.

ווי לאַנג ער איז געלעגן געדענקט ער נישט. געעפֿנט די אויגן האָט ער ווען ס׳איז שוין געווען גוט ליכטיק. ער האָט זיך אויפֿ־געזעצט, געפּרוּווט אַרייַנאָטעמען פֿרישע מאָרגנלופֿט, גיין זיך

אַרומוואַשן, גרייטן אַ טרונק, אַ לייכטן ביס און אַרײַנגיין אין דער אַטעליע.

אַ קלעפּלען אין טיר, אַ שטיל קלעפּלען. ער האָט לאַנג נישט באַדאַרפט אַרײַנקלערן פון וועמען דאָס קלעפּלען איז. אים איז נאָר אַ וווּנדער, אַ גרויס וווּנדער, פאַר וואָס אַזוי פרי.

ווידער חזרט זיך איבער דאָס באַקאַנטע איינטאָניקע קלאַפּן. ניין, ער האָט נישט קיין טעות. דאָס איז שורה.

אַוודאי וועט ער איר עפענען די טיר, אָבער קיין לאַנגע מחזוקות וועט ער הײַנט מיט איר נישט מאַכן. ער וועט זיך מיט איר באַגיין, ווי מיט יענע „ליבע געסט", וואָס מ'האָט ליב צוויי מאָל: איין מאָל צום קומען, ס'צווייטע מאָל — צום אַוועקגיין. ער געדענקט אויך, אַז מ'דאַרף עס מאַכן וואָס גיכער, כּדי מירהלען נישט איבערוועקן.

ער גענענט צו דער טיר, עפנט זי.

— סלח לי, אדון אליהו, וואָס אַזוי פרי.

— סלחתי. וואָס זאָגסטו עפּעס גוטס?

קעגן אים שטייט זי אינעווייניק פון דער טיר. קאָפּ אַראָפּ. שווײַגט. פון אָפענעם פענצטערל רינט אַרײַן אַ בלווילער־לילאָווע שײַן. אויף די ווענט פון „סאַלאָן" דראַפּען זיך לעצטע נאַכט־שאָטנס. צעריסענע, באַהעלטע. ער מאַכט אַ שפּאַן צום קיכל, צינדט אָן ס'ליכט, וואָס פאַלט אויך אויף שטיקער ווענט פון „סאַלאָן", און פרעגט:

— איז עפּעס געשען, שורה?

— גאָרנישט געשען, אדון שחר.

— איז וואָסי?

— אַ גאַנצן טאָג מיטן אבא אין ביוראָ, נישט גוט, נישט גוט מיר. איך — — —

— איז דעריבער? — שלאָגט ער איר איבער אין מיטן.

— ס'גלוסט זיך מיר הײַנט נישט גיין צו דער אַרבעט, אדון שחר. בין איך פרי אַוועק פון שטוב. דער אבא רעדט נישט צו

מיר, וואָס איך טו געפעלט אים נישט, בייזערט זיך אויף מיר, שרײַט „נמאס לי!".

— האָסט גערעדט מיט דײַן מאַמען?

— נישט גערעדט. אויך זי פאַרשטייט מיך נישט.

נאָענט פון שחר'ן אויף אַ בענקל, ווי מיט יאָרן צוריק, זיצט שורה, קוקט, נישט צו אים. ווײַט אין ערגעצנישט איז זי פאַרקוקט.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר?

— נעמט מיך צו זיך — ענטפערט זי קורץ, אַ שטייגער דער ענטפער איז שוין פאַרגרייט געוואָרן פריִער. שחר נעמט אָן אַ פול מויל מיט שווײַגן. באַדאַרפט האָט ער איר ענטפערן, אייגנטלעך, מיט אירע ווערטער בײַם ערשטן מאָל אַנטלויפן פון אים: „וואָס בין איך אַ חפץ, אַ זאַך צום קויפן, צו נעמען?".

ניין. ער וועט זיך מיט דעם מיידל, די אומגליקלעכע שורה, נישט צערעכענען. זי איז אים גאַרנישט שולדיק, כאָטש אויפן שפּיץ צונג זענען אים געלעגן די ווערטער: „דער צווייטער פּאַטש איז געווען דעם זעלבן אָוונט, די זעלבע נאַכט, וואָס ביסט אין מײַן בעט געשלאָפן, אַוודאי דערוואַרט מיך און איך בין נישט געקומען". צו וואָס נאָך אַ פּאַטש, אַ דריטן, מיטן וועלן מיר אַ קוש טאָן אין ביוראָ נאָך עטלעכע יאָר אַן אויסגעמעקטע פון מײַן זיכּרון?"

שורה זיצט איצט בײַ זײַן טישל אַ פאַרדרענגטע, אַ נישט היגע. אַ רחמים־געפיל נעמט אים אַרום קוקנדיק אויף איר. אַוודאי וואָלט ער באַדאַרפט איר העלפן. אַרויס פון שטוב, איר מאַמע מיינט זיכער, אַז זי איז אין ביוראָ בײַ דער אַרבעט. דער טאַטע וועט קלינגען אין שטוב אַרײַן. שורה איז נישטאָ. אַ פּאַניק. אפשר, חלילה, הײַנטיקע צײַטן, אַ קשיא, וואָס קען טרעפן מיט אַ מיידל. מ'דאַרף מאַכן אַ סוף צו דעם און וואָס פריִער — זאָגט ער צו זיך.

— ווילט איר מיך מער נישט זען? — רײַסט זי איבער שחר'ס שווײַגן.

— איך האָב דאָך, ווי דו ווייסט מסתּמא, מירהלען אין שטוב.

— נו, אז מה, איז וואָס? מירהלע האָט מיך ליב. איך האָב איר אויך ליב. איר זענט אַ מאַן, אַליין, אַ קינסטלער זענט איר. איך וועל אײַך העלפֿן: רוימען, מאַכן מיט מירהלען די שיעורים.

— ביסט שוין אַ גרויסע פריילין און רעדסט, זײַ מוחל, נאַ־רישקייטן. האָסט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען. ביסט זייער טאָכטער, איינציקע טאָכטער, אַ שיינע, אַ גראָטענע. וואָס מיינסטו „נעמט מיך צו זיך"?

— כ׳ווייס, אדון שחר, איר וואָלט מיר באַדאַרפט ענטפֿערן מיט מײַנע ווערטער פון מיט יאָרן צוריק. שלאָגן מיך, ווי מ׳זאָגט, מיט מײַן שטעקן. איך בין נישט הײַנט קיין נאַרישע גימנאַזיסטין... אדרבא: הײַנט פאַרשטיי איך, אַז כ׳האָב געטאָן אַ נאַרישקייט. איך האָב דאָס מאָל גוט באַטראַכט וואָס איך טו. איר זענט אַ גוטער מענטש, אדון שחר. אַ גוטער טאַטע, ווייס איך. איך האָב מײַן אבא קיינמאָל אין שטוב נישט געזען, קיין גוט וואָרט פון אים נישט געהערט. ער ליידט מיך נישט דער אבא. ער האָט מיך נישט ליב.

— די אמא וואָס זאָגט?

— איך קאָן דערוועגן מיט דער אמא נישט רעדן.

— זאָל איך מיט איר אַ רעד טאָן? אַ סימפּאַטישע פרוי דײַן אמא. איין מאָל דאָ געווען.

— אַזוי?

— יאָ. עטלעכע מינוט. מיר האָבן נישט לאַנג גערעדט.

— וועגן מיר?

— חלילה.

— אדון שחר, טרײַבט מיך נישט אַרויס.

— איך טרײַב נישט קײַן מענטשן פון מײַן שטוב. ווילסטו עפּעס איבערכאַפּן? אַוודאי נישט געגעסן, געטרונקען.

די שיינע שורה מיטן שיינעם טרויעריקן פּנימל, מיט די אַראָפּ־געלאָזטע אויגן פאַרקוקט ערגעץ, זיצט אַקעגן אים אין זעלבן

קיכל, אויפן זעלבן בענקל ווי מיט יאָרן צוריק. אַ גימנאַזיסטין איז זי דעמאָלט געווען, געוואָלט פּאַרדינען געלט אויף קאָיעטן, ביכער, אַ נאַש, אַ קינאָ. די אמא האָט קיינמאָל קיין שקל נישט געהאַט. מ'טאָטן ט'זי נישט געזען. ס'האָט איר ווי געטאָן אויפן טרויעריקן פּנים פון דער מאַמען. אַן אבא האָט זי געזוכט, צו אַן אבא האָט זי געבענקט, אַן אבא ער זאָל זי ליב האָבן, ער זאָל קאָנען רעדן צון איר. פאַר וואָס איז זי אַוועק פון שחרן ווייסט זי עד היום נישט. זי איז דאָך יונג געווען. דער ערשטער מענטש, מאַן חוץ טאַטע־מאַמע, לערער, לערערינס, איז ער פאַר איר געווען. גע־מאַכט אַ טעות. גרויסע מענטשן מאַכן אויך טעותים.

— שורה — וועקט ער זי אויף פון פאַרדמיונטקייט — פאַר וואָס שווייַגסטו?

— געוואָלט זאָגן — — —

— וואָס ס'טו געוואָלט זאָגן?

— געמאַכט אַ טעות, אדון שחר.

— נישט אין דעם גייט עס, שורה, דערלויב מיר זאָגן שורה־לע, איך האָב זיך באַשוואָרן אַזוי לאַנג ווי מירהלע איז ביי מיר, מיט מיר, וועל איך קיין שום פרוי צו מיר אין שטוב נישט אַריינ־ברענגען. מירהלע איז אַוועק פון איר מאַמען, ווייל זי האָט אַריינ־גענומען אַ חבר אין שטוב אַריין. נו, וועט איר טאַטע נעמען אַ פרוי צו זיך אין שטוב אַריין?

— לאָזט זיך פון מיר ליב האָבן, אדון שחר.

נו, דאָס איז עס דאָך. ביסט דאָך שוין אַ פריילין און אַ פאַר־שטאַנדיקע. איך וועל דיר ציטירן איין שורה פון אַ גרויסן פּאָעט אין איינעם פון זיינע לידער:

„ליבע איז אַ טייַך. קאָן אַ טייַך פליסן אין דער זעלבער צייַט אין צווי קעגנזייַטיקע כיוונים?"

— האָט איר עמעצן ליב, האָט איר אַ פריינדין, אדון שחר?

— ניין, חלילה. מיין מירהלען האָב איך ליב און דאָס איז עס.

שורה איז געבליבן זיצן אַן אומבאַוועגלעכע, אַן איַינגעטו־לעטע, אַן אײַנגעקורטשעטע אין זיך. זי איז אין די רגעס קלענער, אײַנגעשרומפּן געוואָרן נישט צום דערקענען. גרויס רחמים בעטן אירע אויגן, אירע גרויסע טונקלברוינע אויגן. אַ טרערן־הייטל ציטערט אין זיי, אָט־אָט פּלאַצט עס.

אַ שווער געפיל אַ באַדויערנדיקס האָט זיך אין שחרן גע־וועקט, אַ פאַטערלעך געפיל צו אַ קינד, אַ מיידל, אַ דערוואַקסן מיידל אין טיפער פאַרצווייפלונג. קעגן אים זיצט זי, ווי אַ פאַר־גליווערטע, אַן אומבאַהאָלפענע. ער קאָן איר מיט גאָרנישט העלפן.

עטלעכע ווערטער האָט ער צונויפגעקליבן און זיי פאַמע־לעכקע אַרויסגעזאָגט:

— באַדענק זיך שורה. איך עצה דיך: פאָר אַהיים, מאַך זיך אַ טוש און לייג זיך שלאָפן. וועסט אויפשטיין אַ נײַער מענטש.

— האָט איר אפשר אַ טאַבלעט, אדון שחר, אויף איַינשלאָפן און נישט אויפשטיין ?...

צווייטער טויער

1

אַלעקסאַנדער האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט — אַמעריקע. פּנינה איז נישט אַנטציקט פֿון דעם וואָרט. זי ווייסט, אַז איר אַלעקסאַנדער וואַרפֿט זיך נישט מיט ווערטער. זאָגט ער עפּעס אַרויס איז עס אַדורכגעטראַכט: אַ געדאַנק, אַ פּלאַן. די לעצטע וואָכן מערקט זי אין זײַן שווײַגן אַן אומרו, אַ מין נישט דערזאָגן עפּעס. אין די לײדיקע שעהען — זיי זענען ווייניק בײַ אים — זיצט ער אַ פֿאַרדמיונטער, אַמאָל בײַסט ער אַ ווינקל ליפּ, נערוועז. זײַן טבע איז נישט אַזוי צו זיצן. ווייסט פּנינה: עפּעס וויל ער זאָגן און זאָגט נישט.

אַז די געשעפֿטן אין ביוראָ און די אַרבעט זײַנע — מוזי־קאַנט אין פֿײַערלעשער־אָרקעסטער — איז אים נישט צום האַרץ פֿון ערשטן טאָג אָן, ווייסט זי. נישט איין מאָל געטראַכט דערוועגן, הלמאי איז ער נישט געוועבט? נישט קיין פּאַך ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַזאַ שטייגער מאַן, נישט קיין שפּראַך, חוץ, ווי מ׳זאָגט, ענגליש אויפֿן שפּיץ מעסער, וואָס וועט ער טאָן אין אַמעריקע? קיין יונגערמאַנטשיק איז ער אויך נישט. פֿעלן דאָרט נישט געענדיקטע סטודענטן, קאָנסערוואַטאָריע־תּלמידים? ער איז דאָך נישט פֿון די, וואָס חלומען פֿאַרן קיין אַמעריקע מאַכן אַ ביסל געלט און צוריקקומען. און ס׳געשעט אַמאָל פֿאַרקערט: פֿון געלט וואָס מ׳נעמט מיט — מאַכט מען אַ ביסל. ווי זאָגן מענטשן: „ווער עס יאָגט זיך נישט צו געווינען — פֿאַרשפּילט נישט״.

פנינה, ווי איר טבע, האָט נישט דערוווּדערט. אַזוי פירט זי זיך אַלע יאָרן. זי איז מיט איר מאַן לטוב ולרע.

אַלעקסאַנדער שיקט בריוו, בריוועלעך.

אַ שלעבטער סימן: אַ טאָפּלטער סימן — ער האָט צופיל צייַט, ער האָט נישט קיין געלט אויף טעלעפאָנען. ער שפּילט אויף חתונות — שרייַבט ער — ייִדישע חתונות, ווי זייַן טאַטע זכרונו לברכה, דער „שוואַרצער מנשה", דער קלעזמער.

אַ ייִנגל, האָט ער געשפּילט פידל. דער טאַטע פלעגט אים מיטנעמען אויף חתונות: זאָל ער זען, זאָל ער הערן אַ ייִדישן ניגון. קאָנסערוואַטאָריע, שמאָנסערוואַטאָריע. שמאָנצעס. גוייִשע מוזיק. שעהען לאַנג שטייט ער בייַם „שטענדער". נאָטן, שמאָטן. אַנדערש קאָן ער נישט, וויל ער נישט. שיינע געלטער קאָסט עס אָפּ.

אַצינד איז ער אַ גרינער. וווינט אין ברוקלין. אַ ייִדישע געגנט. פּאַרט צווישן ייִדן. ייִדן אָן בערד, מיט בערד, מיט פּאות, אָן פּאות, באָרדשפּראָץ אויף יונגע פּנימער. ייִדן מיט קאַפּאָטעס, אָן קאַפּאָטעס, מיט אַטלאַסענע זשיפּעצעס, שוואַרצע קאַפּעלושן, ציצית, אַרבע כּנפות, וואָס דערמאָנען אין דער אַלטער היים. אַמוויי־ניקסטן הערט מען דאָ ייִדיש רעדן, ס'אַ ענגלישער ייִדיש, אָדער ייִדישער ענגליש. אַ סך פרומגעקליידעטע דערמאָנען אים אין צפת, וואָס ער האָט געזען אין אַ פּורים־טאָג אייַלנדיקע אין שיל אַרייַן צום לייענען די מגילה.

נאָר אין שיל, אַ שבת אָדער יום־טוב, קאָן מען אַזאַ איי־נעם אָפּשטעלן און עפּעס פרעגן: — ווו וווינט אַ ייִד, וואָס טוט ער, אַ היגער, אַ גרינער?

דערוווּסט זיך, אַז עס קומט פּאָר אָן אזכּרה נאָך די קדושים און טאָקע פון זייַן שטאָט — האָט ער יענעם אָוונט זיך געטראָפן מיט אַ ייִדן פּנים אל פּנים. טשיקאַווע: העכער צוואַנציק יאָר אין ישראל איז אים קיינמאָל נישט אייַנגעפאַלן נאָכפרעגן זיך אויף לאַנדסלייַט. צוגעוווינט זיך צו אַלטע און נייַע באַקאַנטע.

געזען, אַז אין ישׂראל איז נישט אַזוי ווי ער האָט דערוואַרט. דווקא אין ייִדנלאַנד פירן זיך נישט אַלע אויף ווי ייִדן. מ׳מאַכט נאָך די גויִים: ככל הגויים וויל מען לעבן. ערשט דאָ אין דעם גרויסן, רײַכן אַמעריקע בענקט זיך אַהיים, צו דער נײַער היים, צו וויַיב, טאָכטער.

אַ קליין לאַנד צווישן ים און מידבר און ים קריצנדיקע ציין, און פאָרט אַן אַנלויף פון ייִדן פון אַלע אומעטומען. תחית המתימ־דיקע ייִדן וואָס זען אין ישראל ובא לציון גואל. אויך נישט־פרומע ייִדן, וואָס זען, אַז דער רבונו של עולם וויל פאַרגיטיקן: — נאָט אײַך ייִדעלעך אַ ייִדישע מדינה.

אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, אַזייגער זיבן אָוונט — די אזכּרה.

אַ גרויסער עולם נישט צום ציילן. אַ גרויסער באַלויכטענער זאַל. אַ טריבונע. זעקס יאָרצײַט־ליכט. אַ קורצע רעדע. אַן אל מלא רחמים. אַן עולם — ס׳רוב וויַיבער, עלטערע מענטשן. על־טערע מענער. וויניק יונגעלײַט, יונגע פרויען, מאַמעס. אומעטיקע אויגן, פאַרטורעטע, פאַרזאָרגטע. אין זאַל איז הייס. סוף סיוון אָנהייב תמוז. שטילע קרעכצן: „געגאַנגען אין אויוון אַרײַן”. אָ, די ברוטאַלע שפּראַך פון דער צײַט. מ׳שאָקלט צו מיטן קאָפּ, מ׳ווישט אַ טרער. שטילע רייד. אַ פײַערלעכער טרויער הענגט איבער אַלעמענס קעפּ. שטיל ווי נאָך אַ לוויה צעגייט מען זיך.

נישט די ערשטע, אַוודאי נישט די לעצטע אזכּרה — דערוויסט זיך אַלעקסאַנדער. אַ חוב, אַ הייליקן חוב — הערט ער — אָפּ־געצאָלט גאָט, דעם אל רחום וחנון, וואָס אויב איז ער דאָ איז ער דאָך דערבײַ געווען און צוגעזען, און אפשר טאַקע גוזר געווען אַלע מיתה־משונות.

אויסגעזען האָט עס אים, למען האמת, אַ צערעמאָניע. אַ חילול השם, אַ חילול המענטש, אַ מת, מיליאָנען מתים. אַזוי וואָכעדיק געוואָרן די קדושה. אַלע אומגעבראַכטע — אַ ציפער, אַ צאָל, עטלעכע שורות פון אַ ליד, וואָס איינער האָט דעקלאַ־מירט געדענקט ער:

צו פרי צו פאַרגעסן
צו פרי צו היילן,
מה נאמר ומה נדבר.
נישטאָ וואָס צו דערציילן,
נישטאָ דערויף קיין נאָמען.
גיב מיר כּוח, גאָט, צו שטומען.

אַרויסגעגאַנגען פון דער אזכּרה איז ער שוין נישט אַליין, אַלעקסאַנדער. נײַע מענטשן, פּנימער, געשטאַלטן. זיך פאַרהייִמישט, פאַרחברט. אַ נײַע חברשאַפט, וואָס האָט דווקא גענומען וועבן אין אים די בענקשאַפט צו ווײַב, טאָכטער. שורה — אַ זעלנערקע — שרײַבט אים פּנינה. ס'ביוראָ איז געשלאָסן. נישט פאַר איר, שורהס קאָפּ, אָנגיין מיטן געשעפט. פּנינה אַרבעט עטלעכע שעה אין טאָג אין בוטיק. פּרנסה? אין דער היים — געדענקט ער דער מאַמעס אַ ווערטל — „איר זעט דאָך מ'שטאַרבט, חלילה, נישט פון הונגער".

ער פרעגט נישט פּנינהן אַזעלכע פראַגעס. ער קאָרמעט איר מיט בריוו.

העכער פינעף און צוואַנציק יאָר אין ישראל. נישט דווקא וואָס ער האָט געוואָלט, געפּלאַנט האָט ער געטאָן. אַלע זײַנע פּלענער, באַגערן, וועלונגען — צעפלויגן זיך ווי איבערגעשראָקענע פייגל: פייגל פון אָפּגעבריענטע, חרוב געוואָרענע נעסטן. משפּחה־נעסטן. אַ פאָלק אייגנטלעך הייבט זיך דאָך אָן פון משפּחה־קעמערל. משפּחה — שבט, שבט — פאָלק. ער האָט מיטן אָוועקפאָרן צעריסן זײַן משפּחה־קעמערל. ביידע, סײַ פּנינה, סײַ שורה, דאַרפן דאָך אים. ווער דאַרף אים דאָ? אַ מוזיקאַנט. שפּילט אויף חתונות, ייִדישע חתונות, אַ קלעזמער, זיין טאַטנס פאַך.

2

אַ פּויליש ווערטל זאָגט — גערעדנקט אַלעקס — „נישטאָ דאָס שלעכטס וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך עפּעס גוטס". אַקעגן דעם וואָס זײַן טאַטע, זכרונו לברכה, האָט אים מער ווי איין מאָל מיטגענומען מיט זיך אויף חתונות, שמחות. „פאַר וואָס זאָל ער נישט העלפן מיט זײַן פידעלע צו דער פּרנסה?" זײַן טאַטע האָט דאָך אים געלערנט האַלטן אַ פידעלע אין האַנט. מיטן פידעלע אין האַנט האָט ער דאָ דערפילט דעם באָדן אונטער די פיס.

דרײַ קלעזמאָרים זענען זיי: ער מיטן פידעלע און צוויי — אַ טאַטע מיט אַ זון — לובאַוויטשער חסידים. דער זון — אַ בחור פון אַ יאָר פינעף און צוואַנציק. אַ הויכער גלײַכגעבויטער שמאָל־פּלייציקער. אַ יונג פּנים און אַ געדיכט ברייטלעך בערדל, וואָס מאַכט אים אַ סך עלטער. דער טאַטע — העכער פון מיטעלן וווקס, אַ יאַדערדיקער מאַן מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד — אַקאָר־דיאָניסט און שפּילט אויף אַ פלייט. ייִדישע חתונות ווי אין דער אַלטער היים מיט אונטערפירעכטס, מיט חופּה וקידושין, אַ ברכה פון אַ רב מיט אַ זופּ פון אַ כּוס ווײַן, אַפילו אַ חדר מיוחד. אלא מאי? הײַנט האַלט מען נישט פון די זאַכן.

מלא שמחה איז אַלעקסאַנדער נישט געווען, כאָטש אַלע געסט האָבן אַנגעקוואָלן פונעם „גרינעם" מיטן פידעלע. אַלעק־סאַנדער פאַרגעסט אויף אַ רגע נישט, אַז ס'איז די העכסטע צײַט אהײַמשיקן אַ פּאָר דאָלאַר. משטיינסגעזאָגט פנינהס פאַרדינסטן. שורה — צבא קבע, קיין גרויסן געהאַלט ברענגט זי זיכער נישט אהיים.

טאַמער ווייניק — דרינגט אַרײַן אין אים אַ מחשבה, ווי קאַל־

טע טראָפּנס וואַסער אויף אַ געגאָלטן קאָפּ — זיקנה. זאָל זײַן יונגע זקנה, אָבער שוין, ווי מ׳זאָגט, צוריק פון יאַריד. בײַ יונגע מענטשן איז יעדער טאָג אַ נײַער, אָפּענער. בײַ עלטערע — אַן אָפּגעשלאָסענער קרײַז. די האָריזאָנטן — שמעלער, טונקעלער. קוקסט אַרויס פון „פענצטערל״ פון ערב־זקנה, זעסט ווי די שיף פון לעבן, דײַן לעבנסשיף, דערווײַטערט זיך פון ברעג, שווימט אָפּ ווײַטער, ווײַטער פון אויג, נענטער צו יענעם זײַט ברעג פון וואַנעט מ׳קומט נישט צוריק.

זײַן אַמעריקע. נישט אַלע אָוונטן זענען דאָ חתונות. ליידיקע טעג, אַ מיטאָג, אַן אָנבײַסן, אַ נאַכטעסן. ער לויפט איבער די קראָמען, סופּערמאַרקעטן, ביליקע רעסטאָראַנען, פּאָרט מיט די אָמ־ניבוסן. רוב פּאַסאַזשירן — טונקלהויטיקע, שוואַרצע, מיט פּנימער ווי טינט. אַ פרעמדע געגנט. נישט ווײַט פון ברוקלין — אַ מקום, אַ מין שכונה וווּ מ׳זעט נישט קיין ווײַסן מענטש, נישט קיין טעקסי, אַ פּריוואַט מאַשינדל. אַ ברייטער שאָסיי, פון ביידע זײַטן הײַזקעס אויף אַ נאַקעטן באָדן. קיין בוים, קיין טראָטואַר, קיין שפּאַצירנ־דיקע מענטשן. נעגערס און טונקל־געלע, גלאַטע, גלאַנציקע פּני־מער ווי פון פּאָרצעלײַ. אויך הינדוסן, פון סאַמע אינדיע מסתמא, מיט פּנימער ווי פאַרפּרווירענע בודאַ׳ס אָדער פאַרחלומטע אין נירוואַנאַס. ער האָט אַמאָל געלייענט, געהערט פון אַזעלכע מענ־טשן. וואָס זוכן זיי אין אַמעריקע, די ראַסאָווע טונקעלע פאַר־שוינען פון ווײַטן האַלב־ווילדן מזרח?

ייִדישע חתונות. געדעקטע טישן, געטראַנקען, טענץ. ס׳טוט אים הנאה און ס׳טוט אים וויי. זײַן פידעלע שפּילט אַ פריילעכס און פון זײַנע ממעמקים, פון דנאָ — בענקעניש צו הײַם, ווײַב, טאָכטער — וויינט ס׳האַרץ.

אַ טאַנצנדיק פּאָרל — אַ יונגע ברונעטע פרוי, צי אַ מיידל, און אַ שלאַנקער מאַן — אין אַ סאַלאָן־טאַנץ. דאָס פּאָרל דערמאָנט אים — ער און פנינה. זייער חתונה, זייער חתן־כלה־טאַנץ. די ערשטע יאָרן אין ישראל. תמיד צוזאַמען — אין שטוב, אַרום

שטוב, אויף די אויספלוגן. אין אַלע ווינקעלער פון קליינעם לאַנד, קליין און שיין. דאָס פּאַסיקל הימל איבער דער רצוע ערד האָט אים געצויגן, פאַרכּישופט. צוליב דעם האָט ער געעפנט ס׳ביוראָ: אי אַרויסשלאָגן פּרנסה, אי נהנה זײַן צוזאַמען מיט פּנינהן פון די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פון יונגן לאַנד מיט אַזויפיל צוזאָג. גע־פּלאַנט ענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע און דערגאַנצן די לימודים. פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

העבער פינעף און צוואַנציק יאָר. די שענסטע יאָרן. האָפע־נונגען. חלומות. פּנינה. אירע שטילע לײַדן. איר ליבן און לײַדן. אַצינד, דאָ פינעף טויזנט קילאָמעטער מעבר לים קומען אים קאַפּויער יענע ערשטע יאָרן. קיינמאָל פון איר קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט. געפירט זיך ווי אַ כּשרע יידישע טאָכטער פון אַ מאָל, פאַר דעם וואָס מענטשן רופן שואה. ער שיקט... ניין, נישט קיין דאָלאַרן שיקט ער. בריוו, בריוועלעך. פּנינה ענטפערט: „מ׳דאַרף נישט מ׳גיט זיך אַן עצה", „וועגן תּכלית דאַרף מען אַ טראַכט טאָן". שורה איז, קיין עין־הרע, אַ גרויסע, אַ שיינע, אַן אָפיצירשע אין דער אַרמיי. צבא קבע. זי ברענגט אַהיים אַ געהאַלט. אַרבעט, זאָגט זי, האָט אַ סך אַנדערע אַספּעקטן חוץ געלט. ווי גוט איז איר צו הערן פון שורהן אַזעלכע ווערטער.

אים בענקט זיך. אַפּנים די ווײַטקייט דערנענטערט. אין דער נאָענט האָט ער זיך געקלאָגט באשר מיט איר אײדעלער גוטס־קייט באַשווערט פּנינה אים דאָס לעבן. די בענקשאַפט איז דאָ בײַ אים געוואָרן רעאַליע, באַדויער אויף דעם וואָס ער האָט אָנגעוווירן: געהאַט און נישט דערשאַצט. נישט איין מאָל דער־מאָנט עס אים די ווערטער פון פוילישן קלאַסיקער אַדאַם מיצ־קעוויטש: „שאַצן דיך (היימלאַנד) קאָן נאָר דער וואָס האָט דיך פאַרלאָרן".

נאָדיר בריוו. סאַראַ רייד — זאָגט פּנינה צו זיך. זי האָט זיי קיינמאָל פון אים נישט געהערט. און דווקא אַצינד, שריפטלעך, דערמאָנען פאַרגעסנס, אומנייטיקס. נישט אַנדערש — די אַליין־

קייט, די פרעמד זאָל גורם זײַן ס׳קאַפּויערקומען פון אַזעלכע געדאַנקען. נאַרישע געדאַנקען אין זײַן קלוגן קאָפּ. קיין געזונט גיבן זיי נישט צו. ער קאָן, חלילה, קראַנק ווערן.

3

צוריק פון דער אַרבעט אַזייגער צוויי, האַלב דרײַ. אויפן וועג אַהיים, נאָענט פון שטוב זעט פנינה גיין אַ מענטש. לויט דער פּלייצע — עטוואָס געבויגן, ברוינלעך אָפּגעברענטן קאַרק, קנייטשיק ווי קראָקאָדיל־לעדער, ווײַסן קאָפּ האָר, קורץ אונטערגעשוירן — זעט ער איר אויס חיים. חיים זיסקינד, דער וותיק, איר באַקאַנטער וועמען זי האָט די לעצטע צײַט נישט געזען. פאַרגעסן האָט זי אים נישט. זי געדענקט, אַז ער וווינט דאָ נישט ווײַט פון דער גאַס, שיכון הוותיקים.

חיים האָט איר נישט געקענט זען. ער גייט פאַרויס פון איר מיט אַ וועלכע צוואַנציק—פינף־און־צוואַנציק טריט. זײַן, חיימס, גלײַכער פעסטער גאַנג, גרויסער שפּאַן. עס קאָן קיין אַנדערער נישט זײַן. זי האָט אין די רגעס אַ טראַכט געטאָן: איז עס אַ צופאַל אים זען דאָ נאָענט פון איר הויז, צי כּאילו צופעליק דאָ פאַרבײַגעגאַנגען? ביידע — זאָגט זי צו זיך — זענען מעגלעך. שווער צו וויסן בײַ דעם אַלטן חכם, געדענקט זי אים פון די ערשטע חדשים באַקאַנטשאַפט מיט אים דעם שובב מיט זיינע „קאַוואַלן", שפּיצלעך. אָט דרייט ער אויס דעם קאָפּ אויף צוריק. יאָ, חיימס פּנים. אַ טראָט־צוויי פאַרן אַריינגאַנג אין טרעפּן־הויז פאַרהאַלט זי זיך אַליין נישט ווויסנדיק פאַר וואָס. פנינה! — הערט זי זײַן קול — פנינה, און שוין שטייט ער לעם איר. זײַן פּנים לאַכט אויף אים. ביידע שווײַגן. סעקונדן, ברוכטיילן פון סעקונדן האַלט אָן ס׳שווײַגעניש. זיי דערלאַנגען זיך די הענט. חיים לייגט אַרויף די דלאָניע פון זײַן צווייטער האַנט אויף אירער, פּעטשלט צו היימישלעך. ס׳ווילט זיך אים שטאַרק פילן איר האַנט אין זײַנער. פנינה דערווידערט נישט, פרעגט:

— וואָס מאַכט איר, אדון חיים?

— „אדון״?!

— סליחה, פּאַרגעסן. שוין לאַנג זיך נישט געזען, און וואָס טוסטו דאָ אין מײַן געגנט?

— ס'איז אויך מײַן געגנט. אַ צופאַל? — צעציט זיך זײַן שמייכעלע אויףביידע זײַטן פּנים. ער באַפרײַט איר האַנט.

— אַ פּויליש ווערטל זאָגט: „צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן״, און דו אַפּנים פון דער אַרבעט, נישט?

— פון וואַנעט ווייסטו, אַז איך אַרבעט?

— אַז מ'וויל וויסן ווייסט מען. געהערט, אַז דײַן מאַן איז אין אַמעריקע.

— נישטאָ קיין סודות דאָ אין קליינעם שטעטל, לענדל.

— איז עס אַ סוד?

— ניין. כ'וואָלט עס נישט געזאָגט, אָבער צעפּויקן עס איבער די גאַסן דאַרף מען נישט. ס'פרייט מיך גראָד וואָס דו האָסט מיך נישט פאַרגעסן.

— מײַן זכרון דינט מיר נאָך דערווײַל. וועגן דיין מאַנס פאָרן האָב איך זיך ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק דערוווּסט.

— ס'ט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט. נישט קיין גוואַלדיקע נײַעס.

— נו, ווער מען זיך אויב אַזוי זען?

— און פריִער האָט מען זיך נישט באַגעגנט? מײַן מאַן האָט מיר נישט געשטערט רעדן מיט וועמען איך וויל.

— נישט דאָס בין איך אויסן, פנינה.

— איך אײַל זיך, חיים — מאַכט זי אַ באַוועג אויף רירן זיך פון אָרט.

— בבקשה, איכ'ל דיך לאַנג נישט אויפהאַלטן.

— שלום, חיים.

און זי מאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר פון טרעפּנהויז. ער בלײַבט שטיין, נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר דערווײַטערן זיך ביזן עפענען די טיר און אַרײַן אינעווייניק. ערשט זי דרייט

זיך אויס צו אים מיטן פּנים. מיט אַ האַנטפּאַר, ווי פון אַ באַנ־פענצטערל, געזעגנט זי זיך מיט אים.

חיים האָט נישט געספּקט אין פּנינהס נישט גלײַכגילטיקייט צו אים. כאָטש תּמיד זענען די באַגעגענישן צופעליקע אָדער מיט געמאַכטער צופעליקייט: די רייד, די שמועסן — קנאַפּוואָרטיק, בחיפּזונדיק און נישט פאַרענדיקט. ער האָט געזען ווי זי הערט מער מיט די אויגן ווי מיט די אויערן. אירע אויגן דריקן אויס פאַרווונדערונג.

ער איז נאָך אַלץ אונטערגעשטאַנען עטלעכע רגעס, אַ שטיי־גער ער וואַרט זי זאָל זיך נאָך אַ מאָל באַווײַזן. ערשט נאָך דעם אין שטוב לאַנגע שעהען נאָכגעטראַכט, נישט אויפגעהערט פּלאַ־נירן איין מאָל כאָטש באַגעגענען זיך, אַוועקזעצן זיך פּנים אל פּנים שמועסן און איר, פּנינהן, לאָזן רעדן. אַ דיאַלאָג, נישט קיין מאָנאָלאָג.

ס'האָט חיימען פון דעסטוועגן פאַרוואָלט טראַכטן, אַז אויך די איצטיקע טרעפונג איז נישט קיין צופעליקע.

אין שטוב האָט אויך פּנינה לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דער באַגעגעניש. העכער אַ האַלב יאָר זינט אַלעקסאַנדערס פאָרן קיין אַמעריקע אים נישט געזען. פון מאָל צו מאָל האָט זי אים אין דמיון געזען אָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אָפט דערמאָנט זיך זײַנס אַ וואָרט, אַ זשעסט, אַ שמייכל. אַן עלטערער מאַן, אַ סימ־פּאַטישער מענטש, אַ גוטער פרײַנד. פאַר וואָס האָט זי צו אים נישט אויפגעהויבן קיין טעלעפאָן? פאַר וואָס האָט ער צון איר נישט קיין קלונג געטאָן? מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר וואָס אַלעקס איז נישט הי זאָל חיימען האָבן אָפּגעהאַלטן פון אַ קלונג טאָן, פון ווײַזן זיך.

אַ קליין אָרט. אַלע ווייסן וואָס בײַ אַלע טוט זיך. אַמאָל האָט מען געזאָגט, אַז איין שכנטע ווייסט וואָס בײַ איר שכנטע אין טעפּל קאָכט זיך. דאָ איז אי אַזוי אי אַנדערש. מענטשן האָבן גרויסע אויגן. פון די אויגן ביז דער צונג איז נישט ווײַט.

ביידע, זי און חיים, נישט קיין יונגע מענטשן. אַ פּשוטע, אומשולדיקע, ווי מ׳זאָגט, מענטשלעכע פּריַינטשאַפט. איז וואָס? דאַרף מען יעדן איינעם אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט באשר מ׳טרעפט זיך אַ מאָל, מ׳רעדט אַ וואָרט? אַפנים אויך חיים טראַכט אַזוי, פאַרשטייט אַזוי, באַנעמט אַזוי דעם ענין. ס׳וואָלט נאַריש געווען פון זיַין זיַיט, למשל, צו פאַרלירן אַ וואָרט וועגן דער היינטיקער באַגעגעניש. אין איבערקוקן זיך פון ביידע האָבן זיי זיך פאַר־שטאַנען.

און אָט, אויף צו מאָרגנס־איבערמאָרגן, אָדער אַ טאָג־צוויי שפּעטער, זי געדענקט נישט גענוי — זיצן ביידע ביַי צוויי גלעזער טיַי, טיַי מיט לימענע ווי חיים האָט ליב, אין סאַלאָן ביַי פנינהן. אַ ליַיכטער כיבוד אויפן סאַלאָן־טישל. פנינה רעדט. אוודאי קאָן זי נישט אַלץ, אפילו ווייניקער פון אַלץ, וואָס חיים וואָלט געוואָלט וויסן — דערציילן. זי זעט אָבער אין חיימען אַ מענטש וואָס איז מסוגל זי צו פאַרשטיין. מ׳קאָן פאַר אים אַראָפּקיַיקלען דעם שטיין, וואָס דריקט אויף איר האַרץ. אַ, אַלעקסאַנדערס בריוו, בריוועלעך, רמזים. אַן אומרו וועקט עס ביַי איר. זי איז באַזאָרגט, שטאַרק באַזאָרגט, ווייסט נישט וואָס מיט אים, אַלעקסן, דאָרט קומט פאָר.

האָט זי אָנגעהויבן, און ביַי די ערשטע עטלעכע ווערטער — ווי איר טבע — זיך אָפּגעהאַלטן. ערשטנס איז כדאי צוואַרטן אַביסל. אפשר איז נישט אַזוי שלעכט ווי זי מיינט. צווייטנס — טאָקע וויַיל ס׳איז חיים איז ווייניקער רעדן געזונטער.

פנים אל פנים זיצן זיי ביַים סאַלאָן־טישל ביַי צוויי גלעזער טיַי. די לעצטע יאָרן זינט ער וווינט אין שטאָט, זיך צוגעוווינט צו טיי מיט לימענע, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים. אַמאָל אין רוסלאַנד — פלעגט זיַין טאַטע דערציילן — האָט מען קיין לימענע נישט באַדאַרפט. טיַי האָט מען געטרונקען פון סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש געקאָכט וואַסער, געצאַפּט גליַיך אין די גלעזער. וואָס זאָגט ער גלעזער — טעפּלעך, ליימענע טעפּלעך האָט מען אונטערגעשטעלט און געטרונקען קאָכעדיק וואַסער,

קיפּיאַטאָק פון קראַן. פאַר די סאָוויעטישע צײַטן זענען די סאַמאָ־וואַרן נעלם געוואָרן. דער קיפּיאַטאָק דינט פאַר אַ פאָלקס־געטראַנק, אַמאָל אויך שטאָט אַ טרוקענעם ביסן. דאָהי, די ער־שטע יאָרן ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אין די ראשונער וויינ־קעלערן, האָט מען געטרונקען טערקישע קאַפע. אַ ביטערע טער־קישע קאַפע אָן צוקער. דער שטאַרקער ריח פון אָט דעם ביטערן געטראַנק איז געווען געשמאַקער ווי פּוילישע וואַרעניע. אַזוי אויך ווען ער איז געווען אַ שומר: איינער פון די חבר'ה שומרים. יונגע געזונטע יאָטן פון רוסלאַנד, קאַווקאַז, רומעניע, פּוילן, אוקראַינע. יונגע ברייטפּלייציקע, געוואַגטע יאַטן, מאַנצפּאַרשוינען אויך ווייבספּאַרשוינען: ענטוזיאַסטן, אידעאַליסטן. הײַנט וואָלט מען זיי גערופן „משוגעים לדבר". צוגעכאַפּט זיך צום באָדן — זאַמדיק, שטייניק, פעלדזיק, רויע ווילדע פאַרוואָרלאָזטע שטחים, מיט די הענט זיך אײַנגעקלאַמערט. מיט די הענט דעם טאָג קיום זיך אויסגעשלאָגן — אַ פּיתה; אַ מאַראַנץ, לחם מן הארץ. מיט די הענט „אויסגעשלאָגן" זיך זייער דאָזיין מיט די נאָענטע און ווײַטע שכנים: אַראַבער, בעדואינער, דרוזן, טשערקעסן. געשלעגן, אָנ־פאַלן, גנבות, רויב — אָט וואָס האָט דאָ געפּאַנעוועט. געמיינט אייגנטלעך עפּעס וואָס דערפון דערציילן פנינהן. זאָל זי וויסן, אַז דאָס שטיקל ערד ווו אירע פיס באַטרעטן איז נישט געגעבן גע־וואָרן במתנה פון ייִדישן גאָט. אַ טיפער מיין ליגט אין דעם וואָרט „כשבאנו", וואָס די הײַנטיקע יוגנט מאַכט פון דעם חוזק, שפּאָט. ניין. ער וועט נישט לאַנג ברײַען. נישט אָצינד די צײַט. היסטאָריע. פּרעהיסטאָריע. ס'פעלן נאָך הײַנט נישט קיין פּראָבלעמען. הײַנט הייסט עס: גרענעץ־אינצידענטן, מיליטערישע צוזאַמענשטויסן, מלחמה. נישט די ערשטע מלחמה דאָ איבערגעלעבט, האַ, פנינה?

פנינה שאָקלט צו מיטן קאָפּ, זופּט די טיי און וואַרפט אַרײַן:

— אמת, חיים. מיך אינטערעסירט אויך דער אופן פון דײַן דערציילן. מיט דײַנע ווערטער לעבסטו צוריק אויף דײַנע מעשׂים.

— נאַרישקייטן. מיך אינטערעסירט עפּעס הערן נײַעס פון דיר.

שורה, הייסט זי דאַכט זיך די קליינע, וואָס מאַכט זי?

— זי איז שוין אַ גרויסע, חיים. אַ חיילת. אַן אָפיצירשע. אַ געראַטענע זאָגט מען אויף איר.

— אין דער מאַמען?

— אין זיך.

— און אַלעקסאַנדער? שרײַבט ער? קלינגט ער?

— דערווייל נאָר בריוו.

— אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין צײַט אויף בריוו, פנינה.

— ער איז נאָך דערווײַל, ווי רופט מען זיי דאָרט, אַ „גרי־נער". מײַן מאַן, חיים, איז נישט יורד געוועזן.

— איך האָב עס נישט געזאָגט.

— אפשר געמיינט?

— פנינה, מ׳משפט אַ מענטש לויט דעם וואָס די ליפּן זאָגן, נישט לויט די מחשבות. איך זאָג וואָס איך מיין און מיין וואָס איך זאָג. מיר זענען אייגנטלעך גוטע פרײַנד, רעדן אָפענע די־בורים.

— אמת, חיים, סליחה.

— אויב ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רייד, איז הײַנט אייגנט־לעך דאָ אַ פּראָבלעם — יורדים.

— יאָ. אַ נײַ פּראָבלעם.

— נישט קיין נײַ פּראָבלעם, פנינה. אויך אין מיינע צײַטן זענען נישט אַלע עולים געבליבן דאָ, פאַרלאָזט די ישובים.

— אָבער נישט אין אַזאַ פּראָפּאָרץ.

— כ׳ווייס נישט. כ׳פיר נישט קיין סטאַטיסטיקעס.

— מײַן מאַן, חיים, האָט נישט פאַרלאָזט ס׳לאַנד. ווי ער זאָגט איז ער געפאָרן זוכן... נו, ווי זאָל איך דאָס אויסברײַען...

— נישט וויכטיק. גיב מיר נישט אָפּ קיין דין וחשבון — רייסט ער איר איבער אין מיטן — כ׳ווייס, געהערט: אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ מוזיקער, אַ מענטש מיט אַספּיראַציעס.

— אַ, פון וואַנעט ווייסטו דאָס? — רײַסט זי אים איבער די

רייד — אין דעם גייט עס דאָך. ער איז געפּאָרן זוכן דאָס וואָס ער האָט אויפן וועג אַהער — אויפן פינצטערן וואָגלוועג — פאַרלוירן, אין ישׂראל נישט געפונען.

— אמת. לאָמיר זאָגן געפּאָרן זוכן זיך אַליין.

— כּל הכּבוד, חיים. האָסט עס גוט פאַרשטאַנען.

— נו, שוין העכער, זאָגסטו, אַ האַלב יאָר דאָרט.

— וואָס איז אַ האַלב יאָר אין גרויסן, ברייטן אַמעריקע? איינער, ווי זאָגט מען דאָ, אַ טרעמפּיסט צווישן ווער ווייסט וויפל ייִדישע און נישט־ייִדישע עמיגראַנטן טרעמפּעווען דאָרט, זוכן. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, חיים, אַז מײַן מאַן איז נישט קיין יונגער־מאַנטשיק.

— פּנינה, אויך אין די חלוצישע יאָרן האָט מען געטענהט: די שוואַכע פאָרן אַוועק. די שטאַרקע בלײַבן. אגב, פאַרן חורבן בית שני איז אויך געווען אַ ירידה. וואָס האָט מען געזאָגט — העלעניזם, רײַכע שכנישע גויִים, הײַנט — אַנגלאָסאַקסישער אַמע־ריקאַניזם.

— איך מיין, חיים, אַז הײַנט איז פאַרקערט: הײַנט פאָרן די שטאַרקע, יונגעלייט, אויסגעדינטע זעלנער, אינזשינערן, טעכני־קער, אַדוואָקאַטן, פרײַע פּראָפעסיעס. ווער בלײַבט? עלטערע מענטשן, פּענסיאָנערן, פרויען, יוגנט, קינדער אין שולעלטער. און נאָך עפּעס, חיים.

— גענוג, פּנינה, גערעכט.

— ניין, כ׳וויל צוגעבן: מיר שטייען אין אַ מלחמה, מלחמת הקיום.

4

דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי ביידע האָבן גע־מיינט. שורה האָט אַ ברירה אָנצוקומען. ס׳איז נאָך דערווײַל פאַר איר אַ נײַעס זען חיימען אין שטוב. פון דער צווייטער זײַט, וויל פנינה פון חיימס פריַינטשאַפט נישט מאַכן קיין סוד. שורה דאַרף וויסן צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט.

פנינה איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרקוקטע אין ערגעץ. חיים זעט, אַז דאָס איז אַן אָפּגעהאַקט רעדן. אויך ס׳מויל איז האַלב אָפן, ס׳פּנים דריקט אויס פאַרלעגנהייט.

— האָסט נאָך, זע איך, געוואָלט עפּעס זאָגן, נישט?

— יאָ, חיים, איך לאָז עס פאַר דיר. אין די זאַכן ביסטו אוודאי שטאַרקער פון מיר.

— כ׳ווייס נישט צי שטאַרקער. אָבער געדעכט ביסטו, פנינה. איך ווייס, איך פאַרשטיי, וואָס דו מיינסט. נישט נאָר דו. אַ סך פון די נײַע און נישט נאָר נײַע עולים זענען אַדורכגענומען פון אַ פּחד: ישראל זאָל זיך געפינען דאָ ווי אין אַ געטאָ: אַ געטאָ אין אַ נײַער אויפלאַגע: פון איין זײַט ים, פון אַלע אַנדערע זײַטן — מדבר און אַראַבישע שכנים... אַראַבישע מדינות, צענדלי־קער מיליאָנען אַראַבער. געפּרוווט אונדז אַרײַנוואַרפן אין וואַסער אַרײַן. דערווײַל איז זיי נישט געלונגען.

— סליחה, חיים, — רייסט זי אים איבער אין מיטן די רייד.

— מיין מאַן האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, וואָס ער האָט געדענקט פון זיין זיידן: פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זאָלן די רוסן האָבן געזאָגט „פוראַשקאַמי זאַבראַשים״. געמיינט די דײַטשן. מ׳וועט זיי, הייסט עס, פאַרוואַרפן מיט די היטלען. נו, די אַראַבי־

שע מדינות קאָנען אונדז נישט פֿאַרוואַרפֿן מיט די היטלען?

— נאָכאַמאָל געררעכט, פנינה, כל הכּבוד. אָבער לאָמיר דאָס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל. מיך אינטערעסירט איצט ווי אַזוי גיט איר זיך אַן עצה, כ׳מיין פּראָסט פּשוט מיט פּרנסה.

זי אַרבעט — האָט זי געזאָגט — עטלעכע שעה אין טאָג אין אַ בוטיק, שורה ברענגט אַהיים אַ געהאַלט, אַלעקס שיקט פון צייט צו צייט געלעגנהייטלעך עטלעכע דאָלאַר — האָט זי אָפּגעבאָקן אַ ליגנט. אַ פּראָפּאָ זײַן פֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי זיך די רגע דערמאָנט אין די ערשטע טעג, חדשים אין סאָוויעטנפֿאַרבאַנד. ווען אַלעקסאַנדער איז געשטאַנען בײַ אַ, ווי זיי האָבן עס גערופן, „סאָרטיראָווקע״, אַ מין סאָרטמאַשין: מ׳שיט אַרײַן קערנער: ווייץ, גערשטן, פּראָסע. ער דרייט דאָס ראָד און דורכן אָפֿענעם פּיסק פון דער מאַשין פֿאַלן, שיטן זיך די קערנער, הויפֿן זיך אָן, און די שאָל־הייטלער, די פּלעווע, יאָגט אָפּ דער ווינט. וועלכע בייזע ווינטן יאָגן דאָהי אָפּ די יונגע מענטשן — פּלעווע? געזונטע קערנער, ברויט־קערנער: ס׳ברויט און זאַלץ פון לאַנד — ווידער פּלעווע אויף פרעמדע פעלדער?

חיים איז שטיל געבליבן זיצן. עד היום טראַכט ער דערוועגן. ער האָט אייגנטלעך אַן ענטפֿער. צו קאָמפּליצירט איז דער ענטפֿער און נישט אַצינד פֿאַר פנינהן וועט ער זיך וועגן דעם אַרויסזאָגן. אים איז גאָר אַ רבותא אויף דער סימפּאַטישער, שוין נישט יונגער פֿרוי פון וועמען ער האָט אַזעלכע רייד נישט דערוואַרט. אַ רײַפער מענטש אָט די פנינה — האָט ער צו זיך געזאָגט.

פנינה. ער האָט זי הײַנט אויפסנײַ אַנטדעקט. ס׳טרעפֿט — קענסט אַ מענטש, אַ חבר, אַ פרײַנט. מיט אַ מאָל נאָך אַ צופעליקן טאַט, אַ שמועס, הערסטו אים, זעסטו אים, קוקסטו אויף אים אַנדערש — נײַ־אַנטדעקט. ווײַל דער מענטש איז סוד, דער מענטש איז מיסטעריע. דער מענטש איז אַמאָל עפּעס מער פון דעם וואָס ער איז אַ מאָל — עפּעס ווייניקער. דער מענטש איז תּמיד צווישן דעם וואָס ער איז און — וויל זײַן.

ער, חיים, מיט אַ וועלכע פינעף־זעקס צענדליק יאָר צוריק: אַ סטודענט, שפּעטער דאָ — אַ שומר, אַן ערד־אַרבעטער, אַ פּאַס־טער, אַ קיבוצניק, אַ מושבניק, אַ רײַטער אויף אַ פערד אין געיעג נאָך אַן אָנפאַלער, אַראַבער, בעדואינער. אין אַ געשלעג גע־וועקט בײַ זיי כּבוד. אַלע יאָרן זינט ער געדענקט זיך האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פאַרברענגען מיט אַ פרוי, אַ ייִדישע, אַן אַראַ־בערין, אַ בעדואינערין. אויך איצט, אין די עלטערע יאָרן, נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַ שיינער טשערקעסין. פרויען פאַר־מאָגן אין זיך חוץ אויסערלעכע, פיזישע וואַלאָרן כאַראַקטער־שטריכן און נאָך עפּעס וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט, אָבער רייצט דעם צווייטן געשלעכט, וועקט ביי אים עראָטישע געפילן, ליבע? אפשר ווייניקער פון דעם און אפשר מער. טרעפט, אַז אַ שיינע פרוי האָט אויך שכל, פאַרשטאַנדיקייט — האָט זי אין זײַנע אויגן, וואָלט ער געזאָגט, נאָך מער רייץ. פרויען פאַרשטייען מער ווי זיי ווייסן. זיי זענען געבענטשט אָדער פאַר־שאָלטן מיט אַ חוש, מיט אַ שכלדיק געפיל, מיט עפּעס חיהשעס. דערפאַר זענען זיי מענטשלער. אַן אַבסורד. אַ פּאַראַדאָקס. אַן אמת. דער אמת פון פּאַראַדאָקס. אָט וואָס איז חיימען געקומען אויפן זינען הערנדיק פנינהן. פנינה האָט עס באַמערקט אין חיימס קוק אויף איר. ער איז איר געפעלן, חיים, סײַ מיטן „וואָס" סײַ מיטן „ווי אַזוי" ער ברענגט אַרויס זײַנע מיינונגען, זײַן דערציילן, און ער האָט וואָס צו דערציילן.

פנינה האָט אין חיימס שטילן זיצן אַ פּאָרטראַכטער, אַ פאַר־קוקטער אין איר, געזען, אַז ער קוקט אויף איר אַצינד אַנדערש. זי האָט געדענקט פון די פריִערדיקע באַגעגענישן, צופעליק אָנגע־הויבענע, נישט פאַרענדיקטע, אַז ער וויל זי הערן. ער איז בטבע נישט געווען און איז עד היום — האָט ער איר געזאָגט — נישט קיין ריידער.

— איכ׳ל מאַכן נאָך אַ טיי, חיים — האָט זי איבערגעשלאָגן ס׳שטילשווייגן — און פאַר וואָס איז דער כּיבוד נישט גערירט?

נעם עפּעס אין מויל אַרײַן, חיים — פּרוּווט זי זיך אויפהייבן פון שטול.

— ניין, פנינה, מ׳דאַרף נישט, אַ דאַנק.

— אָבער מיר זיצן שוין אַזוי לאַנג.

— ווילסטו כ׳זאָל שוין גיין?

חלילה, וואָס פאַלט דייר אײַן. דו ביסט דער איינציקער מענטש פאַר וועמען איך קאָן עפּעס זאָגן, דערציילן, און דער עיקר — הערן פון אים עפּעס. חיים, האָסטו הײַנט געמיטאָגט?

— גלײַך פון רעסטאָראַן, ווי איך עס יעדן טאָג, גלײַך אַהער געקומען.

— אין רעסטאָראַן? יעדן טאָג? איז עס פאַר דײַנע כּוחות? אַ גרויסע הוצאה און נישט קיין וואָזשנע הנאה, נישט?

— שוין געזאָגט. צוגעוווינט זיך. נישטאָ קיין ברירה.

— און אַז וועסט האָבן אַ ברירה?

— עט מען זען — האָט געזאָגט אַ בלינדער (פון אַ רוסיש ווערטל).

— כ׳באַדויער זייער.

— נישטאָ וואָס צו באַדויערן. פאַרגעס נישט: חיים זיסקינד איז שוין צוויי מאָל נישט קיין יונגערמאַנטשיק. געוווינשאַפט איז אַ צווייטע נאַטור — זאָגט זיך אַ ווערטל.

— כ׳ווייס עס. איך קאָן זיך אָבער נישט באַגיין און נישט זאָגן: דו זעסט, טפו, טפו, טפו — זאָגט מען ביי ייִדן — נישט אויס דײַן עלטער.

— אַ ראָדע אַזאַ — האָט געזאָגט מײַן מאַמע זכרונה לברכה. זי האָט געלעבט ביז די נאַציס, ימח שמם, האָבן זי דערהרגעט, קנאַפּע צוויי און נײַנציק יאָר. זינט דעמאָלט, סוף מלחמה. רעדט מען שוין וועגן מיטאָג דערלויב איך זיך פרעגן, פנינה, ס׳וואָלט אפשר געווען אַ גלײַכע זאַך מיר זאָלן הײַנט עסן צוזאַמען מיטאָג?

פנינה האָט געשוויגן.

— איז וואָס זאָגסטו?

— געדעכט, חיים. טאַקע אַ גלײַכע זאַך. אָבער מיטאָגן צו־זאַמען דאָ אין שטוב. שאַ, רגע, איין מינוט: מ׳קאָן עס מאַכן בעסער. אויב ס׳איז דיר נישט באַקוועם דאָ אין שטוב. איך קאָך דאָך במילא. שורה קומט כּמעט דרײַ־פיר מאָל אין דער וואָך אַהיים, און פון שבת ביז זונטיק אין דער פרי — שלאָפט זי אין דער היים. צוויי מאָל אין דער וואָך וועל איך קאָכן. שורה וועט דיר ברענגען (זי האָט אַ מאַשינדל פון דער צבא) דאָס מיטאָג אין שטוב אַרײַן. וועסט נאָר דאַרפן דערוואַרעמען.

5

אויף צוריק פון פנינהן האָט שוין געטונקלט. חיים האָט זיך געיאָגט אַהיים. ער דאַרף נאָר פאַרבײַגיין דעם פּאַרק, נישט ווײַט פון זײַן הויז, וווּ ער פלעגט יעדן טאָג זיצן עטלעכע שעה אויף דער באַנק מיט אַ צײַטונג אין די הענט — האָט ער אויף אַ רגע זיך פאַרדמיונט, אַ שטייגער ער כאַפּט אַ ישוב, און זיך אַוועקגעזעצט. אין קאָפּ יאָגן געדאַנקען, נאָכטראַכטענישן פון דער באַגעגעניש. ער גופא ווייסט נישט, געדענקט נישט אַקוראַט וואָס האָט ער געטאָן אין יענער שעה אויף דער גאַס, נאָענט פון פנינהס הויז. וווּ ער האָט באַדאַרפט זײַן אין דער שעה — אין פּאַסט צי אין באַנק — האָט ער אייגנטלעך געקענט גיין דורך אַן אַנדערער נענטערער גאַס. איז עס אויב אַזוי טעכניש אַ צופאַל ס'באַגעגענען פנינהן. אָבער אינסטינקטיוו — אַ גלײַכע זאַך. ער האָט געוווּסט, אַז אין דער ערב מיטאָג־שעה גייט פנינה פאַרבײַ די גאַס כמעט יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה. זאָגן, אַז ער האָט עס געטאָן בכוונה תחילה וואָלט געווען אַ ליגנט. למען האמת איז אים כלל נישט וויכטיק. וויכטיק איז — אויף צוריק גערעדט — אַז פנינה קאָן עס אָננעמען פאַר אַ געמאַכטן צופאַל.

אַ רויִקער סוף־זומערדיקער אָוונט. לויטן לוח איז שוין האַרבסט. אָבער דאָהי קומען די פיר צײַטן פון יאָר אָן איבערגאַנגען. איינס אין אַנדערן קומען זיי און אומגעריכט. דאָס זעלבע אויך צווישן האַרבסט און ווינטער. פון צפון יאָגן פּלוצים אָן ווינטן מיט שטורעם, מיט אויסברוך פון גבורהדיקן רעגן נאָך לאַנגחדשימדיקע זומערס, היצן, חאַמסינען. אַזוי גיך ווי זיי קומען הערן זיי אויף. און אָט גיט אַ שײַן־אויף די זון, אַ הימל — ריין, אויסגעוואַשן, ווי אַ פּנים נאָכן אויסוויינען זיך פון אַ קינד. די ביימער פון ביידע

זײַטן טראַטואַר נאָכן אָפּשווענקען פֿון זיי דעם שטויב, גיבן אַרויס אַ פֿרישן ריח. די שמאָלע שלאַנקע בראָשים מיט די שפּיציק־פּאַרקײַלעכדיקע קרוינען — הויך, פֿאַרריסן, שלאַנק — שטייען ווי געטרײַע שומרים אַרום פּאַרק. חיים איז פֿאַרקוקט אין זיי. באותו רגע פֿליט אים אַדורך אַ געדאַנקענבילד — דער נגבֿ. עד היום פּוסטעוועט ער. כּמעט צוויי־דריטל פֿון לאַנד. הייסער הימל איבער גראָ־געלע שטויביק־זאַמדיקע שטחים. אַ ליכטיקע טרוקענע לאַנדשאַפֿט אַזוי ווי מיט הונדערטער טויזנטער אפֿשר מיליאָנען יאָרן צוריק, עלעהײַ דער אָטעם פֿון צײַט האָט זיך דאָרט פֿאַרהאַלטן. איין מאָל אין יאָר אָדער אין צוויי־דרײַ יאָר, לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעגן אויפֿן באַרגיק־טאָליקן באָדן, אַ צעשפּאָלטענער פֿון טרוקעניש און חמימה.

איין מאָל, מיט אַ יאָר צוואָנציק צוריק, איז ער דאָרט פֿאַרבײַגעפֿאָרן. איין כּביש שנײַדט, ווי אַ מעסער דורך דעם מידבר־מרחבֿ — אוודאי בײַ די טערקן אָדער ענגלענדער אים געפּלאַסטערט. איינציקע טעלעפֿאָן־סלופּעס, ווי לאַנגע הויכע פּיס פֿון שטרויספֿייגל. די „פֿייגל" זענען פֿאַרפֿלויגן און די „פּיס" שטעקן אין זאַמד. בעדואינער־געצעלטן — שוואַרצע טונקלגרויע לאַטעס, פֿלעקן אויף אַ ליכטיקער לאַנדשאַפֿט. אַלץ אַזוי ווי ער געדענקט מיט אַ פּופֿציק יאָר צוריק — זאָגט ער צו זיך.

פּנינה. ס׳ערשטע מאָל געזעסן פּנים אל פּנים מיט איר אין אַ געמיטלעכן שמועס. ער האָט געקאָנט קאָנצענטרירן זיך אויף אַ געדאַנק און דער עיקר — זי האָט גערעדט מיושבֿדיקע רייד. קלאָרע רייד. אַ ריין לשון. כאָטש איר פּנים האָט אויסגעדריקט זאָרג, אומרו בעתן דערציילן וואָס דער מאַן שרײַבט פֿון אַמעריקע. נישט קיין גוטע נײַעס, אפֿילו שלעכטע נײַעס באשר שווער דאָרטן צו עפּעס זיך דערשלאָגן. פֿרעמד, בענקעניש — האָט איר פּנים אין לעבהאַפֿטן שמועס געשײַנט פֿון אַן אינערלעכער ליכט, פֿון אַ מענטש אַ באַוווסטזיניקן, אַ טראַכטנדיקן. דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ סך חן אין זײַנע אויגן.

אויך פנינה האָט צײַט געהאַט אַ טראַכט טאָן וועגן דער באַ־געגעניש. זי האָט אייגנטלעך קיין נײַעס אין חיימען נישט אַנט־דעקט. ער האָט אָבער דאָס מאָל אויסגעזען יוסטער, געפאַקטער, יוגנטלעכער. כוח, טעמפּעראַמענט האָבן אויסגעדריקט זײַנע עקשנותדיקע אַקסלען. זײַנע קלוגע אויגן האָבן, דאַכט זיך, דאָס מאָל לאַנג, לענגער ווי מ׳דאַרף, זיך געהאַלטן אויף איר. ווייניקער ווי תּמיד האָט ער דאָס מאָל גערעדט. בלויז וועגן פּראָבלעם ירידה האָט ער צוגעגעבן:

אויך אין דער צײַט פון בית שני זענען געווען ייִדישע תּפו־צות אין בבל, אין מצרים, אין אַלע מיטללענדישע לענדער, דווקא ווען ס׳קליינע ייִדישע פאָלק האָט דערגרייכט צום אויפבלי. און זי האָט אַרײַנגעוואָרפן: „זעט מען דאָך באַשײַמפּערלעך, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער״.

„יאָ, ס׳איז דאָך דאָס זעלבע פאָלק — האָט חיים מיט אַ שמייכעלע צוגעגעבן — אַ קליין פאָלק, אַ גרויס פאָלק, אַ פאָלק פון אברהם אָבינוס צײַטן.״

„אויך אַ וואַנדערפאָלק, חיים, נישט?״ — איז זי נישט הינ־טערשטעליק געבליבן.

דער חידוש וואָס האָט זיך איר געוואָרפן אין די אויגן, איז דער זכּרון זײַנער. אַן אַלטער מאַן און אַזאַ יונגער זכּרון. גע־דענקט דאַטעס, פאַקטן, פּרטים, קאָנטיק אַ מענטש מיט אַ סך וויסן. דאָס שנעלע אויפהייבן זיך פון דער שטול צום אַוועק־גיין, די פעסטע טריט צו דער טיר, האָט דערמאָנט אין אַ יונגן קרעפּטיקן מאַנצביל.

אויפגעהויבן זיך, געדאַנקט פאַרן כּיבוד, זיך געזעגנט. נישט געפרעגט, נישט דערמאָנט מיט אַ רמז וועגן דער קומענדיקער באַגעגעניש. בלויז די בליקן האָבן זיך באותו רגע געטראָפן, מסתמא אויף שטום לשון געוואָלט זאָגן:

— מ׳וועט זיך שוין טעלעפאָניש פאַרבינדן.

ער וועט נישט קלינגען — ווייסט זי. ער האָט זײַנע סיבות

דערצו. איינע פון די הויפּט־סיבות זאָל זײַן טאַקע דאָס וואָס אַלעקסאַנדער איז ווײַט פון דער היים. אויך איר, פּנינהס, עטלעכע מאָל דערמאַנען, אפשר נישט אָן כּוונה, „מײַן מאַן, מײַן מאַן" ווען זי זיצט פּנים אל פּנים מיט אַן אַנדער מאַן, זאָגט דרשנו — זי וועט אויך צו אים נישט קלינגען. זי האָט עס ביז איצט נישט געטאָן. איבעריקנס — נאָך דאָ צײַט דערוועגן אַ טראַכט טאָן. דערווײַל איז זי געבליבן זיצן, ווי איינער, וואָס קומט אויפן וואָקזאַל ווען די באַן איז נאָרוואָס אַוועקגעפאָרן. אַ ליידיקע שטוב, ליידיקע צימערן. אַ שטייגער נישט חיים, איין מענטש איז איצט אַרויס פון שטום, אלא — „אַ וואָקזאַל" מיט מענטשן.

אַ פּוסטקייט, אַ באַנגיקייט אין האַרץ. ערשט נאָך חיימס אַוועקגיין האָט זי די ליידיקייט אָנגעהויבן באַמערקן. ס'איז איר אויך, פּילט זי, קעלטער געוואָרן, כאָטש דער וועטער איז גראָד אַ וואַרעמער, אַ שיינער. אַ זון, אַן ערב־זומערדיקע, אַ קאַלטע, האָט אַרײַנגעשײַנט דורך דער באַלקאָן־טיר. ס'איז איר אויסגע־קומען, אַז חיים מיט זיין זיצן נאָענט פון איר מיטן רעדן, אפילו מיטן שווײַגן, האָט מיט זײַן אַוועקגיין מיטגענומען די וואַרעמקייט, די דערבאַרעמדיקע היימישע שטוב־אַטמאָספער.

זינט אַלעקסאַנדער איז אַוועקגעפאָרן, שורה — אין מיליטער — חוץ וואָס זי קומט אַ מאָל אויף חופש, אויף אַ שבת — פּוסטעוועט די וווינונג. אַזוי שנעל זעט זיך איר נישט פּאָר, ער זאָל נאָכאַמאָל קומען. דערווײַל — אַליין. איינע אַליין אין דער גרויסער וווינונג. שלעכטע מחשבות בײַ טאָג און בײַ נאַכט. בײַ יעדן טראָט אירן, וואָס זי זאָל נישט טאָן, זעט זי אַלעקסאַנדערן. ער גייט איר נאָך. זי זעט אים מיטן פידעלע אין האַנט אויף חתונות, נאָכדעם אין דער היים. אַוודאי אַ קליין צימערל ערגעץ אויף אַ גאָרן. אָן אַ ווינדע, מיט אַ ווינדע, שלעפּט ער זיך אַרויף און אַראָפּ. הײַנט קויפן, גרייטן אָן אָנבײַסן, אַ טרונק. ווו עסט ער מיטאָג? דאָס לאַנד איז גרויס, די גאָסן, די מרחקים פון גאַס צו גאַס — גרויסע. קיין מאַשינדל האָט ער נישט דאָרט. מ'דער־

ציילט, אַז ס׳זענען דאָרט קיין טראַטואַרן נישטאָ. אויטאָבוסן, סאָב־וויען. ס׳רוב פאָרן דאָרט שוואַרצע, נעגערס. און ער — צווישן זיי? דאָס גלײַכן אַ מיטאָג אין די ביליקע רעסטאָראַנען, ווו די נעגערס עסן גייט ער נישט. אַמעריקע איז גרויס אין רײַכטום און גרויס אין אָרעמקייט. אָרעמקייט און נאָך ערגערס — שמוץ, שיכּרות, זנות און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ שלאָנדערײַען פון טונקעלע פאַרשווינען אין און אַרום די רעסטאָראַנען?

אָרעמער אַלעקס, איז עס פאַר זײַנע כּוחות, פאַר זײַן געמיט דאָרט איינער אַליין? אַלעקס, ווען דו ווייסט ווי ליב איך האָב דיך, ווי דו פעלסט מיר אויס, ווו נאָר איך גיב זיך אַ קער און אַ ווענד — זע איך דיך.

6

מענטשן זאָגן: בעסער אַ סך קליינע זאָרגן איידער איין גרויסע זאָרג. אַקעגן דעם וואָס חיימ׳ס אַוועקגיין האָט בײַ איר געלאָזט אַ שלעכט געפיל, אויך אַ זאָרג — וואָס ווײַטער? חוץ דעם פעלן נישט קיין קליינע זאָרגן: שורה, די אָפּיצירשע, קומט אַהיים אויף שבתים, אויף טעגלעכע חופשן, זיצט אין שטוב. אין גאַס קאָסט געלט: אַ לײַכטן ביס, אַ טרונק, אַ נאַש, הוצאות נסיעה, שוין אָפּגערעדט פון אַ בגד. תּמיד אין די מיליטערישע קליידער. הײַנט אַ קינאָ, אַ קאָנצערט? זי האָט ליב קלאַסישע מוזיק. ס׳זאָל צו איר קומען אַ חבר, אַ מיליטערישער, אַ ציווילער. און זי גופא — פון אַרבעט עטלעכע שעה אין טאָג, פינעף מאָל אין דער וואָך — צאָלט מען זיך דאָ נישט איבער. אַ קליינער געהאַלט. אויך שורהס געהאַלט פון צבא קבע — איז נישט פון די גרויסע. פון ביידע — קוים אויף אויסקומעניש.

איצט האָט זי איין גרויסע זאָרג — אַלעקסאַנדערס בריוו, בריוועלעך:

ער שפּילט אויף חתונות. ערשטנס איז דאָס נישט גענוג אויף צו מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. צווייטנס, וואָס איז דער אויפטו? אין ישראל פעלן יִדישע חתונות? צוליב דעם פאַרלאָזט מען אַ ווײַב, אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אַ היים, אַ לאַנד? דאָס האָט ער געזוכט? דאָס האָט ער געפונען? האָט ער דערמיט געפונען זיך, געפונען דעם עפּעס וואָס ער איז געפאָרן זוכן? זעקס־זיבן חדשים. אַז מ׳וויל איז עס אַ סך, אַז מ׳וויל איז עס ווייניק, צו ווייניק אין דעם גרויסן, רייכן אַמעריקע זיך דערשלאָגן צו עפּעס בכּבֿודיקס, דעם עפּעס וואָס ער זוכט.

חוץ אַלעמען שלאָגט פון די בריוו זײַנע אַן אומעט, אַ באַנגי־קייט, אַ מין, וואָלט זי געזאָגט, באַהאַלטענער טרויער, אַן אַפּאַטיע, בפירוש אַן אַפּאַטיע. ווי קומען צו אים, צו אַלעקסן דעם ענערגישן מאַן, דעם אויפטוער. אַ מאַן — שרײַבט ער אין זיין עלטער — (האָסטו מיר אַן עלטער!) שפּירט שוין ס׳אָניאָגן פון דער מחשבה זקנה (נאָ דיר אַ זקנה!). פּרזע זקנה אָבער שוין נישט יונג. אַז מען איז יונג איז יעדער טאָג אַ נײַער, אַן אָפּענער, פול מיט צו־זאָג. בײַ עלטערע מענטשן — אַן אָפּגעשלאָסענער, אַ פאַרזיגלטער קרײַז. די האָריזאָנטן — שמעלער, טונקעלער. טאָמער ווייניק — הכמהט ער זיך — למשל, קראַנק זײַן אין אַמעריקע איז אַ לוקסוס. ס׳קאָסט זייער טײַער. נאָר גבירים אדירים, מיליאָנערן, קאָנען זיך עס פאַרגינען...

ווי קומען צו אים אַזעלכע געדאַנקען? — פרעגט זי זיך פאַרביטערט. אפשר טאַקע, חלילה, נישט בײַם בעסטן געזונט? אָט וואָס הייסט איין גרויסע זאָרג.

נאַדיר אַמעריקע.

דאָהי איז, לאָמיר זאָגן, אויך נישט געווען אָגיל ואשמח, ער האָט געליטן אויף זײַן שטייגער. גורם געווען איר לײַדן. די קליינע שורה איז געוואַקסן אין אַן אַטמאָספער, וואָס זי ווינטשט נישט אירע שונאים. זי האָט גאָרנישט אַזעלכע שונאים. אײַנגעפאַלן אים אַ מאַנקאָליע — אַמעריקע. אויפגעהויבן זיך און געפלויגן. זי האָט געשוויגן. אַ ברירה האָט זי געהאַט? אַצינד האָט זי איין זאָרג איבערן גורל פון איר מאַן. אַ געפיל פון פחד, רחמים און אַ פאַרגעפיל — דאָס האַרץ זאָגט איר — אַז ער וועט דאָרט לאַנג נישט זײַן. נישט פאַר אים, פאַר זײַנע כוחות. צו שוואַך איז ער פיזיש און גײַסטיק. מודה זײַן זיך אין דער שוואַכקייט — איז ער צו שטאַרק בײַ זיך.

אַן אַמביציעזער מענטש אַלעקסאַנדער — האָט איר מאַמע עליה השלום, איר געוואָרנט מיידלווײַז, ווען ער פלעגט קומען אין שטוב אַרײַן העלפן איר מאַכן די לעקציעס — „אַ צעפּיעשטשעט

זונדל״, אַלעקסאַנדער דער גימנאַזיסט. ייִדיש האָט ער געקענט פון שטוב, פון זײַן זיידן און פון טאַטע־מאַמעס רעדן צווישן זיך. ראַטנפאַרבאַנד, רעפּאַטריאַציע. ווידער פּוילן. פּוילן אָן ייִדן, ווײַטער וואַנדער, וואַנדער און באַדויער: פּוילן, וואַרשע, זײַן געבורט־שטאָט. פּוילנס זין און טעבטער, יוגנטלעבע, עלטערע פון די גוייִשע גאַסן, האָבן געלעבט און געלאַכט אין העלן טאָג אַרײַן ווי פאַר דער מלחמה, אויך נאָך דער מלחמה. פון די הויכע פענצטער פון מאַרשאַלקאָווסקי גאַס, הויכשטאָקיקע הײַזער, קרולעווסקי, יעראָזאָלימסקי־אַלייע האָבן זיך געהערט שאָפּענישע עטיודן, נאָקטורן, אויך פריילעכע מאַזורקעס, קלאַנגען פון אַנדערע מוזיק־מײַסטערס. אָפענע רעסטאָראַנען, קאַפעען, באַלויכטענע וויטסאַוועס. און ייִדיש לעבן — פינצטער, חושך, שטאָק און שטיין.

אויפן וועג קיין ישראל — פול מיט לעבן, מיט פּלענער. זיך פאַרליבט אין לאַנד, אין פאָלק. אַ מאָדנע פאָלק די ייִדן — האָט ער פילאָסאָפירט — אַ מיסטעריעז פאָלק. אים קומט אויס, אַז טאָמער, חלילה, ס'זאָל נישט געשען, אַז די אַראַבער זאָלן די ייִדן אַרײַנוואַרפן אין ים אַרײַן — וואָלטן זיי קאַפּויערגעשווומען פון ים אַרויס. אין מצרים — קנעכט, בײַטשן האָבן געטאַנצט אויף זייערע רוקנס, לעבעדיקערהייט זיי פאַרמויערט אין די פּיראַמידן, אַ לעגענדאַרער משה זאָל האָבן זיי פון דאָרט אַרויסגעפירט. שפּעטער — אינקוויזיציע, טאָרקוועמאַדאַ, גאַזאויוונס — און אַרויס לעבעדיק. אויך אין ים, אין די כוואַליעס. ווי הונגעריקע וועלף, וואָס האָבן דאָס צעבראָכענע שיפל מיט צעבראָכענע לעבנס געפירט — האָט ער זיך פאַרליבט.

✶

אַ פאַרליבטער אין לאַנד, אין היגער לאַנדשאַפט האָט ער, און זי לעם אים, געטראָפן צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלער, אַלטערטימלעכקייטן פון די רוימישע און פראַנקישע צײַטן, ווו היגלען, קייטן בערג און שמאָלע דורכגאַנגען וואָס זענען אַמאָל געווען גאַסן, הײַנט מערבדיק פון עתלית — האָבן זיךביידע פאַרהאַלטן, גע־

זעצט זיך אַפּרוען. אַרום — פעסטונגען, צעשאָטענע סטעזשקעס, ווילדגעוויקס, וואַדיס אין דער ערב־אָוונטיקער שטילקייט געפּראַוועט די ערשטע ליבענעכט נאָך דער חתונה. איבער די קעפּ — אַן אויפגייענדיקע לבנה.

צום יאָר נאָך דער חתונה איז שורה געבוירן געוואָרן. דאָכט זיך נעכטן איז עס געווען. נאָך אַ קנאַפּ יאָר קומט שורה אַהיים נאָך צוויי יאָר דינען אין צה״ל קבע. פנינה שרײַבט אים ער זאָל נישט אַרבעטן איבער די כוחות. אויב ער קאָן אָפּשפּאָרן אַ פּאָר דאָלאַר. מ׳דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן שורהלען — תכלית.

אַמעריקע. ס׳טרעפט. זי געדענקט, פנינה, אַ מעשה פון אפשר מיט הונדערט יאָר צוריק, וואָס זי האָט געהערט פון דער מאַמען: איר מאַמעס ברודער, אַ פעטער, איז אַוועק קיין אַמעריקע. אַמאָל איז מען געפאָרן מיט באַנען, מיט שיפן, וואָכן, חדשים האָט געדויערט. נישט מצליח געווען דאָרט. בריוו פון ווײַב האָבן טרעוואָגעט: „ווילסט האָבן אַ ווײַב, ווילסט האָבן קינדער? קום צופאָרן!" קיין געלט אויף אַ שיפסקאַרטע האָט ער נישט געהאַט. צוריקגעשיקט אים מיטן עטאַפּ. אין דרײַ יאָר אַרום, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, פּריזיוו. האָט ער געטאָן, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן — זיך „געמאַכט" אַן אויער. אַ סברא מ׳האָט אים געמסרט. אַוועק אין מיליטער, ס׳אויער האָט געפייפט מיט אַ פײַפעניש, וואָס האָט אויך נאָכן מיליטער אָנגעהאַלטן — נאָך פינעף יאָר דינסט — איז ער ווידער אַוועק קיין אַמעריקע. אַזאַ כישוף קאָנטיק האָט דאָס גאָלדענע לאַנד.

אַ נאַרישע קאָמיש־טראַגישע מעשה פון אַמאָל, הײַנט פליט מען. נישטאָ קיין צײַט אויף באַנען, שיפן. אויך אויף בריוו איז נישטאָ קיין צײַט. קיין עטאַפּן זענען הײַנט אויך נישטאָ. אָבער, אַז מ׳טאַפּט אַ וואַנט, ווי מ׳זאָגט — פליט מען צוריק.

ז

חיים. צי מ׳זעט זיך יאָ, צי נישט — ער איז פאַראַן. ער ווינט נישט ווײַט פון פנינה. ער איז איינער. אַן אַלטער מאַן. ער לעבט אַוודאי במצמום, כאָטש געריעדט דערוועגן האָט מען קיינמאָל נישט. ער איז אַלע יאָרן נישט געווען קיין עושר. אָבער עסן מיטאָגן אין די רעסטאָראַנען איז נישט פאַר זײַנע כּוחות. זי איז זיכער, אַז ער נייטיקט זיך אין איר הילף. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן שוין פון הײַנט געטאָן פאַר אים, וואָס זי האָט אים פאַרגעשלאָגן. פאַר וואָס איז ער אַוועקגעגאַנגען אָן ענטפערן אויף איר אָנבאָט? חיים, דער געוואָגטער מאַן, דער האַרציקער מענטש איז — שטאָט ענטפערן — געבליבן זיצן אַן אָפּהענטיקער, אַ פאַרשעמטער, וואָלט זי געזאָגט, שטאָט יאָ אָדער ניין, האָט ער איר פאַררעדט די ציין מיט אַ וויצלדיקן זאָג: „מ׳האַלט אים פאַר אַ קלוגן מענטש אָבער אַ געפיל האָט ער, אַז ווען ער קומט אין אַ געזעלשאַפט, אין באַריר מיט פרויען, אַ פרוי וואָס געפעלט אים — פאַרלירט ער אַ העלפט פון זײַן חכמה. געוואָלט מסתמא איר געבן אָנצוהערן, אַז זי געפעלט אים און — אויסגעמיטן אַן ענטפער.

אַזוי האָט עס פנינה פאַרשטאַנען. זי האָט זיך מיט דער צײַט געלערנט לייענען זיינע מחשבות ווי פון אַ בוך. אַן אָפענער קלוגער מאַן, חיים. ער איז פאַר איר — וואָלט איר מאַמע, עליה השלום, געזאָגט — אַ לעקעכל מיט סם. זי האָט ליב איר מאַן. זי האָט אים קיינמאָל נישט אויפגעהערט ליבן. ער נייטיקט זיך אין איר הײַנט מער ווי תמיד. אין די ערגסטע שווערסטע מינוטן אים גע־טרײַ געבליבן. זי בענקט אַצינד צו אים. ס׳קאָסט אים דאָרט, זעט זי, אַ שטיק געזונט וואָס ער איז ווײַט פון איר, פון זײַן טאָכטער.

חיימס פֿרייַנדשאַפֿט איז איצט פֿאַר איר עלעהיי אַן עקדיש מיטן עקל זייַנעם גראַבלט אין איר איינגעווייד. זי וואָלט אים געטויט דעם עקדיש. איז עס אָבער נישט אַזוי פּשוט.

אין די לײדיקע שעהען, לײדיקע אָוונטן, האַלבע טעג, וואָס זי דרייט זיך אין שטוב, אין די דרייַ לײדיקע צימערן — לויפֿן אָן אָט די געדאַנקען. זי יאָגט זיי פֿון זיך ווי בייזע הינט. וואָס מער זי יאָגט זיי אַלץ מער לויפֿן זיי איר נאָך. בייַסן נישט, נאָר בילן, בילן... ניין. זי וויל דעם עקדיש נישט טויטן.

אַ געדאַנק איז דאָך ווי אַ לעבעדיקע זאַך: דערוואַרגן וואָלט זי אים, דעם געדאַנק איידער ער ווערט געבוירן. מענטשן זאָגן: אַז מ׳שלאָפֿט זיך איבער מיט אַ צרה ווערט זי קלענער. בייַ איר איז גאָר פֿאַרקערט. ביי איר ווערט זי גרעסער: זי טראַכט וועגן אַלעקסאַנדערן און חיים, דער אייינציקער בעסטער פֿרייַנד שטייט איר פֿאַר די אויגן. אויך ער נייטיקט זיך אין איר, כאָטש געזאָגט האָט ער עס איר נישט.

אַלעקסאַנדער. קינאָמאַטאָגראַפֿיש שוועבן פֿאַרבייַ פֿאַר אירע אויגן בילדער: פֿאַראַכאַד. זי און ער אויפֿן דעק. אַ פּראָסטיקער העלער האַלבפֿאַרוואָלקנטער הימל. אַ פֿולע קאַלטע לבֿנה שווימט צווישן שנייוואָלקנס, באַגלייט זיי אין וועג. וווּהין פֿירט דער פֿאַ־ ראַכאַד? געווי ווייסט קיינער נישט. מלחמה. דייַטשיש־נאַציסע כּוחות יאָגן, גאַנץ מזרח־ראַטנלאַנד שווין אָקופּירט. ס׳רוסישע מיליטער לויפֿט אין בהלה אויף צוריק: מינסק, מאָסקווע, קויבי־ שעוו, קאַזאַן איבערפֿולט מיט „עוואַקואירטע״. אויף מאַמע־לשון — פּליטים. אַרמיי־אייינהייטן. ציווילע, גאַנצע משפּחות אויף אַלע וועגן — אויף פֿערד און וואָגן, אין באַנען, צופֿוס — אויף די וועגן וואָס פֿירן אין צענטראַל ראַטנלאַנד. אַן אָנגעבויגענער איבער איר קאָפּ שטייט אַלעקסאַנדער, רעדט צו איר, שעפּטשעט ווי דער שטילער געפּליסטער פֿון די וואָלגע־וועלעכלעך הינטערן דעק ווו זיי שטייען. זיסע רייד פֿון אַ פֿאַרליבטן בחור. אָקערשט אַ סטו־ דענט, אַ קאָנסערוואַטאָריע־תּלמיד. און אירע אויערן שלינגען

זײַנע רייד. זי קוקט אַרויף צון אים מיט פאַרליבטע אויגן. דאַכט זיך, זי הערט מיט די אויגן מער ווי מיט די אויערן. זי שווײַגט. רק איר דאַכט, אַז ער הערט ס'קלאַפּן פון איר האַרץ.

אַרויס פון שטוב אין יענע בהלהדיקע טעג איז זי מיט אַ קליין קלומיקל אונטערן אָרעם, עלעהיי אויף אַ הינטערשטאַטישן שפּאַציר אויף באַלד צוריקצוקומען. דאַכט זיך ערשט נעכטן איז עס געווען. אָ, וויפל נעכטנס? זעקס־זיבן יאָר. און וואָס פאַר אַ יאָרן? אַ פאַר־ליבט פּאָרל אין וואַנדער און וואָגל איבער לענדער און גרענעצן. און ווידער ים. ווידער אויפן וואַסער. אַ שיפל, אַ קליין שיפל אויפן וואַסער צו אַ קליינער יבשה — ארץ־ישׂראל. ווי אַ מסוכּן קראַנ־קער אַלטער מאַן סאַפּעט, דעכעט דאָס שיפל. אַ נײַער פּחד, אַן אימה פאַרן נײַעם אומבאַקאַנטן טאָג. אָט וויקלט ער זיך אויס פון געוואַסער דער טאָג אַ האַלב־פאַרנעפּלטער. אין די אויגן מידע, איבערגעשראָקענע, איז גרויס די פרייד, אַ סך מאָל געכפּלט פונעם פּחד. די אויגן קלעפּן, אַנקערן זיך אײַן אין אַלעקסאַנדערן, איר חבר, איר פרײַנד, איר געליבטער מאַרגנדיקער מאַן. דאָ אויף דער ערד, ווו זיי וועלן שטעלן זייערע ערשטע טריט שטעלט מען אַ חופּה כּדת וכדין. די דאָזיקע אַלט־נײַע ערד דאַרף זײַן אַ פאַר־גיטיקונג פאַר זייערע זיבן־אַכט יאָר וואַגלוועג. ס'גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פאַר וואָס — ווייסט איין גאָט. לאַנג און אומ־פאַרמיידלער איז דאָס שלעכטס. קורץ איז דאָס גוטע. קורץ ווי אַ בליץ. נאָכן בליץ קומט אַ דונער, כאָטש ביידע גייען צוזאַמען. די צײַט, די כּישופמאַכעריז, אײַלט זיך נישט דעם „דונער" צו פאַרמײַדן.

די צײַט האָט צײַט.

אַמעריקע איז רײַך, שטאָק רײַך. אַמעריקע איז אָרעם, רײַך אין אָרעמקייט, כאָטש ביידע גייען צוזאַמען. אַמעריקע איז וואָר־האַפטיקייט האַרטנעקיקע. אַמעריקע איז פאַנטאַזיע, חלום.

אַלעקסאַנדער ריינער איז רעאַליע אומגעדולדיקע, חלום אין מיטן העלן טאָג. אַ מוזיקער, אַ פידלער. דעם פידלער איז פרעמד

דער ריטעם פון ניגון פון יענער צווייערלייִקער וואָרהאַפּטיקייט. ווייסט נישט, אָדער פאַרגעסן: „ווער ס'יאָגט זיך נישט צו געווינען — פאַרשפּילט נישט". לייען אָט די זעקס שורות פון זשעראַר דע־נערוואַל, דעם פראַנצויזישן פּאָעט, וועסטו פאַרשטיין די פּראָזע פון לעבן, אַלעקסאַנדער ריינער.

„דו פריִער דענקער, מיינסטו, דער מענטש אַליין נאָר טראַכט
אויף ערד, ווו לעבן שפּאַרט פון יעטוועדער מאַטעריע,
דו ביסט בלויז אויף די כוחות, וואָס דו קענסט, אַ בריה,
נאָר ס'בלייבט דער וועלטאַל אין זײַן גאַנצקייט דיר פאַרמאַכט.

— — — —

עס שלאָפט אויך אין מעטאַל פון ליבע די מיסטעריע:
אַלץ האָט געפיל און אַלץ האָט איבער דיר אַ מאַכט."

(פון פראַנצייזיש: מ. ליטווין)

פנינה איז געווען אויף צוריק פון דער פריזירערין, ווו זי גייט פון מאָל צו מאָל „מאַכן זיך די האָר", וואָס ווילן נישט האַלטן פאַסאָן. זי איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ שמאָל געסל, אַ פּערעווליקל פּאַראַלעל צו אַ גאַס וואָס צווישןביידע שפּרייט זיך דער פּאַרק. חיים איז איר געקומען אַקעגן, פנים אל פנים, און זען פריִער זײַן געשטאַלט, און הערן זײַנע טריט, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. קאָן מען אַזאַ אמתע צופעליקייט דערקלערן, זוכן, פּרווון געפינען די וואָרצלען, ווי זאָגט מען עס — פון וואַנעט די פּיס וואַקסן? אַ באַגעגעניש פון צוויי מענטשן, וואָס לעכצן זיך באַגעגנען און האַלטן זיך אָפּ צוליב כמה וכמה טעמים — יעדער איינער מיט זײַן טעם.

אין דעם פּאַרק אייגנטלעך האָט זיך אָנגעהויבן זייער באַ־קאַנטשאַפט מיט פיר־פינף יאָר צוריק.

האָבן ביידע נאָכן באַגריסן זיך צוזאַמען געמאַכט עטלעכע טריט צו דער באַנק, און אויסרעדן אַ וואָרט זיך אַוועקגעזעצט. אַ קילער ליבלעכער דרויסן. טונקל אין פּאַרק. אַ שטיקל לבנה

דראַפּעט זיך אויף אַ צווײַג פון בוים קעגן דער באַנק. אַ פּאַסיקל שײַן, פאַרנעפּלט פון נאַכטיקן הימל ליכטיקט זיי בײַ די פּיס. שטיל אַרום און אַרום. די טונקלעניש קומט חיימען צו הילף:

— איז וואָס טוסטו אין דער שעה אין מײַן געגנט?

— ס׳איז אויך מײַן געגנט, חיים. מיר זענען דאָך שכנים. כ׳גיי פון דער פּריזירערין. אָטאָ דאָ נישט ווײַט ווו מיר האָבן זיך באַגעגענט ווווינט זי. וועסט מיר גלייבן, אַ צופאַל, ממש אַ צופאַל.

— דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן. ס׳האָט געמעגט זײַן נישט קיין צופאַל. נו, לאָמיר עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— וואָסער אַנדער מאָל, ווען? וואָס שרײַבט אַלעקסאַנדער?

— ווי אַ גרינער אין אַמעריקע.

— נאָך אַלץ אַ גרינער?

— ביז מ׳גרינט זיך אויס, חיים, ווערט מען דערווײַל לײַטיש פאַרשוואַרצט.

— נישקשה פון אַ חכמה.

— אַ טראַגיש־קאָמישע חכמה, חיים.

— און די קליינע, ווי רופט מען זי, פאַרגעסן. שוין לאַנג נישט געזען.

ז׳איז שוין אַ גרויסע, חיים, אַן אָפּיצירשע. שוין דיר איין מאָל געזאָגט. די צײַט לויפט.

— געדעכט, פנינה. און איך לעב נאָך אַלץ מיטן נעכטן, אייערנעכטן — לויפט אים אַדורך אַ געדאַנק, אַ דערינערונג — אַ נעכטן מיט אַ סך יאָרן צוריק: אַ שומר אויפן גליל אַרום כנרת, ביי דער ירדן־גרענעץ. נאָך אַ טאָג אַרבעט — אויפן פערד. אַ רעגנדיקע נאַכט. אַ נידעריקער פאַרוואָלקנטער הימל. אַ ווינטל פײַפט, שאָקלט מיט אַ בוים, שווער צו הערן ס׳דערנענטערן זיך פון אַ מענטש, אַ געשטאַלט. ווייסט נישט פון וואַנען די סכּנה קומט. דריקסט צו זיך די ביקס, דעם רעוואָלווער. אַראָפּ פון פערדל, לייגסט צו ס׳אויער צו דער ערד אויפכאַפּן אפשר דעם לויף, דעם

סטוק פון פערדישע קאַפּיטעס. יאָ, מ'הערט. ווער קאָן זײַן דער רייטער? אַ בעדואינער, אַן אַראַבער, אַ דרוז? און אפשר אַ שומר פון דערבײַיקן ישוב, אַ חבר, אַ ייִד. וווּנדערט אים, חיימען: וואָס עפּעס איצט? און, זיי לויפן, לויפן אים נאָך די געשעענישן.

— וואָס עפּעס אַזוי פאַרטראַכט, חיים? — הערט ער פּנינהס קול.

— ער, נעכטיקע טעג.

— פּאַר מיר, חיים, ביסטו אַ הײַנטיקער, אַ וותיק, איינער פון די וויניקע „כּשבאנו״, ווי מ'זאָגט דאָ. זי האָט נאָך געוואָלט צו־געבן „גענוג״ און זיך אָפּגעהאַלטן. זי מיינט, אַז ער ווייסט וואָס זי וויל זאָגן. אָבער ער פאַרגעסט זיך.

— מען איז דאָך נאָר אַ מענטש — האָט ער זיך ווי פאַר־ענטפערט.

— אַמאָל דאָס אויך נישט — חכמען זיך מענטשן. איך וואָלט צוגעגעבן: אַ סך וויניקער. מען האָט גאַנץ גוט געזען וואָס פון מענטש איז געוואָרן, ווי גרויס די חיה איז אין מענטש. זײַ מיר מוחל, חיים, איך וויל נישט איבערחזרן געזאָגטע רייד...

— פּנינה — רייסט ער איר איבער אין מיטן — לאָמיר לעבן מיטן הײַנט.

דער „לאָמיר״ אין לשון רבים — לעבן מיטן הײַנט, האָט פּנינהן געשראָקן, אַביסעלע באַומרויִקט. למען האמת האָלט דער אומרו, די שרעק אָן אַזוי לאַנג ווי זי קען חיימען. זי לעבט מיט דעם און תּמיד דער אויפציטער, אַ היימישער וואַרעמער אויפציטער. אָן דעם וואָלט איר נאָך ערגער געווען — זאָגט איר אונטער אַ געדאַנק. זי האָט נישט מורא פאַרן זיצן דאָ. מורא האָט זי פאַר אַ שאָטן פון אַ פאַרבײַגייער, אַ שפּאַצירער אין דער שטילער פריִער אָוונט־שעה, די־אַ באַגעגעניש זאָל נישט האָבן פליגל. — דער פּאַרק איז אין אַ באַוווינטער געגנט, און מענטשן האָבן אויגן, אויערן און צינגער.

חיים, דער אַלטער קלוגער מאַן, האָט, קאָנטיק, פאַרשטאַנען

וואָס פנינה איז פּלוצעם שטיל געוואָרן. זי איז שטאַרק עמפּינד־לער אויף צווייד־ײַטיקע ווערטער, אויף רמזים, אַפילו ווען זיי ווערן אָן שום כּוונה אַרויסגעזאָגט. אייגנטלעך איז דאָך פאַר ביידע קיין סוד נישט זייער פרײַנטלען זיך. ער האָט געפּרוווט זי באַרויִקן: אַ פרוי איז פאַר אים — זאָגט ער — קיינמאָל נישט געווען, אַפילו אין די יונגע יאָרן, אַן אָביעקט פון פיזישן פאַרגעניגן. אַ פרוי איז, לויט זײַן באַשיידענער מיינונג, אַ באַשעפעניש וואָס טראָגט די וועלט אונטער איר ריפּ, אַ חוה. אַוודאי האָט אויך דער מאַן אין דעם אַ חלק, פרוי — האָט ער ערגעץ געלייענט — איז ליד און לעבן.

— זהו, דאָס איז עס, נישט מער און נישט ווייניקער?

— כ׳מיין פּשוט צו זאָגן, אַז אַ פרוי איז אַ מאָל פעיִקער פון אַ מאַן אויף איבערטראָגן יסורים, אויך פרייד. זי איז בדרך כּלל אומקמיטלדיקער און פאַרשטייט אַ סך מער ווי זי וויסט.

— איך האָב עס שוין, דוכט מיר, פון דיר געהערט.

— נאָכאַמאָל איז נישט איבעריק.

— אַז מ׳זאָגט צוויי מאָל דאָס זעלבע, אַפילו אַ חכמה — איז עס אַ נאַרישקייט.

נאָענט פון חיימען זיצט זי. הערט אים גוט, פאַרשטייט אים גוט. ס׳איז איר גוט אין אַזאַ אינטימען שמועס מיט אים און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער אין איר דעם פּחד. נישט פאַר אים, חיימען, האָט זי מורא. פאַר דעם גוטן געפיל בעתן צוזאַמענדיקן זיצן דאָ אין פּאַרק, אין דער אָוונט־שעה האָט זי מורא. כאַטש עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל: כאַטש, און אפשר טאַקע דערפאַר.

פנינה איז אַצינד אײַנגעהערט אין דעם ריטעם פון אייגענעם אויפגערודערן בלוט. זי מאַכט האַלב צו די אויגן און קלערט וועגן אַלעקסן: ווו איז ער איצט אין דער שעה? וואָס טוט ער? ווי גיט ער זיך דאָרט איינער אַליין אַן עצה? זי וואָלט גערן אַצינד זיך אויפגעהויבן און אַהיימגעגאַנגען. סך־הכּל אַן אומגעריכטע באַגעגעניש. שורה האָט דאָך אַ ברירה אַרײַנפאַלן, ווי תּמיד אומ־

געריכט. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? זי וויל חיימען נישט באַליידיקן. זי וויל איצט מיט זײַן הסכּמה זיך געזעגענען און אַפילו אָפּשטימען אַ טרעפונג. זי דאַרף אַצינד זײַן אין שטוב. ער וועט עס פאַרשטיין, ווײַל די באַגעגעניש איז דאָך באמת אַ צופעליקע.

אַ הונט האָט אַ ביל געטאָן. פּנינה האָט אויפגעציטערט. בײַ־טאָג זעט מען דאָ נישט, הערט מען נישט קיין ביל פון אַ הונט. אפשר פירט אים עמעצער אויף פרישע לופט. זי האָט זיך פּלוצעם פאַרלאָרן.

— נו, צײַט צו גיין — מאַכט זי — ס'וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך באַגעגענען זיך נישט דווקא ווען זי יאָגט זיך פון דער פּריזיע־רין אַהיים.

— ווען, פּנינה?

— מיר זענען דאָ שכנים, גוטע באַקאַנטע פרײַנד, חיים. אַ גוטע נאַכט.

— שלום, אַ גוטע נאַכט.

8

אין שטוב צו נאָכטעסן האָט זי צײַט געהאַט איבערלייגן, ווי מ׳מישט איבער אַ זײַטל לייענענדיק אַ בוך, חיימס רייד. באַקאַנטע רייד. ער זאָגט זיי תּמיד אַנדערש, אַנדערע ווערטער, מיט אַן אַנ־דערן טאָן. דער אופֿן פֿון אַרויסזאָגן איז אַן אַנדערער און תּמיד — אַן אַנדער משמעות, אָדער זי פֿאַרשטייט זיי אַנדערש. אָט די טאָפּלטע משמעות אין די פֿיר ווערטער „לאָמיר לעבן מיטן הײַנט” האָבן ווידער אין איר עפּעס אויפֿגעציטערט. איז וואָס, אַז זי איז אַ פּרווי פֿון אַ מאַן, אַ קראַנקן מאַן. זי זינדיקט נישט, חלילה קעגן איר אַלעקסן. זי איז ווײַט דערפֿון. זי לעבט מיט אַלעקסן ווען ער איז נישט מיט איר, דאַגהט פֿאַר זײַן געזונט. זי ווייסט, אַז ער דאָרט מעבר לים, איז מיט איר, בענקט צון איר, צו זײַן טאָכטער.

אַצינד האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם אָנבאָט צו קאָכן פֿאַר אים, חיימען, מיטאָגן. ער טריקנט אַוודאי אָפּ די טעג. נישט מעג־לעך ער זאָל טאָג נאָך טאָג אויפֿהייבן זיך און גיין אין רעסטאָראַן הין און צוריק אויף מיטאָג. ס׳איז נישט נאָר אַ פֿראַגע פֿון געלט. ס׳איז טירחה, ס׳איז שווער אַפֿילו פֿאַר אַ יונגערן מענטש. חוץ דעם געדענקט זי: טאָגטעגלעך האָט זי אים געזען אין די מיטאָג־שעהען זיצן אויף דער באַנק מיט אַ צײַטונג אין האַנט. זאָגט ער ליגנט? ער האָט מסתּמא זײַן תּירוץ דערויף: „צוליב אַן אמת מעג מען זאָגן אַ ליגנט” — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט. אלא, אָננעמען, אַז ער קאָכט זיך אַליין מיטאָגן, לייגט זיך אויך נישט אויפֿן שׂכל. ס׳איז אויך אַ טירחה און ס׳איז נישט פֿאַר זײַן געדולד, נישט אין זײַן כאַראַקטער. עס איז אויך נישט, מיינט זי,

קיין נויטווענדיקייט. ער איז זיכער געוווינט צו אַן האַרטנעטיק שווערלעכער, אַליייניק לעבן.

איין מאָל — האָט ער דערציילט — געפּרוּווט אַליין צונויפ־שטעלן אַ מיטאָג. ס׳איז אים דווקא געלונגען. אַ גוטער מיטאָג געווען — האָט ער זיך געחכמעט — חוץ דעם טעם. דאָס ערשטע און ס׳לעצטע מאָל איז עס געווען. למען האמת האָט זי פון לאַנג געטראַכט אים פּראָפּאָנירן די זאַך. ס׳איז פּשוט נישט אויסגע־קומען. די בחיפּזונדיקע שמועסן האָבן נישט געגעבן קיין גע־לעגנהייט דערויף. זי וועט שוין לענגער נישט וואַרטן. ביי דער נאָענטסטער באַגעגעניש וועט זי אים דערמאָנען. ס׳איז אויך, דעם אמת געזאָגט, פאַר איר אַ פאַרגעניגן פאַר אים דאָס טאָן. ער וועט נישט האָבן קיין ברירה און מסכּים זיין, דער שטאָלצער אַלטער מאַן. דאָ געפּאַקט און געמאָזלט. לאַנגע יאָרן לעבט ער אַליין, ווייט פון די זין, אייניקלעך אוודאי שוין גרויסע, אפשר שוין טאַטעס, זיידעס. ס׳וועט אים אויך שמייכלען אַזאַ פאַרשלאַג ווען ער קומט פון איר, זיין פריינדין.

איין מאָל אין דער וואָך וועט געגוגענען, מיינט זי. ער וועט נאָר דאַרפן יעדן טאָג דערוואַרעמען אַביסל אויף מיטאָג.

אַז מ׳וויל איז עס אַ נאַרישע זאַך אָפּקאָכן אַ מיטאָג. באַטש פאַר חיימען דאַרף עס זיין וויכטיק; יעדן טאָג אַ וואַרעמער לעפל געקעכטס. אַ סבֿרא, אַז אויך פאַר איר, ביי איר אין קאָפּ פאַרנעמט עס אַ סך אָרט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געפּלאַנט ווי אַזוי אָרגאַניזירן מיט אַ באַגעגעניש. בלערליי רעיונות, פאַרטלען, חלומות. אַ פּלאָנטער אין קאָפּ, חלום און האַלוצינאַציע. אַלעקס געשטאַלט פּלאָנטערט זיך אין מיטן. אָט פאַרוואַנדלט זיך עס אין חיימס. חיימס יוסטע געשטאַלט, פעסטן קאַרק, ווייסער קאָפּ האָר און אַלעקס׳ פּנים. זיין איידל־געפאַרעמטע פּנים, יונגע טראַציקע אויגן. אָט שמייכלט עס, אָט — ברוגזט זיך זיין נאָז. ער קוקט אַוועק פון איר, דרייט אָפּ דעם קאָפּ. וואָס טוט זיך מיט איר? שלאָפט זי, איז זי וואַך, דרימלט. זי דרייט זיך פון איין זייט אויף

דער צווייטער, קאָן נישט שלאָפן און איז נישט וואַך. אַט הערט זי עטלעכע ווערטער אירע, געדענקט נישט וואָס זי האָט געזאָגט. זי שרײַט, וועקט זיך איבער פון אייגענעם געשריי, זעט אַז זי איז אַליין אין בעט, רוקט זי אַרויף די קאָלדרע איבערן קאָפּ און פּרוווט אײַנשלאָפן.

אין דער פרי איז זי אויפגעשטאַנען מיט קאָפּווייטיק. די גע־לענקען האָבן געבראָכן, אַ מידקייט פּײַניקט די אויגן. שאָטנס פינצטערן אַרום זיי. נעכטן, אַ טאָג פריִער, איז שורה געווען, געגעבטיקט. אַ שאָד, אַ שאָד וואָס זי איז הײַנט אַליין.

מיטן שאַריען אויף טאָג האָט די פאַרשלאָפנקייט אויפגעטײַעט, זיך צעגאַנגען ווי אַ נעפּל. אַ נײַער טאָג פון אַרבעט האָט איר וואָכעדיק געמאַכט.

אין דער פרי, אַזייגער נײַן האַלב צען נאָכן אָנבייסן איז זי אַרויס פון שטוב אין אייַלעניש. אַ זייגער צען דאַרף זי זײַן אין בוטיק, אַ האַלבע שעה נסיעה מיטן אויטאָבוס. ס'וואַרטן אויפן אויטאָבוס — האָט זי דרויסנדיק פון טרעפּנהויז דערוויַיל געכאַפּט אַ קוק אין פּאָסטקעסטל. יאָ, אַ בריוו. אַ בלויען קאָנווערט האָט זי געזען דורכן שפּעלטל — תּמיד אַ בלויער קאָנווערט — אַ בריוו פון אַלעקסן.

דעם טאָג איז די אַרבעט, די שטוב, אַלע שטובן פול געווען מיט אַלעקס פּנים, מיט זײַן קול, זײַן אָטעם, זײַנע רייד און זײַנע טריט, מיט זײַנע רירעוודיקע באַוועגונגען אין שטוב, צום אָנקו־מען און אַוועקגיין. וואָס זי זאָל דעם טאָג נישט האָבן געטאָן, נישט געטאָן, אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג, זשורנאַל — איז איר אין דמיון אין האַרץ נאָכגעגאַנגען אַלעקסאַנדער. ער איז נישט אַרויס פון אירע אויגן.

דער בריוו — גראָד האָט זי, זי ווייסט נישט פאַר וואָס, דער־וואַרט אַ גוטן בריוו — האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. „ער פילט זיך נישט בײַם בעסטן געזונט”. אַזאַ זאַך איז איר גאַרנישט אײַנגעפאַלן.

אַז ער אַרבעט נישט דאָרט בײַ וואָס ער האָט געמיינט, אַז ס'איז אומעטיק שווערלעך דאָס זײַן אַליין — ווייסט זי פון די פּריוועדיקע בריוו, בריוולעך. „אַ וויזיט בײַ אַ דאָקטער, רעצעפּטן, קאָסט זייער טייער". „נאָר די גבירים אדירים קאָנען זיך דעם לוק־סוס פּאַרגינען" — איז שוין פּאַר איר נישט קיין נייעס. אין די קרומע שורות, לויזע, צעצויגענע און אין די ווערטער זעט זי ווי זײַן אומזיכערע האַנט האָט זיי געשטעלט. אָט וואָס עס וווּנדערט איר. נישט זײַן סטיל, נישט זײַן לשון, נישט אין זײַן כאַראַקטער אַזאַ שרייבן. אַלעקס דער שיינער, געטרייער, וואָס איז מיט אים גע־שען? אַלע יאָרן דאָהי קיין איין טאָג נישט קראַנק געווען. איין און איינציק מאָל, בעתן מעסטן דעם בלוטדרוק אין קופּת חולים, האָט ער זיך געחכמהט מיט דער דאָקטאָרין בײַם עפּענען אים אַ קראַנקן־קאַרטע, אַ קאַרטאָטעק: „אין קופּת חולים איז ווי אין שטייער־אַמט: איין מאָל עפּנט מען אַ תיק, קאָן מען פון אײַך נישט פּטור ווערן". געזאָגט האָט ער עס אָקעגן די פּראָבלעמען וואָס ער האָט געהאַט מיטן עפּענען ס'ביוראָ, נאָך לאַנגע אָנסופי־קע אונטערהאַנדלונגען מיט די אָנגעשטעלטע אין שטײַעראַמט. מיט אַ „גיי" און „קום". זאָל אויך דאָס האָבן גורם געווען ס'אַנט־לויפן קיין אַמעריקע?

וואָס אים איז געוויר האָט ער נישט געשריבן: אַ פאַרקילונג, אַ קאַטאַר, צעבראָכן, חלילה, אַ האַנט, אַ פוס — האָט ער מן הסתם בכיוון נישט געשריבן, נישט געוואָלט איר, דער טאָכטער מצער זיין. בײַ איר, פאַרקערט, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ פּאַניק. אַ געפיל האָט איר אונטערגעזאָגט, אַ ביטער פאַרגעפיל, אַז עפּעס איז מיט אים נישט אין אָרדענונג. למען האמת האָט זי די עטלעכע שעה אין בוטיק זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. די אַרבעט אין בוטיק איז דער עיקר אַ שטייענדיקע. צי קומט אַ קונה צי נישט (מערסטנס פרויען) — טאַפּן, מעסטן, פרעגן אויף פרײַזן, קויפן, קויפן נישט — שטיין אויף די פיס דאַרף מען. זי האָט יאָ און נישט געוואָלט שורהן דערציילן, אָבער ווי קאָן מען פון איר

זיך אויסהיטן. זי וועט דאָך זיכער פרעגן „וואָס שרייַבט דער טאַטע?" זי וועט אויך אין איר פּנים, אין אירע נערוועזע באַוועגונגען זען, אַז עפּעס קומט מיט איר פּאָר. ניין, זי וויל נישט, זי וועט קיין ליגנט נישט זאָגן. שורה איז נישט קיין קליין מיידעלע. זי דאַרף, זי מוז וויסן.

ס'איז גוט שלעכט — זאָגט זי צו זיך.

אַ דונער מיט אַ בליץ גייען טאַקע צוזאַמען, אָבער פון „בליץ" — „אַמעריקאַנער גליקן" — איז פּנינהן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער דונער האָט נישט פּאַרשפּעטיקט קומען:

אַ טעלעגראַם פון אַ ברוקלינער שפּיטאָל: „הער אַלעקסאַנדער רייַנער ליידט פון אַ טיילווייַזן פּאַראַליז. איר ווערט געבעטן שיקן אַ שוועסטער אויף באַגלייטן אים צוריק קיין ישׂראל אויף המשך־באַהאַנדלונג".

די „קראַנקנשוועסטער" איז געוועזן שורה. באַקומען אַ באַפרייַונג פון צה"ל אויף אַהיימברענגען איר טאַטן פון אַמעריקע.

9

אַ געמיש פֿון שרעק, שווידער און אָנמאַכט האָט אַרומגעכאַפּט מאַמע און טאָכטער מיטן אַרײַנברענגען אויף אַ ליגבעטל אַלעקסאַנדערן אין שטוב אַרײַן. אַ האַלבגעלײמטער ליגט ער. רעדן קומט אים אָן שווער. די צונג פּלאָנטערט זיך צווישן די ציין. מיט אָנשטרענג פּלעטשעט ער ווערטער נישט צום פֿאַרשטײן. פֿרעגט אים שורה אָדער פּנינה עפּעס — מאַכט ער אַ מינע אויף ענטפֿערן און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין. אַלעקסאַנדער רײנער וויינט, ווי אַ קליין קינד. שורה ווישט זײַנע טרערן, פּרוווט אים באַרויִקן, שורה ווישט מיט אַ טיכעלע דעם גאַווער פֿון מויל, גאָמבע. ביידע, מאַמע און טאָכטער, בייגן אָפּ די קעפּ, שטומען. אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט האָט ס׳שפּיטאָל מיטגעשיקט — אַ קראַנקן־ביולעטין און אַ ווענדונג צום הויפּטדאָקטער וועגן צוטיילן באַלדיקע הילף דעם קראַנקן.

עפּעס מער פֿון אַ וואָך האָט מען דעם קראַנקן געהאַלטן אין שפּיטאָל. נאָכדעם אים איבערגעשיקט אין אַ שיקום־אַנשטאַלט.

מיט צוויי אויטאָבוסן, צופֿוס אַ שטיקל וועג, איז פּנינה געפֿאָרן טאָגטעגלעך אין שיקום־אַנשטאַלט. יעדעס מאָל געברענגט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן: אַ לעפּל געקעכטס, קאָמפּאָטן, אַ טרונק.

פּערטל, האַלבע שעהען און שעהען האָט גענומען ביז זי האָט אים אַרײַנגעגנייט עפּעס פֿון מיטגעברענגטן, ביז ער האָט געעפֿנט, אָדער זי האָט אים געעפֿנט ס׳מויל. האָט אויך געטראָפֿן, אַז דעם לעפּל געקעכטס אָדער טרונק האָט ער נישט פֿאַרדײַעט. ווידער אַ ווישן ס׳פּנים, דעם האַלדז פֿון פֿאַרגיסעכטס.

דאָס נישט עסן שוואַכט אים נאָך מער אָפּ. דאָקטוירים, די

שוועסטער־פיזיאָטעראַפיסטינס טענהן, אַז אָן באַטייליקן זיך פון קראַנקן אין די איבונגען וועט קיין רפואה נישט קומען. אַז די נאַטור, דער גורל, גאָט — רופט עס ווי איר ווילט — טוט אירס, העלפט די מעדיצין.

פנינה טרעט נישט אָפּ פון מאַנס קראַנקנבעט. שורה קומט אויף שעהען לאַנג פון דער מיליטער־באַזע גלייך אין שפּיטאָל אַריין, העלפט דער מאַמען. דאָ ווו אַ ווייב, אַ טאָכטער לייגט צו אַ האַנט וועלן געניטע שוועסטער־הענט נישט גרייכן, נישט אויפטאָן דאָס וואָס איין האַנט טוט אויף. פנינה, חלילה, זי זאָל מיד ווערן. פאַרקערט. מיט די טאָגטעגלעכע וויזיטן אין שפּיטאָל אַהין און צוריק האָט זי דערפילט אַ צופלוס פון פרישע כּוחות. אומאויסשעפּלעכע כּוחות האָבן זיך אין איר אַ וועק געטאָן.

„אבא, אבא", „אַלעקס טייערער" — בעטן זיך מאַמע און טאָכטער הערן פון אים אַ וואָרט. אין גאַנצן אויפגעהערט רעדן, באַוועגט נישט מיט קיין אבר. ער מאַכט אַ וויינענדיקע מינע, אַ לעפל פון אויג גיט זיך אַ ריר — אַ סימן, אַז ער הערט, אָבער קאָן נישט ענטפערן.

אין די פרייע שעהען פון די איבונגען איז פנינה שוין דאָרט, אויך אין די נאָכמיטאָג־שעהען. זי וויל זיין דערביי, פנינה. זי וויל מיט אירע אויגן זען וואָס מ'טוט מיט אים. מיינט אפשר וועט איר אַנוועזנהייט אין אים אויפוועקן אַן אָדערל, אַ געפיל וואָס זאָל אים אַ ריר טאָן פון דער געליימטקייט. ווי צו די אויגן וואָס זיי זען: צוויי מיידלעך, יונגע שוועסטער, מאַסאַזשירן זיין גוף, פּיסמוסקולן, הענט, הייבן אים, קנייטשן אים, קאַטשען אים אַז ער זאָל רעאַגירן מיט אַ תּנועה, אַ סימן פון אַ תּנועה. אַלעקס, איר שיינער שטאַלטנער מאַן, ס'פּנים אָפּגעמאָגערט, שטייפע קינען, ס'מויל זייטיקלעך פאַרקרומט. די אויגן, זיינע ליכטיקע טונקלגרינע אויגן, אויסגעלאָשן, פאַרצויגן מיט פאַרנעפּלטע הייטלעך — גלאַנצן פאַרגלייזט. אַ לעבעדיקער נערוו זאָל אין זיי, אַרום זיי אַ ציטער טאָן.

אויסגעשריבן אים. איבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל מיט אַ צור־גאַב־ביולעטין מיט גענויע פּרטים, דיאַגנאָזעס וועגן מצב פון חולה.

פנינה טרעט נישט אָפּ פון בעט. אומגליקלעכער אַלעקס — באַווייגט זי אים שטיל, אין זיך. אַ האַרציק געוויין. זיין שטומקייט, זיינע ליידן, זיין גבורהדיק איבערטראָגן די יסורים הייבט אים אויף אין אירע אויגן צו אַ הייליק־געפּייניקטן, שטעקט אויך זי אָן מיט אומגעהייער גבורה. זי ווייסט, אוי ווייסט זי, אַז די קראַנקייט קאָן ווער ווייסט ווי לאַנג זיך ציִען. און קיין רפואה איז נישטאָ. אומ־מעכטיק איז די מעדיצין צו אַזאַ קראַנקייט.

וואָלט זי אַ פרומע געווען, אַ גלויביקע ווי איר מאַמע עליה השלום, וואָלט זי פאַרהויבן די אויגן צו גאָט, געבעטן סליחה ומחילה פאַר זיינע זינד קעגן איר, זיין ווייב. ניין. זי האָט צו אים גאָרנישט. זי איז אים מוחל. פון ליבשאַפט צו איר, צו דער איינ־ציקער טאָכטער איז ער דאָך געפלויגן מעבר לים, פאַר זייער טובה וועגן. גוט פאַרדינען, מאַכן אַ לעבן. אָבער גאָט האָט גע־וואָלט אַנדערש. דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

אויך די נעכט פנינהס זענען קיין נעכט נישט. זי האָט גע־בעטן בלייבן אין שפּיטאָל נאָענט פון מאַן ווי לאַנג עס לאָזט זיך סיי ווי שלאָפט זי נישט ביינאַכט. נישט איין מאָל איז זי אומגעזען, אָדער מ'האָט זיך געמאַכט נישט זען — געבליבן אַ נאַכט ביז אין דער פרי צו ביקור חולים פון די דאָקטוירים.

ווו זי נעמט כוח? זי האָט אפילו נישט קיין צייט צו טראַכטן דערפון. זי האָט ליב איר מאַן. ליבע מיינט ליידן. אוי, קאָן זי ליידן.

גוט וואָס שורה ברענגט אַהיים אַ נישקשהדיקן געהאַלט. איר מאַמע עליה השלום, וואָלט געזאָגט: „גאָט שטראָפט מיט רחמים". אַ, די מאַמע, איר טאַטע, די צוויי ייִנגערע ברידערלעך. ווער ווייסט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. דער פרומער טאַטע וואָלט געשעפּטשעט אַ תפילה: „גאָט שטראָפט ווי אַ טאַטע שטראָפט אַ קינד: אַ פּאַטש און אַ גלעט". איר טאַטע־מאַמע.

דאַכט זיך פֿאַרגעסן אין זיי. אַ, ניין. אין אַן עת צרה קומען זיי, גייען איר נאָך שריט און טריט. אין די נעכט — צו חלום קומען זיי. קומען אַרויף פֿון איר תהום צער. זיי גיבן איר כּוח אויסצו־האַלטן. וואָס דען האָט זי צו טאָן? נעמען זיך ס׳לעבן? ווער אים, אַלעקסן, גרינגער ווערן? און שורה — אַ יתומה. פֿאַרט אַ טרייסט פֿאַר אַלעקסן זען זי דאָ. אַנדערע קראַנקע הערט זי שרייען: „שוועסטער, שוועסטער!” און זעט קיינעם נישט צוקומען. די בעטענישן, געשרייען הערן נישט אויף, קלינגען איר אין די אויערן לאַנג נאָכן פֿאַרלאָזן ס׳שפּיטאָל. איין מאָל צוריק אויפֿן וועג אין שורה׳ס מאַשינדל פֿרעגט זי איר:

— הערן זיי נישט, די שוועסטער, ס׳רופֿן?

— אמא, אַ שוועסטער, אַ דאָקטאָר, קאָן נישט, טאָר זיך נישט איבערנעמען מיטן צער פֿון קראַנקן, חוץ טאָן אַלץ וואָס עס פֿאָדערט זיך און ס׳געלינגט צו לינדערן יעדן איינעמס ווייטיקן. דאָס זעלבע, אמא, אַ גענעראַל, אַ גרויסער מיליטערמאַן. דער דאָקטאָר, די קראַנקנשוועסטער זענען אַלע קראַנקע, אַזוי אין אַלע שפּיטעלער. דער גענעראַל, דער מאַיאָר, ביזן לעצטן מיליטער־ראַנג זענען די אַרמיי כאָטש זיי ווייסן, אַז זי רעקרוטירט זיך פֿון יחידים, פֿון איינציקע זעלנער.

— מ׳זעט דעם וואַלד, נישט דעם בוים, שורה.

— נישט אמת אמא. ווען אַ שלאַכטמאַן וואָלט געזען דעם איינציקן זעלנער, וואָלט ער אים נישט געקענט שיקן אויפֿן פֿראָנט אויספֿירן באַפֿעלן, אַקציעס, וואָס ענדיקן זיך מיט טויט אָדער שווערע לײַדן, יסורים.

— אָבער דעם קראַנקן טוט דאָך ווי, ער דאַרף אַ באַלדיקע הילף.

— דערויף איז ער אין שפּיטאָל, נישט אין דער היים.

— שורהלע, שנעל זיך אויסגעלערנט די מיליטערישע תּורה.

— אמא, רחמנות, סענטימענטן איז עפּעס אַנדערש, אויס־פֿירן אַ פֿליכט, אַ באַפֿעל איז עפּעס אַנדערש.

אומגליקלעכער אַלעקסאַנדער — האָט פנינה שטיל אַ זיפץ געטאָן — ווען ער זאָל וויסן ווי ליב איך האָב אים. אַ געפּענ־טעטער פון גורל ליגט ער. צי ווייסט ער, צי דערקענט ער באָטש זײַן ווײַב און טאָכטער? איין גאָט ווייסט וואָס אין אים קומט פאָר. אַ פינטל מיט אַן אויג זאָגט אויך אַ סימן פון לעבן. זי קאָן נישט צוקוקן. זי קאָן נישט אַוועקגיין פון קראַנקן־בעט. ער קאָן דאָך אַפילו נישט שרײַען, רופן אַ שוועסטער קוים טוט אים וויי.

10

— שלום, פנינה.

— ווער רעדט?

— חיים.

— אוי, חיים, נישט דערקענט דאָס קול.

— נו, איצט דערקענט?

— חיים קרוין, דערקענט, דערקענט.

— דײַן קול איז מיר עפּעס ווי פאַרענדערט. איז וואָס געשען?

— פרעג נישט, חיים, כ׳ווייס נישט. יאָ געענדערט, נישט געענדערט — — —

— איך וואָלט וועלן דיך זען.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, חיים, ס׳איז גוט שלעכט. אַוודאי וואָלט מען זיך באַדאַרפט זען. פּנים אל פּנים, געוואָלט מיט דיר איבעררעדן געענוי וועגן דעם וואָס כ׳האָב דיר פּראָפּאָנירט און נאַדיר אַזאַ אומגליק.

— יאָ, עפּעס האָב איך געהערט.

— נו, קלינגט מען נישט אָן?

— וואָס האָב איך איצט געטאָן?

— גוט געטאָן, חיים, מיטן קלונג. איצט אײַל איך זיך אין שפּיטאָל אַרײַן. איך בין צעטומלט, כ׳ווייס נישט וואָס מ׳הייבט אָן צו טאָן.

— וואָס קאָנסטו מער טאָן ווי זײַן יעדן טאָג אין שפּיטאָל, ווי איך האָב געהערט פון מענטשן, שכנים. ס׳איז נישט טעלעפאָניש, פנינה. כ׳קלער צוכאַפּן זיך אין אָוונט וועט מען זיך אַדורכרעדן.

— קום, חיים, ווען דו ווילסט. הײַנט אָונט, מאָרגן. איך בין אומגליקלעך. אויך שורה, די טאָכטער. זי נעמט זיך שטאַרק איבער. שלום, חיים.

איבערגעריסן. חיים האָט געהערט ס'נערוועזע אָוועקלייגן ס'טעלעפאָן־טרייבל. ערשט איצט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די קלאַנגען וועגן אַלעקסאַנדערס צוריקקומען פון אַמעריקע, בעסער געזאָגט, ס'צוריקברענגען אים אַ קראַנקן, איז אמת — רעדט חיים צו זיך. אמת, אָבער נישט אויף אַזויפיל. פּאַראַליזש, שיקום־אַנשטאַלט. אומגליקלעכע פנינה, שורה. ער דאַרף — האָט ער נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן — וואָס פריִער זיך צוכאַפּן צו זיי. נייטיקן זיך אפשר אויך אין מאַטעריעלער הילף: אַ שטיצע, אַ הלוואה, אַ באַנק, אַ זשירע. ער וועט איר נישט פרעגן. זי וועט נישט זאָגן. זי, זיי זענען אַנמאַכטיק. ס'האָט זיי שווער, ביטער אומגעריכט געטראָפן. ער וועט נישט וואַרטן אויף אַ טעלעפאָן, נישט פרעגן ווען זי איז אין שטוב. הײַנט אָונט איז ער דאָרט.

די טיר איז געווען פאַרמאַכט. צוריק אַראָפּ פון צווייטן גאָרן, אין טרעפּן־הויז האָט ער געטראָפן פנינהן צוריק פון שפּיטאָל. ביידע האָבן געשוויגן. „וואָס הערט זיך" — איז אים אויסגעקומען נאַריש, באַנאַל צו פרעגן. שווייגנדיקערהייט האָבן זיך ביידע צוגעזעצט — פנינה אויף דער קאָזעטקע, חיים אויף אַ שטול לעם טיש. פנינהס פנים — נישט צו דערקענען. אומעטיקע אויגן. פאַרשאָטענע קישעלעך אַרום זיי, בלאַסבלויע ליפּן וואָס כאַפּן די מראה פון מילץ. מענטשן, פרויען, אַ מאָל, אויך הײַנט, וואָלטן אויף אַזאַ פנים געזאָגט: אַ שענערס לייגט מען אין דר'ערד אַרײַן. עפּעס האָבן דאָכט זיך אירע ליפּן געמורמלט, זיך געעפנט און צוריק געשלאָסן, געוואָלט עפּעס זאָגן מן הסתם און חרטה גע־קראָגן.

— פנינה, זײַ שטאַרק — האָט ער אָן אַ טראַכט טאָן אַרויסגעזאָגט.

און ווידער שטיל. מה נאמר ומה נדבר — האָט חיים צו זיך

געזאָגט. פנינה האָט קאָנטיק נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שטיל־שווײַגעניש און ווי צו זיך אַליין אָנגעהויבן רעדן:

— אַזוי דין די גרענעץ פון לעבן און נישט־לעבן. ליגט אַ געליימטער, רירט נישט מיט קיין אבר. כ׳וואָלט שוין באַדאַרפט צוריקפאָרן. כ׳קאָן אים דאָרט נישט לאָזן אַליין.

— זיץ אונטער, פנינה. רו זיך אָפּ אַביסל. דאַרפסט די כּוחות אויף מאָרגן, איבערמאָרגן.

— מײַן ליבער אַלעקס. מײַן ווייטיק איז צו גרויס איך זאָל אים איצט נישט ליב האָבן.

— וואָס פאָלט דיר אײַן, פנינה? ווער רעדט איצט וועגן ליב האָבן, נישט ליב האָבן?

— גלייב מיר, חיים, איך ווייס נישט וואָס איך רעד. כ׳ווייס נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

— קודם הײַנט, פנינה. האָסט אויפגעהערט אַרבעטן האָסטו מיר געזאָגט. נייטיקסטו זיך אפשר אין אַ קליינער הלוואה?

זי האָט געשוויגן. חיימען האָט זיך אין די רגעס אויסגעוויזן, אַז זי הערט נישט, צי מאַכט זי זיך נישט הערן. אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק, זײַנס אַ פרײַנד פון אַ סך יאָרן, קאָן עס אים מאַכן חד־שתיים — גיט ער צו.

פנינה האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע, מידע אומעטיקע אויגן:

— איך נייטיק זיך נישט אין גאָרנישט. אַ הילף דאַרף איך, מײַן מאַן זאָל געזונט ווערן.

— מ׳דאַרף געדולד, אַ סך געדולד, פנינה.

— אין וועלכער אַפּטייק קאָן מען דאָס קויפן?

— דײַן געדולד איז פאַר אַלעקסאַנדערן אַ הילף.

— אַ דאַנק דיר, חיים. ביסט מײַן בעסטער נאָענטסטער פרײַנד. גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן. דו פעלסט מיר אויס. וואָס הערט מען ביי דיר? געוואָלט אַפילו מיט דיר איבעררעדן וועגן, נו, כ׳מיין אַ לעפל וואַרעם געקעכטס פאַר דיר יעדן טאָג.

— ליגט דיר איצט דאָס אין זינען?

— איך האָב דיך תּמיד אין זינען. דײַן פרײַנדשאַפט שטאַרקט נאָך מער מײַן ליבע צו אַלעקסן.

— כ׳גלייב דיר, פנינה. פרײַנדשאַפט און ליבע זענען צוויי באַזונדערע זאַכן.

— כּל הכּבוד דיר, חיים. איך מוז איבעררײַסן, חיים. כ׳הער עפענען די טיר. די טאָכטער קומט. מיט איר מאַשינדל פון דער באַזע קומט זי. מירן ביידע צופאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן.

— ווען וועלן מיר נאָכאַמאָל רעדן פּנים אל פּנים?

— ווען דו ווילסט, ווי אַזוי דו ווילסט. פרעג מיך אַצינד ווייניקער.

★

אויפן וועג אין שפּיטאָל אַרײַן האָט שורה אין מיטן פון אַן איבעררייד געפרעגט:

— ווער איז דער זקן, דער סינילי, אמא?

— רעד נישט אַזוי. ער האָט אַ נאָמען, שורה. אַ פרײַנד, אַ נאָענטער פרײַנד. געוואָלט וויסן וואָס דער טאַטע מאַכט.

— איך זע אים איצט דאָס ערשטע מאָל.

— איז פאַר וואָס סינילי?

— סליחה. ווי אַזוי הייסט ער?

— חיים, חיים זיסקינד. אַ פײַנער מאַן. איינער פון די אַמאָ־ליקע, פון די ערשטע חלוצים. נישטאָ אַזעלכע הײַנט.

שורה האָט, נישט אָפּקערנדיק צופיל דעם קאָפּ פון די הענט אויפן רול, געוואָרפן אַ זײַטיקן ערנסטן בליק אויף דער מאַמען. פנינהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר טאָכטערס קוק איז מיט חשד. פאָרשט איר, הייסט עס, — זאָגט זי צו זיך, פנינה — נישט אַנ־דערש, אַ חשד אַז איר מאַמע באַהאַלט עפּעס אויס פון איר. „ס׳ערשטע מאָל זעט זי אים״. איר טאַטע איז אַזוי קראַנק און די מאַמע רעדט וועגן אַ פרײַנד, אַ נאָענטער פרײַנד. אַ שטיק געזונט קאָסט עס איר. אַן איינציקע טאָכטער, איר טרייסט און

איר האָפענונג זאָל מיינען, אַז זי פּאַראַט, חלילה, איר טאַטן? אַזויפיל צרות פאַרשאַפן איר דאָס קליינע שורהלע. עפּעס אַ דזשענטעלמאַן־באַהעם זאָל איר האָבן פאַרטשאַדעט דעם מוח. צוויי־דריי יאָר זיך געמאַניעט, ווי אויף דער עולם התוהו זיך גע־דרייט אין שטוב. צרות, צער גורם געווען איר מאַמען און איר טאַטן. אַצינד פאַרשט זי איר מאַמען: „ווער איז דער זקן, דער סינילי?"

אין שפּיטאָל זענען פנינה און שורה געשטאַנען איבערן בעט פון חולה. פנינה האָט געפּרווט אַרײַננאַרן אים עטלעכע לעפל פון ייַכל, וואָס זי האָט פון שטוב געבראַנגט. פולע און האַלבע לעפל מיט כּוח געשטופּט אין פאַרמאַכטן מויל אַרײַן: אַ פאַר־שלאָסן, פאַרשטשעמט מויל. ס'ביסל יויך האָט זיך פאַרגאָסן, צע־רינען איבערן מויל, אויפן האַלדז. שורה האָט מיט אַ טיכעלע געווישט, געריייניקט דעם טאַטנס פּנים פון פאַרגיסעכטס. אַלעק־סאַנדערס אויגן, פאַרגלייזטע, פאַרצויגן מיט אַ פּראָסטיק הייטל האָבן געקוקט אויף איר. אַ ספק צי ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז זײַן טאָכטער.

דער בייזלער־קאַלטער קוק האָט שורהן ווי אָפּגעיאָגט פון בעט. פנינה האָט זיך דערנענטערט. ווער ווייסט וואָס ער לעבט אין די רגעס איבער, אַלעקס — האָט זי שטיל אַרײַנגעזיפצט אין זיך.

זי האָט גענומען זײַן האַנט אין אירער, געפּרווט אַ ריר טאָן מיט זײַנס אַ פינגער, געגלעט, געוואַרט, געוואַרט אויף אַ מינדסטן ריר פון אַ שפּיץ פינגער, מיט אַן אַפּל פון אַן אויג, אַ באַוועג מיט אַ ליפּ. גאָרנישט. אַלעקסאַנדער — אַ פלאַנץ. ער האָט נישט דעם באַוווּסטזײַן פון זײַן לעבן.

— גענוג, אמא, זעסט דאָך... (מן הסתם נישט געוואָלט זאָגן, אַז ער ליגט אַ גערלײמטער).

אומבאַהאָלפענע, אוממעכטיקע זיצן ביידע לעם בעט. שטומען פינצטער, ווי דער דריטער, דער חולה, מאַן און טאַטע. אַ גראָ־

לעבער אָנוווּקס באַדעקט דאָס שײנע מאַנצבילישע פּנים ביז אַראָפּ דעם האַלדז. אויך די האָר פון קאָפּ באַדעקט אַ יונגע ווײַס־קייט, ווי אַ נאַרוואָס געפאַלענער שניי — צעשויבערט, צעוואָרפן ביז איבערן שטערן, אויערן, ביידע זײַטן שלייפן באַוואָקסן. פּנינה פּרוווט מיט אַ קעמעלע אַביסל אין אָרדענונג ברענגען די ווילדע באַוואָקסנקייט אַרום דעם קאָפּ — דער אָקערשט נעכטן־אייער־נעכטן פּאַרהויבענער שטאָלצער קאָפּ פון איר מאַן. ווײ צו די אויגן, וואָס זען דאָס. מאַמעס און טאַטעס ליפּן שווייגן. „טויזנט וועגן האָט דאָס אומגליק, די קאַטאַסטראָפע" — זאָגט שורה צו איר מאַמען.

„אַמעריקע" — שאָקלט פּנינה צו מיטן קאָפּ, אַ שטייגער דער צופאַל, די קאַטאַסטראָפע איז געווען צוליב אַמעריקע (משנה מקום — משנה מזל). און דאָהי וואָלט עס נישט געקענט געשען? אַ ווייטיק, ווי אַ מעסער אין אַ מערדערישער האַנט, האָט אַ שניט געטאָן אין פּנינהס האַרץ. זי האָט דאָס צוגעזען, געהערט פון זײַן, אַלעקסאַנדערס, מויל. ער פאַרט קיין אַמעריקע, און געשוויגן. פון ליבשאַפט צו אים פון אײַנזען, פון מיטפילן אים און זײַנע פּלענער. זײַנע נאַרישע חלומות, וואָס האָבן זיך דאָ אויסגעלאָזט אַ בוי־דעם — געשוויגן. „ניין, אַלעקס" — האָט זי באַדאַרפט אַ געשרײ טאָן. אלא, דער שׂכל איז אַ קריכער — זאָגן מענטשן. גערעכט, כּשר גערעכט. ניין. מ׳טאָר זיך אַליין נישט נאַרן. אין איר האַרץ, אין איר געמיט האָט דאָך און פאַרט געטליעט אַ האָפענונג: „אפשר איז ער גערעכט". אויב נישט אַצינד, ווען דען?

אויך זי האָט באַשײַמפּערלעך געזען, אַז עס גייט נישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן: נישט מיט דער אַרבעט, נישט אין ביוראָ פאַר אויספלוגן. אַלעקס — אומדערמידלעכער, אומרויִקער מו־זיקער.

11

חיים. דער פּענסיאָנערן־קלוב אָרגאַניזירט אַן אויספלוג קיין זכרון יעקב. ער איז דער עלטסטער חבר אין דעם קלוב. דער ערשטער, קאָן מען זאָגן, גרינדער פון דעם קלוב. אפשר דער לעצטער פון זײַן דור, „די שומרים״. די הײַנטיקע פּענסיאָנערן זענען דעמאָלט געווען ייִנגלעך, יונגעמאַנטשיקעס. חוץ דעם ליגט אים אין זכרון גוט אין די ביינער די ערשטע סטאַציע נאָך יפוער פּאָרט. באַלד פון דער שיף, אָן פּעק, וואַליזקעס, כמעט מיט ליי־דיקע הענט. אַ קלומעקל אויף די פּלייצעס — האָבן אים די לודקע־לײַט אַרום דער שיף, פעסטע געזונטע יונגען, האַלב־נאַקעטע מיט פאַרקאַטשעטע הויזן אַן פרעגן אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ די לענדן און אַרײַנגעזעצט אין אַ לודקע. און אָט איז ער אויפן ברעג. די ערשטע סטאַציע — זכרון. רויטע דאַכלקעס, נידע־ריקע הײַזקעס. אַ „הויז״ פון איינעם אַ בויאַרבעטער, אַליין מיט אייגענע הענט אויפגעשטעלט דאָס ערשטע „הויז״ אין ישוב — וואָס איז געווען דאָס הויז פאַר עולים. אַ „האָטעל״, אַ „רעסטאָ־ראַן״, ווו מ׳קאָן אויך אָן געלט כאַפּן אַ ביס.

זכרון — אַ גרינע באַרגאַרויפיקע באַרגאַראָפּיקע געגנט. אָנ־געהויבן בײַ ערד־אַרבעט, געוואָרן אַ שומר. געריטן אויף אַ פערד און נישט סתּם אַ פערד, אַ פערדל פון די נגב־מדבריות. אַן איידעלע, מיוחסדיקע חיה. שלאַנקע, שטאַרקע פיס, אויסגעטאָקטע שענקלען, אַ האַלברונדיקער לענגלעכער האַלדז, אַ פעסטגעבויט שיין געשטאַלט פון אַ חיה. אַראַבער שאַנעוועז אַזאַ פערד מער ווי ס׳ווײַב. אין פאַל פון אַ סכּנה, איידער דער רייטער דערזעט זי, זעט שוין די זעעוודיקע שפּירעוודיקע חיה, נעמט גלײַך שטעלן פיס אין לײַכטן גראַציעזן לויף, יאָגט מיטן רײַטער אויף זיך,

טראָגט אים מיט אַ גרינגקייט פֿלינק איבער שטייניקע, בערגיקע און טאָליקע ערדן. נישט איין מאָל געראַטעוועט אַ רײַטער פֿון בעדואינער, אַראַבער, איבערפֿאַלער, גנבים, ערב און בשעת גע־שלעגן מיט ביקסן־קאָלבעס, מעסערס, פֿאַלקעס אין רוצחישע הענט. אין די נגב־געגנטן ווערט דאָס שיינע פֿירפֿיסיקע באַשעפֿע־ניש דורות לאַנג געפֿלעגט, אויסגעהיטן פֿון שווערער אַרבעט, באַזאָרגט מיט גוט עסן און צו דער צײַט.

בײַטאָג אַרבעט ער אין פֿעלד בײַ זריעה, בײַ גרינוואַרג, פּרדס, פֿלאַנצן אַ בוים; בײַנאַכט — שמירה. אַ חבר בײַ דער חבר״ה שומרים אין שכם צופֿוסנס פֿון די יהודה־בערג. אין ליכטיקע לבנה־נעכט און אין נעכט מיט אַ נידעריקן פֿאַרוואָלקנטן הימל, רעגן, ווינטן. הערסט אַ פּיפּס, אַ שאָקל פֿון אַ בוים און ווייסט נישט פֿון וועלכער זייט, פֿון וועלכן ווינקל קומט די סכנה. אַ מי־דער פֿון אַ לאַנגן שווערן טאָג אַרבעט טראָגט זיך דאָס פֿערדל איבער היגלען און בערג, וואַדיס, ווילדגעוויקסן, גרענעץ־סלופּעס. דער גאַנצער גוף פֿון פֿערדל ביז אַראָפּ די שלאַנקע פֿיס, גע־שפּאַנטער האַלדז, צעפֿליגלטע נאָזלעכער, יאָגט אָן פֿילן אויף זיך די וואָג פֿון רײַטער, אָדער אין געיעג נאָך אָן אָנפֿאַלער אויף אַ ישוב, אָדער גאָר צוריק פֿון אַ געשלעג מיט אַ פֿאַרוווּנדיקטן שומר. ס׳טרעפֿט אויך, אַז האָסט צײַט פֿאַרהאַלטן זיך בײַ אַ שומר־ביידל, בײַ אַ קליין נאַפּטלעמפּל עפּעס איבערכאַפּן און — ווידער אויפֿן פֿערד.

ס׳רוב פֿון די עולים, געקומענע מיט אַלע וועגן, אונטערוועגן. אַלע פֿעסטע געזונטע בחורים, מאַנצפֿאַרשוינען, אויך ווײַבס־פֿאַרשוינען פֿון רוסלאַנד, קאַווקאַז, גרוזינער, קורדן מיט ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע הענט, געוואַגטע, שלאָגפֿערטיקע הענט, וואָס „שלאָגן״־זיך־אויס דעם טאָג חיונה — אַ פּיתּה מיט אַ מאַ־ראַנץ — אויך ערדאַרבעטער. אַראַבער, בעדואינער, דרוזן, טשער־קעסן, האָבן נישט איין מאָל געפֿילט דעם טעם פֿון אַזאַ האַנט, וואָס האָט זיי געלערנט דרך־ארץ.

✶

פון דעמאָלט אָן, אַ מעשׂה פון אַ יאָר פערציק־פופציק, האָט זיך חיימען שטאַרק פאַרוואָלט נאָכאַמאָל זײַן אין זכרון. ווי זעט הײַנט אויס די מושבֿה. שוין מסתמא אַ שטאָט. געלייענט, געהערט, אַז די גאַנצע געגנט דאָרט האָט זיך שיין אַנטוויקלט. הויכע, שיינע בנינים, האָטעלן, דאַטשע־ערטער. שיינע הײַזקעס, גרינס אַרום און אַרום. גערטנער, ברויט־פעלדער. גרינע לעבעדיקע געוויקסן, אַ ים־ברעג מיט אײַנריכטונגען — לעצטע מאָדע. פאַר וואָס זאָל ער, חיים, מיט זײַנע אויגן, כּל זמן זיי זענען אָפֿן, דאָס אַלץ נישט זען? זכרון — דאָס אָרט וווּ ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין לאַנד. און פאַר וואָס טאַקע נישט מיט פנינהן? איז דאָך געשען וואָס עס איז געשען. ווי קאָן מען איצט בכלל רעדן וועגן אַזאַ אויספלוג. גרײַלעך נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אין אַ נאָר־מאַלער לאַגע, ווי פאַר דעם אומגליק, וואָלט זי מן הסתּם נישט מסכּים געווען. ער קען זי שוין צו גוט ער זאָל אַזוי נישט מיינען. ער איז אַפילו זיכער דעריין: פאָרן מיט אים, חיימען, בעת איר מאַן, געליבטער מאַן, איז הי? ער וואָלט אָבער געקאָנט איר פאַר־שלאָגן אויך אים, אַלעקסן. מצרף זײַן, פאַר וואָס נישט? אַלעקס האָט געוווּסט וועגן זײַן און פנינהס פרײַנטלען זיך. אַלעקס קען אויסגעצייכנט זײַן פנינהן. ער האָט אַרויסגעוויזן אין דעם ענין גרויס פאַרשטענדעניש.. אַן אינטעליגענטער האַרציקער מענטש. די פרײַנטשאַפט וואָלט אַוודאי נאָך דעם זיך אויסגעברייטערט. וואָלט קיין מניעה נישט געווען זיי ביידע אײַנלאָדן אויף אַזאַ פאַר אים וויכטיקן אויספלוג. אַצינד קאָן דערפון קיין רייד נישט זײַן. בכלל איז זי איצט אין אַ מצב פון אַ פיזיש־גײַסטיק־נשמה־דיקער צעבראָכנקייט. נישט פּעניק אויפצונעמען אַפילו אַ טרייסט־וואָרט. און מיט וואָס קאָן מען איר אַצינד טרייסטן. וואָס זענען ווערטער? שטרוי, אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן, אויסגעברענט. ס'איז רויך אָן פײַער, ער וואָלט געזאָגט אַפילו אַ חילול השם — אַלעק־סאַנדער ריינער. ווײַל פון דער קרענק הייבט מען זיך נישט אויף.

ס׳קאָן ווערן ערגער פון טאָג צו טאָג. און זי, פנינה, ווייסט עס. שורה ווייסט עס אויך. ביידע ווייסן. ווערטער זענען צביעות, שקר. ער האָט נישט קיין האַרץ אַצינד צו רעדן מיט איר בכלל וועגן פּריוואַטשאַפט. נישטאָ קיין געמיט דערצו אויך בײַ אים. זי פאַר־לירט מיט אַלעקסאַנדערס קראַנקהייט איר וועלט, איר נעבעכן, איר הײַנט, איר מאָרגן. זי איז, וועט מן הסתם בלײַבן, איינע אַליין אויף דער וועלט, דער אכזריותדיקער הײַנטיקער וועלט. שורה? אוודאי אַ געטרײַע טאָכטער, אַ שיינע, אַן ערנסטע אָבער אַ געפיל האָט ער, אַז זי איז פאַר איר מאַמען סײַ אַ טרייסט סײַ אַ דאגה. צו ערנסט, צו שטיל, צו באַשיידן איז זי, שורה: אַן אַפּיצירשע פון פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר. איין מאָל האָט אים פנינה אַרײַנ־געוואָרפן אַ וואָרט: אַ מיידל זאָל אַרויסגיין פון שטוב, זיך אַ ווײַל טאָן, אַ בחור, אַ חבר, אַ קאָלעגע. אַמאָל אַ קינאָ, אַ טעאַ־טער.

פנינה. וואָס זי טוט פאַר אים, אַלעקסן, איז איבער אירע כּו־חות — קלאָגט זי זיך — און פאַר אים, אַלעקסן — איז עס אַזוי גוט ווי גאָרנישט. הײַנט, איר גוטסקייט, איר פרווּשע מאַמעשע נאַטור. זי וויל חיימען העלפן. זי קאָן נישט לײַדן „ער טריקנט אָפּ די טעג״. למען האמת איז זי געדעכט. איז עס פאַר אים גיין יעדן טאָג אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג? זומער — היצן, חאַמסינען, ווינטער — קעלטן, רעגנס, ווינטן. חוץ דעם איז ער כּלל נישט געוווינט צו רעסטאָראַן־מיטאָגן. אַ שטוביק ביסל עסן — אַדרבא. נו, קאָן מען אַצינד רעדן דערוועגן? און סאַראַ וווּנדער, גראָד איצט פאַלט איר אײַן אים דערמאָנען צי ער איז מסכּים זי זאָל אים צוויי מאָל אין דער וואָך קאָכן, באשר זי קאָכט במילא פאַר זיך און פאַר דער טאָכטער. ער וועט נאָר דאַרפן דערוואָרעמען און עסן בײַ זיך אין שטוב צו מיטאָג.

דווקא אַצינד, ווען איר מאַן איז שטערבלעך קראַנק, דער־וואָרט זי זײַן ענטפער. סך־הכּל רעדט זיך וועגן דרײַ טעג: דאָנערשטיק, פרײַטיק, שבת.

אַ געדאַנק באַומרויִקט אים איצט: נישט געענטפערט אויף איר אָנבאָט, ער קלינגט נישט צוו איר. שורה איז אָפּט, צו אָפּט, אין שטוב צוליב דעם טאַטנס קרענק, ביקורי חולים, און דער מאַמען העלפן אין שטוב־אַרבעט. יאָ קלינגען קאָן אויך שלעכט פאַרשטאַנען ווערן — „ווי האָט איר מאַמע קאָפּ און צייט צו טעלעפאָנען פון אַ פריַינד, איר בעסטער פריַינד', ווען דער טאַטע ליגט אין שפּיטאָל". פנינה האָט אַ ברירה פאַרקערט, זיין שטיל־שוויַיגן אויסטיַיטשן, ווי אַ כּוונה זיך דערוויַיטערן פון איר, טאַקע צוליב אָט די סיבות — אַ קראַנקער מאַן אין שפּיטאָל און ער הערט נישט אויף פריַינטלען זיך. וואָס וועלן זאָגן מענטשן, שכנים?

די אונטערשטע שורה: אַזאַ מין שוויַיגן איז דאָך צום שאָדן פון ביידע. ביידע ווילן דאָך עס נישט. סיַידן, אַכיבע, ער האָט דערויף צוויי ווערטער — פנינהס צוויי ווערטער: „ס'איז גוט שלעכט".

12

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש — זאָגט זיך אַ ווערטל. אַמאָל איז ער עפּעס מער און אַמאָל עפּעס ווייניקער — אַזוי טראַכט פּנינה און מיינען מיינט זי זיך אַליין. זי איז אַצינד ווייניקער פון אַ מענטשן: פאַר וואָס גייט ער איר נישט אַרויס פון קאָפּ, אייגנט־לעך פון האַרץ, חיים. אַ האַרץ נאַרט נישט. אַ האַרץ רעדט מיט האַרצשריפט.

אין שעהען צווישן איין נסיעה און דער צווייטער אין שפּיטאָל אַריין, אָוונט ביז שפּעטער נאַכט, אין וואַכנעכט ווען ס'נעמט נישט קיין שלאָף — פאַרגעסט זי נישט חיימען. דווקא אַצינד אין איר ראַנגלען זיך מיט די שוועריקייטן — אַלעקס' קרענק און אַרום זיין קרענק — איז איר חיימס פריינטשאַפט ביז גאָר וויכטיק. אין די רגעס דאַכט זיך איר, אַז זי איז ווייניקער פון אַ מענטש.

ווי מיעשטשען זיך די אַלע זאַכן אין איר קאָפּ, אין איר צעבראַכענעם קאָפּ און געמיט? הײַנט, די איבערקלערעניש — טאָמער טאַקע מענטשן זען, הערן, ווייסן פון חיימס קומען אין שטוב אַריין. ער גרייט זיך, האָט ער געזאָגט, מאַכן אַ ביקור חולים צו אַלעקסאַנדערן אַליין אָדער צוזאַמען מיט איר און שורהן: מענטשן, שכנים, סתּם פאַרבײַגייער, האָבן אויגן, האָבן אויערן, מ'וועט טײַטלען מיט די פינגער און פון די פינגער צו די צינגער. צוריק געררעדט:

דאַרף זי זיך פאַרענטפערן פאַר וועמען? איז זי שולדיק וועמען אַן אויפקלערונג? אפשר פאַר זיך אַליין דאַרף זי זיך פאַרענטפערן. פאַר וואָס? איז דאָס אַ פאַרברעכן?

שורה. זי שווײַגט. זי וועט מיט דער מאַמען דערוועגן נישט

רעדן. פנינה וואָלט איר פון דעסטוועגן געפרעגט, שורהן: האָט זי נישט קיין רעכט צו פריַינטלען זיך מיט אַ מענטש, באשר איר טאַטע איז קראַנק? דאַרף זי, די מאַמע, אין גאַנצן געהערן צון איר טאַכטער?

אייגנטלעך, נאַרישע פראַגעס. איז דען דאָ אויף זיי אַן ענט־פער? איז דען דאָ וועמען צו פרעגן? ערגער איז וואָס זי דאַרף זיך פאַרענטפערן נאָר פאַר איין פערזאָן — פאַר זיך אַליין.

חיים, דער קלוגער מענטש — ווידער חיים — דערמאָנט זי זיך — האָט איר אַ מאָל געזאָגט, ער האָט דעם רושם, אַז איידער זי זינדיקט, קלאַפּט זי זיך על חטא. כשר גערעכנט. דאָס טראַכטן דערוועגן גופא איז דאָך אַ זינד. נאָך עפּעס האָט ער געזאָגט, אַפּנים זי צו באַרויִקן: „עכטע ליבע הייבט זיך אָן ווען די ערנ־סטיק ענדיקט זיך״...

13

זינט זי האָט חיימען באַקענט איז איר סײַ גוט סײַ שלעכט. ס׳פֿרײַנטלען זיך — אַזוי ווי זי, מן הסתּם אויך ער, באַנעמען עס — מאַכט איר גוט אויף דער נשמה און שלעכט — טאָמער וועט דאָס גליק לאַנג נישט אָנהאַלטן, צעשטערט ווערן צוליב עפּעס אַ סיבה. איין גאָט ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

שפּעטער אָוונט. חיים איז שוין מיט איין פוס אין בעט. אין קאָפּ אַ מישעניש. אין האַרץ אַ בענקעניש: פּנינה. ווו איז זי איצט? אין שפּיטאָל, אויפֿן וועג אַהיים, צי אין שטוב? אַריבער צוויי וואָכן נישט געלאָזט פֿון זיך הערן. זאָל זײַן כאָטש נאָר צו פֿרעגן וואָס מאַכט אַלעקסאַנדער. געטראַכט די גאַנצע צייט פֿאַרבעטן זי אויף אַ טיי. נאָך אַ מאָל אַ טראַכט געטאָן און אויסגעפֿינען, אַז ער איז נישט גערעכט. זי וועט צו אים נישט קומען. זי איז נישט רות די מואבֿ׳ערין, וואָס האָט געווידערט צו בועזן אין געצעלט אַרײַן: רות פֿון די מואבֿ־בערג, עפּעס אַ פּאַרגלייך מיט פּנינה די ייִדישע טאָכטער פֿון קאַלטן אייראָפּע, אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן אַ הייס־געליבטן, אַ מאַמע פֿון אַ טאָכטער. גוט האָט ער געטאָן — דערמאָנט ער זיך — וואָס ער נעמט דעם טעלעפֿאָן נאָענט צום בעט, שטעלט אים אָוועק אויפֿן אַ בענקל מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. נישט תּמיד טוט ער אַזוי. אַ פֿאַרגעפֿיל האָט ער הײַנט, מחמת אין דער שעה האָט זי אַ ברירה שוין צו זײַן צוריק אין שטוב. און, ווי זאָגט מען עס. הלוואַי וואָלט ער געטראַכט פֿון משיחן — דער טעלעפֿאָן קלינגט. ער הייבט אויף ס׳טרייבל:

— האַלאָ, חיים?!

— יאָ. פנינה? אוי, אַ געזונט אויף דיר. איז וואָס זאָגסטו עפּעס גוטס?

— דערווײַל — נישט קיין גוטס. הקיצור הדבר, חיים, מ'דאַרף זיך זען.

אַ רבותא חיימען: אַ טאָפּלטע רבותא: אי אַ קלונג, אי אַזעלכע ווערטער.

— נו, אדרבא — ענטפערט ער — איך קלער שוין לאַנג פון דעם. גוט ס'טו געטאָן. כּל הכּבוד דיר, פנינה. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער באַקאַנטשאַפט?

— אַזייגער אַכט אָוונט אין פּאַרק, איז דיר באַקוועם? איך וואָלט ליבערשט דיך פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַרײַן. איך ווייס אָבער, אַז דו וועסט נישט קומען.

— אָפּגערעדט: אַכט אַזייגער.

אַ האַרבסטיקער אָוונט. אַ סוף־זומערדיק ווינטל קילט ס'פּנים. די גראָזסטעזשקע וואָס פירט צו דער באַנק גיט אַרויס פון זיך אַ פײַכטן פרישן ריח. אַפּנים אָקערשט באַשפּריצט פון די אויטאָמאַטישע ממטרות, וואָס האָבן מיטן אָנקום פון אָוונט זיך אָפּגעשטעלט. די ביימער פון ביידע זײַטן סטעזשקע. ער געדענקט ווען מ'האָט זיי דאָ געפלאַנצט — שפּרייטן שאָטנס עלעהיי אָן אַלייע. הויך ברייט־פאַרצווײַגט זענען זיי הײַנט. זייערע קרוינען פאַרשטעלן ס'ליכט פון איינציקן עלעקטרישן לאָמפּ קעגן זיי אויף דער באַנק. שטיל איז אין פּאַרק. אין דער לופטן, קומט איר אויס, פנינהן, אפשר אויך חיימען, שוועבן נאָך די געשרײַען, ס'געליאַרם, גוגערײַ פון קליינוואַרג און די רייד פון די מאַמעס, באַבעס וואָס פאַרנעמען זיך מיט זיי. אַ געדיכט הויך גערייד וואָס צעטראָגט זיך איבערן פּאַרק פון די פריִע שעהען ביז די זון פאַרגייט. שטיל אַצינד. בלויז דעם קוים־קוימיקן גערויש פון די באַבלעטערטע צווײַגן הערט מען. צווישן די וואָלקנס טוליעט זיך, טוקט זיך אַ האַלבע לבנה. אָט באַהאַלט זי זיך, אָט קומט זי אַרויס

און אַט לויפט זי ווײַטער, ווי געיאָגט פון עמעצנס אַ האַנט אָבער ווערט פון הימל נישט פאַרטריבן. און ווידער קוקט זי אַרויס פון הינטער אַ וואָלקנדל איבער פנינהס און חיימס קעפּ, אַ שטייגער זי וואָלט זיך רייצן מיט זיי, צעטריבן די טונקלקייט וואָס העלפט ביידע זיך דערנענטערן. שטיל רעדן זיי פון מויל צו אויער, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן אויפוועקן די שטילקייט אַרום זיי. און פנינה, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, קאָן זיך נישט באַפרײַען פון איר שרעקיק געפיל: טאָמער טראָגט זיך עמעצער אָן און באַמערקט זיי.

עטלעכע מינוט סך־הכּל זיצן זיי דאָ און דער „טאָמער" לאָזט נישט אָפּ. גראָד הײַנט האָט זי וואָס צו דערציילן חיימען. נישט קיין גוטע נײַעס, אָבער ער דאַרף, ער מוז עס וויסן חיים.

נאָר וואָס געקומען פון שפּיטאָל. די דאָקטוירים גיבן נישט קיין האָפענונג. זיי טוען אַלץ, וואָס מ'דאַרף, אָבער דער חולה רעאַגירט נישט. אוממעגלעכטיק איז מען אין דעם פאַל — טענהן די דאָקטוירים. ס'וועט נישט זײַן קיין ברירה אלא איבערפירן אים אין גריִאַטרי (אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר שווער קראַנקע). אוי, פון דאָרטן גייט מען נישט אַרויס — האָט זי געהערט.

דאָס מאָל לאָזט ער איר רעדן. אַדרבא, ער האָט עס שוין פון לאַנג דערוואַרט. אָבער ווידער ציטערט איר קול. און ער ווייסט נישט, חיים, צי צוליבן מצב פון איר מאַן, אַלעקסאַנדערן, אָדער ווײַל זי זיצט דאָ אין פּאַרק אין דער אָוונט־שעה מיט אַ „פרעמדן" מאַן.

נאָענט זיצט זי פון אים. איר וואַרעמער אָטעם פאַריאָגט דאָס קילבלעכע ווינטל פון זײַן פּנים. ער זוכט איר האַנט, וויל זי נעמען אין זײַנער, צודריקן זי צו זיך, ווי אַ דאַנק פאַר איר היימישער גוטהאַרציקייט.

חיים זיסקינד וואַרט. ער האָט צײַט. זאָל זי זיך אויסרעדן. נאָכדעם וועט ער זאָגן וואָס ער וויל. חיים, דער אַלטער קלוגער מאַן, וויפל יאָרן זענען איבער אים אַריבער ווי ווינטן איבער אַ פעלדז — זיצט פאַרחלומט, פאַרחידושט פון דער גוטסקייט וואָס

זי האָט פּאַר אים אַצינד, בעת זי איז פּולה ווייטיק איבער דעם טראַגישן מצב פון איר מאַן פון וועמעס בעט זי טרעט נישט אָפּ גאַנצע מעת־לעתן.

דרײַ זענען זיי אַצינד — פּנינה, ער און די שטילקייט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַזאַ געפיל גראָד אויף דער באַנק, ווו ער איז טאָגטעגלעך געזעסן שעהען לאַנג מיט אַ צײַטונג אין ביידע הענט.

פּלוצעם, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט פּנינה אַ ציטער געטאָן. עטלעכע מעטער פון זיי, אַקעגנדיק פון הינטערן בוים, האָט זיך עפּעס אַ באַוועג געטאָן. פּנינה האָט זיך אינסטינקטיוו אַביסעלע צוריקגערוקט, אויסגעגלײַכט דעם רוקן און אַנגעלענטן אין אים, חיימען. געפּרוווט זיך אונטערהייבן און אײַנקוקן אין דעם עפּעס ענלעך אויף אַ דין הויכלעך געשטאַלט, וואָס אַט־אָטיק איז עס נישט געוואָרן.

— וואָסי, פּנינה?

—גאָרנישט, חיים.

זי איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע. זי האָט זיך דערמאָנט: אַרויסגייענדיק פון שטוב, אין טרעפּנהויז איז איר אַקעגנגעקומען פון אונטן אַרויף, שורה.

— שלום אמא, ווּהין? — האָט זי אײַלנדיק געפרעגט און ווײַטער געגאַנגען.

— כ׳קום באַלד, שורה — האָט זי געענטפערט, און נישט זיכער געווען צי האָט שורה געהערט.

אויפן וועג אין פּאַרק האָט זי פאַרגעסן אין דער צופעליקער בחיפּזונדיקער מינוטיקער באַגעגעניש.

דער עפּעס אין שאָטן הינטערן בוים האָט איר באותו רגע דערמאָנט: זאָל דאָס זײַן שורה? ווי קומט זי דאָ אַהער אַצינד, ווי פון דער ערד אויסגעוואָקסן? באַהאַלטן זיך דאָ? שפּיאָנירט? איר מאַמען שפּיאָנירט זי?

— איז וואָס ביסטו פּלוצעם שטיל געבליבן?

— וואָס איז דאָ צו רעדן, חיים, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט ס׳איז גוט שלעכט. רעד דו. העכער צווי וואָכן דיך נישט געזען, נישט געהערט.

פּנינה האָט געוואָלט געווינען צײַט. נישט חיימס רייד האָבן איר אין די רגעס אינטערעסירט. אַ טראַכטעניש, אַן אויסטערלישע, אַן ערשטמאָליקע איז איר אין די רגעס באַפאַלן: נישט אַנדערש — זאָגט זי צו זיך — דער גורל וואָס האָט אַלעקסאַנדערן אַזוי אכזריותדיק באַשטראָפט, זאָל אים וועלן פּאַרגיטיקן מיט אַ שומר ראש אויף זײַן ווײַב: אַ שומר ראש — זײַן טאָכטער... אויב איז דאָ אַזוינס וואָס הייסט גורל, אָדער, ווי מענטשן זאָגן — גאָט, ווייסט ער דאָך, פֿריִער גאָט נאָכדעם אַלעקסאַנדער, אַז עס איז נישט אין איר נאַטור, אין איר כאַראַקטער אַזוי זיך צו פֿירן: פֿאַרראַטן איר מאַן, וואָס זי האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט ליבן? ניין. נישט מעגלעך. דאָס איז אירס אַן אויסגעדמיונטער „שומר". נאָר אַ קראַנקער איבערגעשראָקענער פֿאַנטאַזיע קאָנען אַזעלכע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אַרײַן. זי, שורה, האָט דאָך אָבער פּאָרט זי געפּרעגט אין טרעפּנהויז „לאַן אמא", וווהין מאַמע? זי האָט געענטפֿערט: „איך קום באַלד" און נישט געקומען.

זאָל זי האָבן געקומען איר זוכן, שורה? איז פֿאַר וואָס באַהאַלטן זיך הינטערן בוים? שווער אין די צעטומלטע סעקונדן דערגיין צו אַ טאָלק. דערמאָנט זיך, אַז חיים זיצט לעם איר, האָט זי אַן שהיות אַ זאָג געטאָן:

— חיים, צײַט צו גיין.

— וואָס איז די אײַלעניש?

— ווילסטו מיך מער נישט זען?

— פּנינה, איך האָב דאָך אויך געוואָלט עפּעס זאָגן.

— אַ צווייט מאָל, ליבינקער, שורהלע האָט אַ ברירה אַרײַנ־פֿאַלן אין שטוב אַרײַן אומגעריכט און די אמא זיצט דאָ און שמועסט מיט חיים זיסקינד.

— האָסטו זיך איצט דערמאָנט?

— זיצנדיק דאָ האָט מיך עפּעס דערמאָנט. זי איז שוין אַוודאי הונגעריק. אַ ליידיקער פּריזשידער.

אויפן וועג צוריק, און אין שטוב, האָט חיים נישט אויפ־געהערט צו טראַכטן, וווּנדערן זיך. אַ רעטעניש איז פּנינה פּלוצעם אים געוואָרן. געקלונגען צון אים, געקומען פּינקטלעך צו דער מינוט. די ערשטע אָנגעהויבן רעדן און טאַקע אָפענע דיבורים, ווי מ׳זאָגט. וואַרעמע אינטימע רייד און — נאָדיר אָן אויפהייבן זיך און גיין. אַפילו זיך נישט געזעגנט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. ווידער זענען אים קאַפּויער געקומען אירע האַלבע ווערטער, רמזים, איר געהעמטקייט אין רעדן בכלל. ער האָט עס פֿאַרשטאַנען. אירע נישט דערזאָגטקייטן האָבן אַפילו איר צוגעגעבן אַ מין חן און געוועקט בײַ אים אינטערעס. תּמיד האָט זי איבערגעלאָזט עפּעס אַזוינס וואָס האָט געוועקט זײַן נײַגער.

הײַנטיקע באַגעגעניש איז דאָך איר איניציאַטיוו. ער האָט זיך געגרייט פרעגן וואָס מאַכט אַלעקסאַנדער, סך־הכּל אַ יונגער מענטש. און בכלל פרעגן ווי אַזוי גיט זי מיט דער טאָכטער זיך אַן עצה מאַטעריעל? זי האָט אויפגעהערט אַרבעטן פּנינה. טאָג און נאַכט טרעט זי נישט אָפּ פון מאַנס בעט. אויך שורה די שיינע אַפּיצירשע מיט דער מאַמען און אַן דער מאַמען — אין שפּיטאָל.

אַז ער איז נושא חן געווען בײַ פּנינהן איז שוין הײַנט בײַ אים קיין ספק נישט. אַזאַ שטייגער מענטש, ווי ער — ווייסט ער — וועקט נײַגער בײַ אַ פרוי סײַ מיטן „וואָס״ ער האָט צו דער־ציילן סײַ מיטן „וויאַזוי״, מיטן אופן פון אַרויסזאָגן זיך, אַרויס־ברענגען זײַנע איבערלעבונגען, געפילן.ביידע גיבן אַ באַגריף, אַ בילד וועגן דער יכולת, דער פּאָטענץ פון דער פּערזאָן. ער געדענקט אויך, אַז מ׳דאַרף נישט אַרײַנפאַלן אין אַ באַרימערישן טאָן. פּנינה איז אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ פּערזענלעכקייט. אַכיבע — לויפט אים אַריבער אַ געדאַנק — זי איז פּשוט צו יונג, אָדער ער — צו אַלט. זאָל די דיפערענץ אין יאָרן זיין אַ שטער? און אפשר איז אַ שטער די מענטאַליטעט? ניין. זיי זענען ביידע

פון איין געגנט, סביבה, אייראָפּעיִשע מענטשן, אלא דערציִונג, געוווינהייט און טאַקע ווי מ׳זאָגט, דער „דאָרטן״, די היטלעריאַדע, וואָס האָט זיך געלייגט אויף דער פּסיכיק פון שואה־דור? זאָל די קאַטאַסטראָפע האָבן גורם געווען אַזאַ תהום צווישן מענטש און מענטש, בין אדם לחברו, אפשר אויך בין אדם למקום, צוריק גערעדט. און פריִער פאַר דעם וואָס מענטשן רופן שואה, זענען אַלע געווען צדיקים גמורים, טלית שכולה תכלת? ניין — זאָגט ער צו זיך — מ׳דאַרף לייענען דעם בריוו אויף צוריק: מ׳טאָר נישט אַרײַנפאַלן אין עקסטרעמען, נישט איבערשאַצן און נישט אונטערשאַצן אין די דרײַ יאָר וואָס ער האָט באַקענט פנינהן איז זי דאָס וואָס זי איז — אַן אינטעליגענטע סימפּאַטישע פרוי. דאָס וואָס ער פאַרשטייט נישט די סיבה פון איר פּלוצעמדיקן אויפהייבן זיך און אַוועקגיין דאַרף אים נישט אַרויספירן אויף אומבאַלאַנסירטע אויספירן. אויב איז יאָ פאַראַן אַ געוויסע ענ־דערונג קאָן עס גרייַלער זײַן גראָד אין אים, חיים. דער חוני המעגל: צוויי־דרײַ דורות איבערגעשלאָפן און — „קם דור אשר לא ידע את יוסף״ אָדער פאַרקערט — אויפגעשטאַנען אַ מענטש, וואָס דערקענט נישט דעם נײַעם דור. פון דאַנעט די אָפטע מיס־פאַרשטייעניש אין דער באַנעמונג צווישן די וותיקים און די נײַע עולים פון כל קצבי עולם — אויך צווישן זיך.

פאַר די וותיקים, ערשטע, צווייטע, דריטע עליה, איז היימלאַנד, אַ ייִדישע מדינה געווען אַ חלום און געוואָרן אַ ווירק־לעבקייט, אַ געשיכטלעכער פּראָצעס. פאַר די נײַע עולים — אַ פאַקט, כמעט אַ נאַטירלעכע זאַך. זייער „געשיכטלעכער פּראָ־צעס״ — הינטער זיי. געקומען אַהער, ווי מ׳זאָגט, מאַכן אַ לעבן. דאָס גלייכן — בײַ די סאַברעס. און אַזוי פירט מען זיך:

מ׳הייבט זיך אויף אין דער פרי פון אַ ריין בעט, אַרבעט, לימודים, מסחר. יעדער צו זײַן פּראָפעסיע, באַשעפטיקונג, אַפילו צו גאָרנישט טאָן. מיטן זונפאַרגאַנג, אַ סך מאָל פריִער, צו מיטאָג, איז מען אין שטוב. אַזוי יעדן טאָג מיטן אויפקום און פאַרגאַנג

פון זון לעבט מען מיט אַלע קלענערע און גרעסערע זאָרגן און הנאהות, מיט דער רגילות און מיטן ביטחון, ווי שיִער־שיִער אַ נאַטירלעכע זאַך, צי מ׳ווייסט יאָ, צי מ׳וויל נישט וויסן פון אומרו, שרעק און מלחמת קיום.

נאַטירלעך איז פאַר זיי דאָס שטיקל ערד וואָס די פיס באַ־טרעטן, דאָס שטיקל הימל איבער זייער קאָפּ. ווייסן נישט, אָדער ווילן נישט וויסן, אַז ס׳איז אַ ספּקדיקע נאַטירלעכקייט, אַ פרייד, וואָס שלעפּט נאָך זיך אַ שאָטן, ווי אַ פליִענדיקער פויגל איבערן גרינעם פעלד פון לעבן.

פנינה איז איינע פון זיי — ערשטער אָדער צווייטער דור פון די ניצולי השואה.

חיים זיסקינד, אַלטער נאַר — זאָגט ער צו זיך לויטן רוסישן ווערטל: „אַ לעבנלאַנג לעבט מען און מ׳שטאַרבט אַ נאַר״. באַ־קענען אַ מענטש מיינט נאָך נישט דערקענען אַ מענטש. לאַנג איז דער וועג פון מענטש צו מענטש און אָנהייבן דאַרף מען פון זיך אַליין...

חוץ דעם דאַרף נישט די אומבאַקאַנטע סיבה פון פנינהס פלוצעמדיקן אויפהייבן זיך און אַוועקגיין דערפירן צו אומקאָנ־טראָלירטע מסקנות. בפרט, ווען עס רעדט זיך פון אַ פרט, פון אַ פערזענלעכער, אפשר אינטימער סיבה, וואָס איז בשום אופן נישט חל אויף אַ כלל.

14

אַ ווערטל זאָגט: מ׳רעדט אַזוי לאַנג וועגן לעבן ביז מ׳קומט אַרויף אויפן טויט. ס׳געדענקט זיך אַ פּאַל מיט איינעם (פּאַרגעסן זײַן נאָמען) אַ געוואַגטער, אַן איבערגעגעבענער בחור, אַ חלוץ, אַ גוטער שומר (דערווײַל אַ קאַנדידאַט), אַ גרויסער זכות געווען זײַן אַ חבר אין דער חבר׳ה שומרים. אויף אַן אַסיפה בעתן אָנ־נעמען אַ באַשלוס דעם קאַנדידאַט צו באַשטעטיקן צו ווערן אַ חבר — האָט מען זײַן קאַנדידאַטור געפּסלט. פּלוצעם איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אין צריף ווו די אַסיפה איז פאַרגע־קומען האָט זיך געהערט אַ שאָס. אַלע לויפן אַרויס. מ׳זעט איי־נעם פון די שומרים אַ טויטן. אַ רויטער פלעק אויפן ברוסט, מן הסתם פון אַ קויל אין האַרץ, וואָס האָט אים אויף טויט אַוועק־געלייגט. דערשלאָגענע זענען אַלע שטיינגעבליבן אַרום מת. אַלע האָבן זיך געפילט שולדיק אין באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען גע־וואָרן נאָך לאַנגע וויכּוחים. לשבת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער קריטעריום צו ווערן אַ חבר איז נישט גענוג געווען צו קאָנען האַלטן אַ ביקס אין האַנט, זײַן געוואַגט און אויספירן באַשלוסן. דער עיקר האָט מען באַדאַרפט זײַן אַן אויסגעהאַלטענער אָרנט־לעכער מענטש מיט אַ סך פערזענלעכע מעלות טובות. דאָך האָבן אַלעמענס הערצער געבלוטיקט אויפן פּלוצעמדיקן טויט פון איי־נעם וואָס אַלע האָבן געקענט פאַר אַן אָרנטלעכן, מוטיקן חברה־מאַן.

✶

אַ נישטפאַרענדיקטע סימפאָניע איז פאַר חיימען געווען די לעצטע באַגעגעניש. פאַרגעסן זי צו פאַרבעטן אויף דעם געפּלאַנטן

אויספלוג. כאַטש ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט נישט מסכים זיין. נאָך מער: ער האָט אויך געוווּסט, אַז ס׳איז נישט אָרנטלעך פון זיין זייט אַצינד אין דעם מצב איר פּראָפּאָנירן אַזאַ זאַך.

העיקר, ער קאָן שוין טעלעפאָנירן, אַז ער פּאָרט אַליין און נישט מיט עמעצן, ווי ער האָט געמיינט בעטן רעזערווירן צוויי פּלעצער. ער טאָר נישט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט נאָך אַריבער זעכציק יאָר נאָכאַמאָל זיין אין זכרון. דאָרטן געלעבט, געליבט געטאָטעט, זיידע געוואָרן. יחזקאל דער בכור איז דאָרטן געבוירן געוואָרן. (היינט אַ חבר כנסת, אַ מיניסטער). טשיקאַווע: אין דער סאַמעראָדנער שׂמחה — ברית מילה — אַן איבערלעבונג. משמח גע־ווען זיך מיט נאָך שומרים פון זכרון און עטלעכע ישובים און דער געגנט — אַ באַפעל פון רחובות: „נעמען מיט זיך פיר שומרים און קומען קיין יבניאל״. רעכט זיך נישט אָנגעפריידט מיטן בן־זכר, איבערגעלאָזט ס׳ווייב — אויך אַ חברטע אין השומר — און היידאַ אויף די פערדלעך קיין יבניאל. אַ באַפעל איז נישט ווי היינט אַ געריכטלעכער אָדער פּאָליציייִשער. דאָס איז אַ דיסציפּ־לין־באַפעל, וואָס מוז אויסגעפירט ווערן. קיין שום סיבה, משפחה־דיקע, פּערזענלעכע, קאָן נישט זיין קיין מניעה פאַרשפּעטיקן אָדער אָפּלייגן. האַלב נאַכט אָנגעקומען אויפן אָרט, נישט אוספּעיט אָפּ־רוען זיך פון וועג, עפּעס נעמען אין מויל אַריין (פּאַרלאָזט די מסיבה מיט אַ טרונק אָן כיבוד) — קומט צו רייטן אַ שומר פון זכרון נאָך באַלדיקער הילף. צוויי בעדואינער האָבן אויפגעריסן אַ שטאַל, „גענומען״ צוויי בהמות און זיך געלאָזט גיין. אַפּנים געוווּסט, אַז די אָרטיקע שומרים זענען נישטאָ. אַ מזל וואָס אויף בהמות קאָן מען נישט רייטן, מ׳קאָן זיי אויך נישט צובינדן צו פערד אין גאַלאָפּ. די פיר חבר׳ה האָבן באַלד זיך געלאָזט אויף צוריק און געטראָפן די „שפּאַצירנדיקע״ בעדואינער מיט די בהמות אויפן וועג. כדי צו שאַנעווען זייער כבוד האָט מען פריִער, ווי עס פירט זיך צווישן שכנים, אָנגעהויבן מיט גוטע רייד: „טוב שכן קרוב מאח רחוק״. פּרוּווט איינער אויסטייטשן אויף אַראַביש —

אַ שלעכטן אַראַביש — דעם זאַג. נאָכדעם „אויפגעקלערט", אַז די בהמות דאַרפן אַצינד זײַן אין שטאַל אין דער פרי צום מעלקן. מ'בעט זיי פרײַנטלעך באַפרײַען די בהמות און זאָלן זיי גיין גע־זונטערהייט פון וואַנעט זיי זענען געקומען. מען האָט צו זיי קיין שום טענות נישט.

אַ שווייגעניש, אַ שטייגער זיי באַראַטן זיך אויף שטום־לשון. אין אויגנבליק הייבן זיך הענט, אַ קאָלבע פון אַ ביקס, אַ פּאַלקע, אַ מעסער בלאַנקט אין דער פינצטערער סוף־נאַכט. פון די פיר רײַטער זענען צוויי אַראָפּ פון די פערד און פאַרשטייט זיך נישט מיט ליידיקע הענט. מ'רינגלט אַרום די צוויי גנבים. ס'פּאַלן קללות, קלעפּ. ער פילט אַ שאַרפן שניט אין רעכטן אָרעם; שאַרף און טיף. די האַנט נעצט. אַ וואַרעמע נאַסקייט. בלוט. ער קאַטשעט זיך אַראָפּ פון פערד. די צוויי צעלאַכן זיך הויך מיט אַ ווילד געלעכטער, מאַכן חוזק פון רײַטער. ער שרײַט אויס: „גיבורים! אין אײַער אַל־אַבו־אַבו־אַבוק! אין טאַטנס טאַטנס טאַטן אַרײַן! אַז איך ליג זענט איר שטאַרקע?! וואַרט, וואַרט אַ סעקונדע וועט מען זען! איינער אויף איינעם וועט מען זען ווער ס'וועט לאַכן דער לעצטער!"

איינער פון דער חבר'ה האָט דערווײַל צעריסן ס'העמד אויף זיך, פאַרבאַנדאַזשירט אים דעם אָרעם. די אַנדערע האָבן אַרויס־געשלעפּט די שפּײַערס. די גנבים האָבן זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט די פּלייצעס. מיט אַ הויך געמאַכט געלעכטער, ווילדע קולות געלאָזט שטיין די בהמות און זיך אָפּגעטראָגן.

אַרײַנגעפירט די בהמות אין שטאַל אַרײַן, ס'האָט שוין גע־טאָגט, זענען די רײַטערס ווידער אין שטוב. די קימפּעטאָרין איז אַראָפּ פון איר געלעגער, געגרייט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. מ'האָט געמאַכט אַ לײַטישע כּוסה.

דער בן־זכר איז געשמאַק געשלאָפן, ווי גאַרנישט איז גע־שען.

15

די נאַכט נאָך דער באַגעגעניש מיט חיימען, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז שורה איז געבליבן אין שטוב נאָך עטלעכע טעג נישט אַהיימגעקומען. באַזע. מיליטער. זי האָט געוווסט, אַז די מאַמע פּײַניקט זיך אַליין: אַ פאַרעניש מיט אויטאָבוסן הין און צוריק, מאַטערט זיך מיט אַרײַננאַרן אַ לעפל געקעכטס אין טאַטנס מויל אַרײַן.

אין שטוב — מילא. שוין נישט איין מאָל גענעבטיקט אין שטוב. דאָס מאָל איז אָבער געשען עפּעס אומדערוואַרטס. זי וויל, זאָגט שורה, שלאָפן מיט איר, מיט דער מאַמען אין בעט. איז דאָך גוט, ווייל — טראַכט פנינה — כאָטש צוריקגערעדט וואָלט זי צו־פרידענער געווען ווען איר טאַטער, די העכסטע צײַט... זאָל שלאָפן... נישט מיט דער מאַמען.

אויב אַזוי, זאָגט זי צו זיך, פנינה, איז קיין בעסערע געלעגנ־הייט נישטאָ אויף אַדורכשמועסן זיך מיט דער טאָכטער: פאַר וואָס תמיד אַליין, נישט קיין חבר, חברים, אַ מאָל אַ קינאָ, אַ קאָנ־צערט. זי האָט דאָך ליב מוזיק, קלאַסישע מוזיק — האָט זי געזאָגט. אגב, די געשעעניש מיט יענעם הויכלעכן שאָטן הינטערן בוים אין פאַרק, גייט פנינהן נישט אַרויס פון קאָפּ. אויך זעט זי, אַז שורה שלאָפט נישט רויִק. דרייט זיך אויף אַלע זײַטן. אָט האַלט זי אָפן די אויגן. טוליעט זיך צון איר עלעהײַ אַ קליין מיידעלע. יענעם אָוונט האָבן ביידע זיך געטראָפן אין שפּיטאָל. צוריקגע־קומען מידע, אָן נאַכטעסן אַרײַן אין בעט אַרײַן.

די נאַכט האָט שורה שטאַרק זיך געטאָכטערט צו דער מאַמען. קאָפּ צו קאָפּ, פנים צו פנים ליגן זיי. שורה, זעט זי, האַלט

אָפּן די אויגן. פנינהן ווילט זיך רעדן, פרעגן. אויך זי איז וואַך. אַ וואַכנאַכט פאַר ביידע. פנינה וויל בעטן סליחה פאַרן נישט צוריקקומען באַלד, ווי זי האָט אין טרעפּנהויז געזאָגט. שורה פאַרמאַכט איר ס׳מויל מיט דער האַנט: „לא כדאי, אמא", „נישט כדאי" — זאָגט זי. זי איז אַליין יענעם אָוונט געפאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן. אויף צוריקוועגס איז זי פאַרבייגעפאָרן ס׳הויז און געזען, אַז אין שטוב איז פינצטער — האָט זי זיך אויף אַ מינוט־צוויי אַרײַנגעכאַפּט אין פאַרק כאַפּן פרישע לופט. אַ גאַנצן טאָג אויף דער באַזע, אין ביוראָ, האָט זיך איר נישט געגלוסט אַליין זײַן אין שטוב. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען זיך דאָך געזען אין שטוב, צו וואָס אַצינד די רייד, אמא?

— יאָ. אמת. דו ביסט אָבער אין דער פרי גלײַך צוריקגע־פאָרן אין מיליטער און איך האָב נישט באַוויזן מיט דיר אַ וואָרט איבערכאַפּן.

— אמא, מספיק, גענוג. איך בין מיד, אויך דו זע איך שלאָפסט נישט, מספיק.

עטלעכע רגעס האָט געדויערט ס׳שטילשווײַגן. פנינה האָט צײַט געהאַט אַ טראַכט טאָן אַ טראַכטונג וועגן יענעם שמאָלן הויכלעכן שאָטן הינטערן בוים. ניין. נישט קיין אויסגעדמיונטער שאָטן — האָט זי צו זיך געזאָגט. געזען, אַז שורה איז וואַך. איר אויער נאָענט פון איר פּנים — האָט פנינה מיט אַ בעטנדיק שטיל קול אַרײַנגעשעפּטשעט:

— שורהלע, טאָכטערשי, מיר ליגן אין איין בעט. זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו שלאָפסט מיט אַ חברטע. איך געדענק ווען כ׳בין געווען אַ גימנאַזיסטין, אויך נאָכדעם בין איך נישט איין מאָל געשלאָפן מיט אַ חברטע אין איין בעט, אַמאָל — איז די חברטע געשלאָפן בײַ אונדז אין שטוב מיט מיר אין איין בעט.

— אַקעגן וואָס זאָגסטו דאָס, אמא?

— לאָמיר רעדן ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. ביסט דאָך שוין אַ גרויסע, אַ פאַרשטאַנדיקע, אמת?

— אמת, איז וואָס?

— גאָרנישט. ס'פרייט מיך וואָס כ'קאָן מיט דיר אַזוי רעדן. דו ביסט אַליין, זע איך, תּמיד אַליין. נישט קיין חברטע, מילא. אָבער אַ חבר, אַ ידיד, אַ בחור. אַזויפיל שיינע, שטאַלטנע בחורים אין דער צבא. בכלל פעלן נישט קיין בחורים אין ישׂראל. שוין. נישט וויכטיק. וואָס טראַכטסטו וועגן דיין מאַמען, שורה?

— אַ מאָדנע פראַגע, אמא. איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט.

— סתּם, כ'וויל וויסן. נאָך עפּעס וויל איך דיך פרעגן.

— פרעג.

— וואָס מיינסטו, שורה, דיין אבא איז מסוכן קראַנק און דיין אמא וועט ראַנדעוווען מיט פרעמדע מענער?

— וואָס פאַלט דיר איין, אמא?

— און דיר וואָס פאַלט איין, שורה?

— תּפסיקי, אמא. גענוג. שטויות, אמא.

— נאָך איין פראַגע, טאָכטערשי: פאַר וואָס ביסטו אויפגערעגט?

— איך אויפגערעגט? מה פּתאום, וואָס עפּעס?

— תּמיד אַ שווייַגנדיקע. אין שטוב, אויפן וועג אין שפּיטאָל, אויף צוריק. מיר זענען דאָך אַזוי אָפּט צוזאַמען. אין צבא העבער דרייַ יאָר. וואָס דו טוסט דאָרט — נישט מייַן זאַך. אָבער פאַר וואָס תּמיד אַליין?

— אמא, אַת נודניקית, תּפסיקי, הער אויף. איך זוך נישט קיין חבר.

— אָבער זיי זוכן דיך, בין איך זיכער.

— איך האָב זיי פייַנט, אמא.

— וועמען „זיי"?

שורה שווייַגט. נמאס לי, אמא — גיט זי פּלוצעם אַ זאָג.

— וואָס נמאס? האָסטו מיט וועמען געהאַט צו טאָן? — הערט זיך פּנינהס קול אַביסעלע דערשלאָגן.

— שורה שווײַגט.

— רעד, זאָג. מיר רעדן דאָך ווי אַ פרוי צו אַ פרוי.

— זיי זענען מנוולים, די בחורים...

— רעד, דערצייל.

— מ׳טשעפּעט זיך צו מיר.

— נו, איז וואָס ?

איך גיס זיי אָפּ מיט אַ הויך אויסלאַכן זיך. איך ווייס וואָס זיי ווילן אמא. ס׳עקלט מיך.

— פאַר וואָס רעדסטו פון „זיי״. רעד פון איינעם.

— איך גלייב נישט קיינעם. איינער צי אַלע. מ׳קוקט אויף מיר מיט אויגן פון איינעם, וואָס האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ נעץ אין וואַסער און וואַרט אויף געפאַנג.

— אַן אָפּיצירשע, און שׂכל האָסטו, ברוך השם, מעג מען זאָגן, און ווילסט נישט פאַרשטיין אַז — — —

— וואָס אַז ? — רײַסט זי איר איבער אין מיטן.

— אַז אויף פויליש האָט מען אַזוי געזונגען * Bo to sie zwikle tak zaczyna.

שורה רײַבט זיך די האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, דרייט זיך נאָך אַלץ אויף אַלע זײַטן, נישט וואַך, נישט שלאָף. — כ׳פאַרשטיי נישט, אמא.

— שלאָף שורה, גענוג אויף הײַנט. ביסט געראַבט אַ נודניקית בין איך.

און פנינה הערט ווי פון אַ שווערן שלאָף אַרויס : „נמאס לי, אמא !״

אַ וווּנדער און אַ ווייטיק. אַ נײַע צרה אויף איר קאָפּ. נאָך דאָס האָט איר געפעלט, פנינהן. אַ מיידל אין די שענסטע בעסטע יאָרן. בחורים האָבן נישט ליב אַ פאַרשלאָסן פנים פון אַ מיידל,

* ווײַל געוויינטלעך הייבט זיך עס אַזוי אָן.

אָדער אַ הויך קאָכעדיק געלעכטער. דאָס נעמט אָפּ ביי אַ בחור דעם אַפּעטיט אָנהייבן מיט אַזאַ איינער. זי דערמאָנט זיך, פנינה: איין מאָל האָט איר שורה געזאָגט, ווען זי איז נאָך געווען אויף קאָנדיציע ביים האַלבן דזשענטעלמאַן און האַלבן באַהעם (פאַר־געסן זיין נאָמען) און זי האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט: „בחורים. איינער שטעלט זיך אַוועק קוקן אויף איר פון דערווייטנס, ווי ס׳פּירט זיך אַ מבין, באַטראַכט אַ בילד, אַ פּאָרטרעט וואָס ער האַלט ביים קויפן. דערנענטערט זיך און פרעגט: „מה נשמע, מותק?״ (איז וואָס הערט זיך, זיסקייט?). אַן אַנדערער רעדט פּאַוואָליע מיט אַ בעטנדיק קול: „מותק, אַ קוש״. אין אירע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ בעטלער, אַ נעבעכדיקער בעטלער. „איך האָב נישט פאַר דיר קיין נדבה״ — האָט זי געזאָגט.

און פנינה האָט געוואָלט איבערפרעגן: „איז וואָס האָט ער דען געבעטן ביי דיר?״ און געזאָגט האָט זי: „אוי, טאָכטערשי, צו קלוג איז אויך אַ נאַרישקייט.״

פנינה האָט שוין נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. לאַנג גע־לעגן מיט אָפענע אויגן אַריינגעטראַכט אין איר טאָכטערס ווער־טער און אין דעם וואָס זי זאָגט נישט. זיכער געווען, אַז זי שלאָפט, שורה. און אָט הערט זי:

— היינט, אמא, ליבט מען נישט אַזוי ווי דו מיינסט, ווי אַמאָל׳

— דו ביסט שיין און קלוג, צו קלוג, שורהלע.

— איך בין שיין? איך בין נישט איינע.

— ביי מיר ביסטו איינע. אַביסעלע נחת קומט מיר פון דיר. גענוג מיר צרות געמאַכט.

— הייבסט שוין ווידער אָן, אמא?

— וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט?

— איצט רעדסטו שוין צו מיר, אמא, נישט ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. ווי אַ מאַמע רעדסטו. כ׳בין מיד, אמא. דו ביסט אויך מיד. ס׳טאָגט שוין באַלד. ווייניק אַ גאַנצע נאַכט?

16

קיין גרויס נחת פון איבערשמועס האָט פנינה נישט געהאַט. זי האָט אָבער זיך דערוווּסט דאָס וואָס איז פאַר איר ביז איצט געווען פאַרהוילן. איצט ווייסט זי, אַז זי ווייסט נישט די סיבה: „זי גלייבט נישט קיינעם", „מנוולים", „זיי עקלען איר". ס'איז אָבער דאָ אַ סיבה — זאָגט זי צו זיך. שׂנאה, שׂנאת חינם, טאָכ־טערשי. ס'איז נישט קיין נאָרמאַלע דערשיינונג ביי אַזאַ בחורה — האָט זי אויסגעשוויגן, פנינה.

פנינה האָט נישט אויפגעגעבן. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, נישט אין איין בעט, האָט זי איבערגעחזרט איר פראַגע:

— איז עפּעס געשען מיט דיר, שורה?

— געשען, נישט געשען, ס'אַ לאַנגע מעשׂה.

— מאַך עס בקיצור.

— אמאַ, את איומה, דו ביסט געפערלעך, מאַמע.

— פאַר וואָס געפערלעך?

— ווייל דו פרעגסט מיך קלאָץ קשיות.

— אַזוי גאָר?

— יאָ. יש דברים שהשתיקה יפה להם. (ס'איז דאָ זאַכן וואָס בעסער מ'רעדט נישט).

— ביסט מיין טאָכטער. איך האָב נישט מער קיינעם אַצינד אויף דער וועלט, ווייסטו ווויל. זענען פאַר מיר דאָ זאַכן וואָס כ'טאָר נישט וויסן?

ס'איז געווען אין אַן אין דער פרי. שורה איז אַן אַנגעטוענע גרייט אַוועקצוגיין ווי איטלעכסמאָל נאָכן איבערנעכטיקן אַ נאַכט פאַרן צוריקפאָרן אויף דער באַזע. פנינה האָט אָנגעגאָסן צוויי

גלעזער טיי. ביידע האָבן זיך צוגעזעצט צום קיך־טישל. שורה האָט אָן שהיות אָנגעהויבן דערציילן אַלץ וואָס מיט איר איז געשען יענעם אָוונט בײַם ים, נאָכדעם מיטן טעקסי־שאָפער, פאַר־ענדיקט מיט אַ פריילעכן טאָן:

— אַרויס אַ גאַנצע, אַ ריינע אַזוי ווי דו זעסט מיך, אמא, גלייבסט מיר?

— יאָ, טאָכטערשי, איך גלייב דיר. פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט גלייבן?

פנינה האָט זיך אויפגעהויבן, אַרומגענומען איר טאָכטער. ביידע האָבן זיך צעקושט.

✶

אַ האַלב־פאַרנעפּלטער האָט דער טאָג זיך אויסגעוויקלט. נידעריקע וואָלקנס האָבן אָנגעזאָגט רעגן, כאָטש אָנהייב אַפּריל זענען די טעג שוין פרילינגדיקע, זוניקע, אַפילו חאָמסיניקע. חוץ דעם ווייסט פנינה אַז דאָ אַ רעגן איז נישט ווי אין אַלטער היים — קאַלט, האַרבסטיק, נעצן, פלעטשן, כמאַרנע אויף דער נשמה. דאָ גייען די פיר צײַטן פון יאָר צוזאַמענדיק, אָן אָפּשטאַנדן: פרילינג — זומער, האַרבסט און ווינטער, אָן פילן ווען ענדיקט זיך איין סעזאָן און ווען הייבט זיך אָן דער צווייטער. שוין עטלעכע טעג הענגען אַזוי די וואָלקנס, אַ מאָל רײַסט זיך אַדורך אַ זונקאָפּ, גיט ווי אַ באַלעם זיך אַ קײַקל און ווערט נעלם. אַנומלט איז אַראָפּ אַ רעגן. גייענדיקע אין גאַס האָט מען אָנגעהויבן לויפן מיט גע־בויגענע קעפּ, אָן פּאַראַסאָלן, מיט פּאַראַסאָלן, געשפרונגען איבער וואַסערלער, קאַלוזשעס בײַ די ברעגן טראָטואַר. פלוצעם גיט אַ שײַן־אויף די זון איבער אַ קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, איבער אַ גאַס. לויפסט אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט, הייבט דאָרט אָן רעגענען.

אַ מידע, אַ נישט אויסגעשלאָפענע האָט פנינה אין האַלב־

האַרבסטיקע האַלב־פּריליגדיקע בגדים זיך געאײַלט אין שפּיטאָל אַרײַן.

— אַ שווערן טאָג האָט ער הײַנט געהאַט — האָט איר מקבל פּנים געווען דער דיזשורנע דאָקטאָר־פיזיאָטעראַפּיסט.

— ערגער ווי תּמיד, דאָקטאָר?

— יאָ, מאַדאַם. אַז ס׳ווערט נישט בעסער איז שוין ערגער.

פנינה שטייט אַ געבויגענע איבערן בעט. לעם איר דער דאָק־טאָר. אַ פּאַרלאָשן פּנים זעט זי. אַ פּאַרגליווערטער שמייכל, אַ דינער קינדישער אַרום זײַן מויל. אַ פרעמדער, נישט זײַן אַלעק־סאַנדערס שמייכל. ווי אַ פּראַסטיקער שטראַל הענגט ער. די אונטערשטע ליפּ — אַ ביסעלע אַרונטערגעפאַלן. די אויגן — מרה־שחורהדיקע, אָפענע קוקן זיי אויף איר און זען זי אַוודאי נישט, דערקענען זי נישט. פּאַרגלאָזטע, סתּמיקע קוקן זיי. פנינהן דאַכט זיך אַז זיי זעען דעם טויט.

דער באַוווסטזײַן אָפּנים איז שוין פּאַרטונקלט. דער קאָפּ, זײַן שיינער קאָפּ, זעט אַצינד אויס קלענער, אײַנגעשרומפּענער, ווי בײַ אַ קינד. זי קאָן נישט קוקן אויף איר מאַן, וואָס נעמט פון איר נישט אַראָפּ די שטאַרע פּאַרגלייזטע אויגן. אָט־אָט נידערט אַראָפּ דער מלאך המוות, נעמט פון אים אַרויס די נשמה און טראָגט זי אַרויף צו דעם וואָס האָט זי אים געגעבן מיט זיבן און פופציק יאָר צוריק. אַלעקס אָרעמער, איז גאָט די נשמה שולדיק. אָט־אָט וועט דער גוף בלײַבן אָן אָטעם.

אַלעקסאַנדער — רעדט זי צו זיך אַ שטייגער ער הערט: דײַן דאָ־זײַן, אַלץ וואָס האָסט געטאָן, געפּלאָנט — איז דאָך אַ מיטל געווען צום ציל, צום חלום וואָס האָסט געחלומט. דײַן וואָר — אַ מין סטראַטעגיע. אָבער דאָס לעבן ווי אַ טראַגי־קאָמעדיע — האָט איר סטראַטעגיע, אירע דרכים, וואָס זענען פּאַרן בן־אדם פּאַרהוילן. ס׳לעבן טוט אַ סך מאָל אָפּ אַ שפּיצל. גראָד די וואָס מיינען אַז זיי קאָנען אַלץ, פּאַרשטייען אַלץ, די אַלצוויסיקע האָט דאָס לעבן מיט אַ קפיצת הדרך צוגעשיקט אַ

מאַנקאָליע — אַמעריקע. דאָס לעבן — אַ קריכנדיקע שלאַנג, אַ הונדערטפיסיקע, קריכט, שטעכט זיך אין דיר אַריַין מיטן גיפטיקן צינגל, עסט דיך לעבעדיקערהייט.

אַלעקסאַנדער איז פאַר פנינהן נישט נאָר אַ מאַן. ער איז איר וועלט. נישט ווי אַנדערע פרויען האָבן זייער וועלט, און אין איר — דעם מאַן. זי האָט דעם מאַן און אין אים — איר וועלט.

אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָבן פנינהן געמאַטערט די געדאַנקען. אין לייַדן ווערט אַ מענטש פרומער, גלויביקער, אייגנט זיך צו אַ לעבנספילאָסאָפיע, אַ לעבנס־חכמה. פנינה האָט אָנגעהויבן אויך אין שטוב טראַכטן אויפן קול. זי האָט געהאַט אַ געפיל אַז אַלעקסאַנדער הערט זי, אין שפּיטאָל נעמט ער נישט אַראָפּ די אויגן פון איר. ווי זי זאָל זיך נישט געפינען — איז ער מיט איר, ער לעבט אין איר. אויב אַרבעט אין אים נאָך אַ נערוו, געדענקט ער זי. ביז זייַן לעצטן אָטעם וועט ער זי נישט פאַרגעסן. אַפילו ווען ער פלעגט שעהען לאַנג, האַלבע און גאַנצע נעכט זייַן וויַיט פון שטוב — האָט זי געגלייבט, אַז ער פאַרגעסט זי נישט.

ס'האָט שוין געגרויטלט אויף טאָג. אַ קאַלטער טאָג האָט זיך אויסגעוויקלט פון ים אַרויס. ווי אין אַ הינערפּלעט איז פנינה איי־בערגעשלאָפן די עטלעכע שעה נאָכן צוריקקומען שפּעט פון שפּיטאָל. זי האָט נישט געהערט שורה'ס קומען, אַ גאַנצע נאַכט איז שורה געשלאָפן ביַי זיך אין חדר, אָנגעטאָן זיך אין דער פריַ און אַרויס פון שטוב. אַ האַלב גלאָז נישט געטרונקענע קאַווע איז געשטאַנען אויפן טיש. אַ סימן — זי האָט זיך געאיַילט. צבא. אַן אָפּיצירשע.

לעם פענצטער, אַ באָרוועסע אין מאָרגנראָק, שטייט זי, פנינה.

די ליידיקייט אין די שטובן, די שטילקייט אין דרויסן, ס'פאַר־ביַיאָגן פון אַ טעקסי, נאָך איינע, אַן אויטאָבוס וואָס רייַסט אויף די שטילקייט מיטן רעשיקן געפּאָר, דענערווירט זי. וואָס, ווהין

איז דאָס יאָגעניש? אויך אַלעקסאַנדער האָט זיך געיאָגט, קיינמאָל נישט קיין צײַט געהאַט. וואָס טרײַבט אַזוי דעם מענטש? פאַרגעסט, ווייסט נישט, מאַכט זיך נישט וויסן, אַז סוף כּל אדם... און צו וואָס שטייט זי דאָ בײַם פענצטער און קוקט אַרויס? וואָס איז פאַר איר דער פרימאָרגן, דער טאָג, די נאַכט — אָן אַלעקסאַנדערן.

17

חיים זיסקינד איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין הויז פון פנינה. נישט קיין גאַסט, אַ שטובמענטש. שטאָט זײַנע פרימאָרגן־שפּאַצירן אַרום דער שטוב, נאָכדעם אין פּאַרק מיט דער צײַטונג אין די הענט, האָט ער אומגעפרעגט, פאַר פנינהן אומדערוואַרט, געמאַכט אַ וויזיט אין שטוב. אַז דער באַרג קומט נישט צו מוכאַ־מעדן — שמייכלט ער צו פנינהן — גייט מוכאַמעד צום באַרג... ער איז זיכער — זאָגט ער — אַז זי, פנינה, וויל אים זען און האָט נישט קיין צײַט, אפשר אויך נישט קיין געמיט אַפילו אויפ־הייבן אַ טעלעפאָן. און שורה? אַז מ׳האָט ליב אַ מאַמען און די מאַמע האָט ליב אָדער איז באַפריינדעט מיט עמעצן גייט איבער די ליבע, אָדער אַ חלק פון איר — ווייסט חיים — צו דעם עמעצן.

חיים האָט אויך, מעג מען זאָגן, געזען, אָנגעהויבן אָפּפילן דאָס דאַזיקע בײַ די אָפטע באַזוכן בײַ זיי אין שטוב. פרעגן וואָס מאַכט אַלעקסאַנדער איז פאַר חיימען אַן אויסגעדראָשענע סתמי־קע, באַנאַלע פראַגע פון יוצא ווען. און פנינה און שורה ווייסן, אַז ער ווייסט אומגעפרעגט. אויך די פראַגע פון מיטאָגן פאַר אים איז אַראָפּ דערוויַיל פון טאָגאָרדענונג. אַלעקסאַנדער דאַרף האָבן חוץ די שוועסטער, וואָס זענען זיך מיט אים מטפּל, נאָך אַ מענטש, מער ווי איין מענטש. און חיים ווייסט, ווי שווער ס׳איז צו זײַן אַ מענטש.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהען בלײַבט פנינה אַליין אין שטוב. איינע אַליין אין דער גרויסער דרײַצימערדיקער וווינונג. אַ פוסטע וויטיקלעכע ליידיקייט. עס דענערווירט. דער זייגער פאַרקירצט דאָס לעבן, די בענקשאַפט, קרענקשאַפט פאַרלענגערט די טעג.

חיימס קומען אונטערזיצן, אפילו נישט עפּענען ס'מויל, שווײַגנדיק צוזאַמענדיק זיצן — אַ מאָל בײַ אַ גלאָז טיי מיט אַ צובײַס, אַ מאָל בײַ אַ ליידיקן טיש — האָט נישט ווילנדיק געלינ־דערט סעקונדעווײַז די מרה שחורה. אויך די שאָטנס אויף די ווענט פון נישט אַרויסדרייען אַלע ליכטער, וואָס האָבן זיך גע־קליבן אַרום דעם איינציקן עלעקטרישן לעמפּל — ווי זיי וואָלטן פאַרשעמטע זיך אָפּגעטראָגן, נעלם געוואָרן.

פאַר שורהן, וואָס האָט די ערשטע טעג, וואָכן נישט געליטן די וויזיטן פון „זקן", „סינילי" — איז אַליין נישט וויסנדיק ווען, חיימס אָפּטע קומען איר געוואָרן אַזוי נאַטירלעך, אַז קוים האָט זי די מאַמען געזען אַליין, האָט זי זיך נאָכגעפרעגט פאַר וואָס מ'זעט נישט חיימען.

זענען זיי ביידע אין שטוב, זיצט חיים דער בן־בית פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, שווײַגט. רעדט ער — קלייבט ער נישט די ווערטער, ווי אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, וואָס וויל מאַכן אַ גוטן רושם, וויל נושא־חן זײַן בײַם גאַסטגעבער. שוין געפעלן געוואָרן — ווייסט ער. טרעפט, אַז חיים ווייזט זיך און פנינה אין קיך, גרייט אַ לעפל וואַרעמס פאַר זיך, פאַר שורהן אָדער פאַר אַלעקסאַנדערן אין שפּיטאָל אַרײַן — רײַסט זי נישט איבער ס'טועכץ. חיים גייט אַרײַן אין קיך, שטייענדיק, זיצנדיק אויף דערווײַל רעדט מען, שווײַגט מען, דער עיקר — צוזאַמענדיק.

דאָס מאָל, נאָך חיימס אַוועקגיין, האָט זי זיך דערמאָנט אין דער לעצטער באַגעגעניש מיט אים אויף דער באַנק אין פּאַרק. איר פלוצעמדיק אויפהייבן זיך און אַוועקגיין — האָט איר געוווּנ־דערט סײַ אויף זיך, סײַ אויף חיימען, וואָס האָט אַ וואָרט נישט דערמאָנט דאָס לאָזן אים זיצן אין מיטן דרינען און מער זיך נישט ווײַזן, נישט לאָזן פון זיך הערן.

היפשע עטלעכע וואָכן שוין נאָכדעם. זי האָט צײַט אַ טראַכט טאָן דערוועגן. זי, מילא, דער קאָפּ איז נישט דערבײַ. חיים האָט

אַוודאי די זאַך גוט איבערגעטראַכט און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט כּדאי און נישט די צײַט צו רעדן דערפֿון.

אַז חיים איז אַליין אין שטוב, זינט ער האָט זיך באַפרײַנדט מיט פנינהן, איז ער אויך מער „באַשעפטיקט״ ווי פריִער, איידער דער באַקאַנטשאַפט. מחשבות: זקנה. אין זײַן עלטער שפּירט מען דאָס אַרײַנדרינגען פון אומהיימלעכע רעיונות: „געשענקטע טעג״, „יאָרן״. מ׳ציילט שוין נישט די יאָרן פון עלטער אלא — וויפל איז נאָך געבליבן... ער האָט אַזוי ליב ס׳לעבן, די גליקלעכע בלינדע קראַפט — זאָגט ער צו זיך — האָט די שליסלען צום נצחון. ער האָט ליב די ווירקלעכקייט כאָטש זי איז נישט אַקוראַטנע ווי ער האָט געוואָלט. און וואָס איז יאָ אַקוראַטנע ווי מ׳וויל, מ׳מיינט? נאָר ווײַל מ׳גלייבט אין דער ווירקלעכקייט — האָט מען זי ליב.

חיים האָט נישט איין מאָל געלאָזט פאַלן אַזעלכע ווערטער פאַר פנינהן. זי האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען אָדער איז נישט געגנוג אויפמערקיק געווען אין די מינוטן וואָס ער האָט גערעדט דערוועגן. ס׳איז איר נישט קיין גרויסע נפקא מינה. ס׳איז איר גוט מיט אים, ווי גוט ס׳איז אַ מענטש וואָס קומט פון אַ קאַלטן דרויסן אין אַ וואַרעמער שטוב אַרײַן. פון וואַנעט די וואַרעמקייט נעמט זיך, איז איר נישט וויכטיק.

די לעצטע חדשים זינט אַלעקס פאָרן קיין אַמעריקע, העבער אַ האַלב יאָר דאָרטן (זי איז דאָרט געווען מיט דער נשמה), נאָכ־דעם די קראַנקייט — זענען זייערע באַגעגענישן כּמעט איבער־געריסן געוואָרן. אַ שטוביקע פרוי, אַ מאַמע פון אַ טאָכטער, אָקערשט געווען אַ טיפּש־עשרה, הײַנט אַן אַפּיצירשע, איז נאָך דאָכט זיך נישט אַרויס פון יענער פאַרטשאַדעטער אַטמאָספער — ווי האָט זי צײַט געהאַט צו אַזאַ פרײַנטשאַפט. טאָמער ווייניק איז שורה אַ קאַפּריזנע, נערוועז־שווײַגנדיקע, ברוגזט זיך, ברוגזט זיך אָפּט, שוואַכקייטן. מודה זײַן זיך אין די שוואַכקייטן — איז זי צו שטאַרק בײַ זיך — ווי איר טאַטע.

אַלעקסאַנדערס בריוו, בריוועלעך, וואָס האָבן קיין גוטס נישט

אַנגעזאָגט, נאָכדעם — ס׳ברענגען אים אַ האַלב־געליימטן צוריק — האָט דעם מצב נאָך מער פאַרערגערט.

פון דעסטוועגן האָט פנינה חיימען נישט פאַרגעסן. ערגעץ אין איר אונטערבאַוווסטזיַין, ווי הינטער אַ טיר ווען מ׳שפּילט זיך אין באַהעלטעלער — האָט זי געזען חיימען, געשפּירט זיַין נישטאָ־איקייט. אַצינד אין דער איצטיקער לאַגע איז חיים, חוץ פאַרשטייט זיך שורה׳ה, דער איינציקער נאָענטער מענטש. זי וואָלט אים וועלן מקרב זיַין, דערנענטערן אים צו משפּחה־אָנגעלעגנהייטן. אויך די אָפּיצירשע, שורה, וואָס ווי ער זאָגט — אַ שלאַנקע, אַן איידעלע, וואָקסט זי אַרויס פון איר מיליטערישן מונדיר — האָט אויך זיך צון אים צוגעוווינט. אַ שטוב דאַרף אַ מאַנצביל, אַן עלטערער מאַן, אַ גוטער מענטש, אַ בעל נסיון, אַ זיידע פון אייניקלער, וואָס זענען וויַיט, געאָגראַפיש וויַיט פון אים: אייניקלער מן הסתם אין עלטער פון איר שורה — ס׳זעט איר אויס, אַז אים, חיימען, איז אויך נישט הימלער איינער אַליין.

וואָס שייך אַלעקסאַנדערן: הלוואי וואָלט געווען אַזוי גוט ווי שלעכט עס איז. איין גאָט ווייסט אַז קיין גוטס איז נישט צו דער־וואַרטן. ער, חיים, וויל שטאַרק זען מיט די אייגענע אויגן דעם חולה וועגן וועמען ער הערט, ווייסט אַזוי פיל און האָט אים קיינ־מאָל נישט געזען, חוץ איין מאָל צופעליק אים מיט זיַין משפּחה — פנינה און שורה — פאַרבײַגיין. געווען איז עס איידער זײַן פאָרן קיין אַמעריקע.

ער באַגנוגנט זיך נישט פון הערן, כאָטש פנינה האָט אים פאַרטרוילעך דערציילט אויך כדי זיך שואל־עצה זיַין וועגן איר איבעררייד מיט שורהן יענע נאַכט אין איין בעט. שורהס ענטפער איז געווען פאַר איר אַ שטייגער מ׳וויל אַרויסרייַסן אַ קראַנקן צאָן מאַכט מען אַן איַינשפּריץ כדי צו פאַרמיַידן ווייטיק. איז אָבער געשען אַזוי, אַז דער „איַינשפּריץ" טוט שטאַרקער וויי ווי ס׳אַרויס־רײַסן דעם צאָן.

נאָכן פּרטימדיקן איבערדערציילן מיט שורהס ווערטער די

פּאַרלויפּעניש וואָס זי האָט איבערגעלעבט יענעם אָוונט בײַם ים און נאָכדעם — האָט חיים לאַנג נישט געטראַכט און געפּסקנט: אַ טראַומע.

פנינה האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די צונג האָט נישט געפּאָלגט. ווי אַ קראַנקער נערוו האָט אין איר אויפגעצי־טערט די שרעק פאַרן וואָרט. זי האָט עס געהערט נישט איין מאָל. געהערט און פאַרגעסן. דאָס מאָל און פון חיימס מויל, האָט דאָס וואָרט פאַר איר אַ ביז גאָר וויכטיקע באַדײַטונג. און איר צונג האָט זיך אויפגעבונדן:

— אוי, וואָס קאָן מען טאָן?

— אַ מאָל האָט מען דערויף אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג.

— לאַכסט פון מיר, חיים?

— פנינה, עס איז נישט קיין קרענק. זי וועט אַרויס דערפון.

— אָבער דערווײַל? דער „דערווײַל" האַלט שוין אַן עטלעכע יאָר. אַן אָפּיצירשע. אין אַ סביבה פון שיינע יונגע בחורים און — גאָרנישט.

— דאגה נישט, פנינה. פון דאָרט וועט זי שוין נישט אַרויס אַליין. אַ שיין מיידל און ,ווי זאָגסטו, אַ געראָטענע. ס׳פעלן נישט דאָרטן קיין שיינע געראָטענע בחורים.

זי האָט דאָך, זאָגט זי, זיי פײַנט, „מנוולים".

— אין דעם גייט עס דאָך, פנינה, טראַומע.

— הייסט, אַלעקס? חיים קרוין, ווו נעמט מען אַ האַרץ, כוח ווו נעמט מען?

— פנינה, מ׳דאַרף זײַן שטאַרק. דאָס לעבן — האָט מיר אַ מאָל געזאָגט אַ באַלעגאָלע — איז נישט קיין גלאַטיקער כביש: אַ באַרג אַרויף, אַ באַרג אַראָפּ, אַ מאָל אַ גרענעץ, אַ בלאָטע. מ׳טאָר נישט אַרויסלאָזן די לייטשעס פון האַנט.

— ס׳איז גרינג צו זאָגן, חיים.

פנינה האָט נאָך געוואָלט רעדן, דערציילן כאָטש עפּעס פון אירע איבערלעבונגען, וואָס האָבן זיך פון איר געריסן, ווי אַ

שטראָם נאָכן אַראָפּנעמען אַ שטיין פון אַ פאַרשטאָפּטן קוואַל. זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן. ניין. נישט דאָס איז אַצינד וויכטיק און פאַר וועמען? פאַר חיים זיסקינד, ווען ער, אַלעקס, ליגט אין אַזאַ מצב?

פנינה איז געבליבן זיצן מיט אַ פאַרשלאָסן פּנים. אויך חיים האָט געשוויגן. אַן אַמביוואַלענט געפיל האָט אים אין די רגעס באַהערשט. פון איין זײַט דער צער, די געדריקטקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון איר פּנים, פון דער צווייטער זײַט — די אָפנהאַרציקייט, די פאַרטרוילעכקייט, וואָס זי ווײַזט אים אַרויס מיטן אויסרעדן זיך פאַר אים ס׳האַרץ. לאַנג האָט אָנגעהאַלטן ס׳שווײַגעניש פוןביידע.

חיים האָט מיט שטילער פרייד, מיט אַן אינעווייניקסטן ניגון וואָס ער אַליין נאָר קאָן אים הערן, געטראָגן אין זיך דעם סוד, וואָס איז שוין פאַר ביידע קיין סוד נישט — ליבשאַפט, פרײַנט־לעכקייט. נישט וויכטיק דער נאָמען. אגב, שווער צו זאָגן, ווו הייבט זיך אָן דאָס ערשטע און ווו ענדיקט זיך ס׳צווייטע. איז בכלל דאָ אַ דעפיניציע פון די באַגריפן?

— חיים, איין פרײַנד הײַנט הייסט אַ סך — האָט פנינה איי־בערגעריסן ס׳שווײַגעניש.

— אַ דאַנק, פנינה.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— ס׳ט פאַרגעסן די טיי — האָט ער זיך צוגעבויגן צון איר, גענומען איר האַנט אין זײַנער, זי צוגעצויגן צו זײַנע ליפּן, אַ קוש געטאָן.

— דו זעסט, מײַן טיי האָב איך געענדיקט, אויך פון כּבוד אַ נאַש געטאָן.

פנינה האָט נישט דערווידערט. אויף זײַנע רייד נישט רעאַ־גירט. זי האָט אים געוואָלט זאָגן. אַז דאָס וואָס ר׳האָט געטאָן איז עפּעס מער ווי פרײַנדשאַפט און געשוויגן, געזופּט די טיי. חיים — האָט זי צו זיך געזאָגט — איז אַ בראַווער מאַן. אַן

אַלטער מאַן וואָס די יוגנט אין אים האָט זיך אין גאַנצן נישט אויסגעוועפּט. אַ שאָד, וואָס אַלעקס איז נישט דערביַי. די פריַינד־שאַפט וואָלט געווען אַ גאַנצע, אַ פאַרשלאָסענע ווי אַ קריַיז פון אַ זייגער. ער געפעלט איר, חיים. ער וואָלט אויך אַלעקסאַנדערן געפעלן. ער, אַלעקס, האָט ליב געהאַט מענטשן מיט טאַקט, מיט קולטור און אַ פריַינטלעכקייט, וואָס איז היַינט נישט בנמצא.

18

בעסער אַ סך קליינע זאָרגן איידער איין גרויסע זאָרג — זאָגן מענטשן. פון צעטומלטקייט פאַרגעסט פנינה אַז זי האָט שוין איין מאָל צו זיך אַזוי געזאָגט, למשל: די קליינע פּאַרדינסטן אירע און שורהס, וואָס סטײַען קוים אויף אויסקומעניש. שורהס טראַומע, טאָגטעגלעכע געוויינלעכע פּראָבלעמען — מילא. אַצינד האָט זי איין גרויסע זאָרג — אַלעקסאַנדער.

איר מאַמע, עליה השלום — געדענקט פנינה — האָט געזאָגט — אַז צרות נעכטיקן איבער ווערן זיי קלענער. ניין, נישט אין דעם פאַל, ס'ווענדט זיך וואָס פאַר אַ צרות. דאָס איז אַ צרה וואָס מיט יעדן טאָג ווערט זי גרעסער, געפערלעכער. אומגליקלעכער אַלעקס, ווי צו דײַן ווײַב צו וואָס זי האָט דערלעבט. די דאָקטוירים — בײַ זייערס: „אָן מיטבאַטייליקן זיך פון חולה אין די פיזיאָטעראַפּישע איבונגען איז די מעדיצין אָנמעכטיק. אַז דער פּאַראַליזירטער ליגט כּאבן שאין לה הפכין, איז נישטאָ קיין רפואה. די לעצטע צוויי־דרײַ וואָכן האָט דער מצב זיך אַזוי פאַרערגערט, אַז לענגער האַלטן אים אין שפּיטאָל ווילן זיי נישט. ער דאַרף — זאָגן זיי — אַ גריאַטעער־אַנשטאַלט. פנינה און שורה טוען פאַר אים איבער זייערע כּוחות. פאַרן קראַנקן איז עס אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

נאָך פּסח. דער וועטער אין די זעקס וואָכן צווישן פּסח און שבועות איז דאָ פרילינגדיק און אָנהייב זומער. היצן, חאַמסינען, דעמפּיקע לופט און אין די אָוונטן, נעכט — אַ מאָל אַ קיל ווינטל. דער אומנאָרמאַלער וועטער מאַכט משוגע די מענטשן. פנינה ווייסט נישט וואָסער בגד נעמען אויף זיך: אַ לײַכט קליידל, אַ

בלוזקע — מאַכט זיך פּלוצעם קילבלער אין דרויסן. טוסטו זיך אָן וואַרעם — אַ כּאַמסין. שוויצט מען, כאַפּט מען אַ קאַלטן טרונק, פּאַרקילט מען זיך. אָדער ס׳גיסט אויף דיר אַ רעגן, אָדער ס׳רינט פון דיר אַ שווייס — גייט דאָ אום אַ ווערטל. האָט געטראָפן, אַז מאַמע און טאָכטער אין זייער אײַלעניש אין שפּיטאָל אַרײַן, פון שפּיטאָל, און אין דאגה פאַרן מסוכן קראַנקן פאַרגעסט מען אין זיך. ביידע האָבן זיך צוגעקילט. פנינה איז געבליבן ליגן אין שטוב. גרויסע היץ. רעצעפּטן. שורהן איז שווער אַליין זיך אַן עצה געבן. מיליטער האָט איר אייגענע געזעצן, כּללים. שורהס פונקציע איז אַ וויכטיקע און נישט ווען זי וויל אָדער דאַרף זײַן אין שטוב צי בײַם קראַנקן טאַטן — באַקומט זי אַ באַפרײַונג.

פנינה האָט געמוזט אַ האַלב־קראַנקע אַרויס פון בעט און אײַלן אין שפּיטאָל אַרײַן. אויפן וועג איז פּלוצעם אַראָפּ אַ רעגן — און דאָ אַ רעגן איז ווי אַ גוזלן, אַן אַזיאַט — ער באַפאַלט דיך אומגעריכט. אַ פּיטש־נאַסע, אַ מידע, אַ געבוויגענע, ווי זי וואָלט געשלעפּט אויף אירע שמאָלע פּלייצעס אַ זאַק מיט כּמאַרעס — איז זי אַרײַן אין שטוב.

אַ ליידיקער פרידזשידער. שורה האָט אַ ברירה אַרײַנפאַלן אַ מידע, אַן אויפגערעגטע, אַ הונגעריקע. אַז זי, פנינה, האָט הײַנט פאַרגעסן עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן — איז שוין בײַ איר אַ געוויינלעכע זאַך. די לעצטע טעג האָט דאָס לויפן, פאָרן מיט אויטאָבוסן הין און צוריק פון שטוב אין שפּיטאָל אַרײַן זי אײַנגעמידט, צעבראָכן. ערגער פון אַלץ וואָס די דאָקטוירים גיבן נישט קיין שום האָפענונג. מ׳דערוואַרט דאָס ערגסטע.

✶

האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז חיים האָט געבראַכט די „גוטע בשׂורה" וועגן אַלעקסאַנדערס טויט. חיים דער שטובמענטש, פנינהס פרײַנד, ידיד־נפש, האָט זיך פון לאַנג געקליבן מבקר חולה זײַן אַלעקסאַנדערן. געקענט האָט ער אים פון פנינהס דערציילן.

פּערזענלעך האָט ער אים איין מאָל געזען, אייגנטלעך, אַלע דריַי פֿאַרבײַגײין די גאַס, ווי ער, חיים, וווינט.

געהערט ווי די זאַך האַלט האָט ער שוין לענגער נישט גע־וואָלט וואַרטן און אַוועק אין שפּיטאָל אַרײַן. געווען איז עס אַ שבת אַרום זייגער צען אין דער פרי. די שבתים איז ער כּמעט אַ גאַנצן טאָג בײַ פנינהן. אויך שורה די שיינע אַפּיצירשע איז אים נעענטער געוואָרן, טאָכטערט זיך צו אים. שעהען זיצט ער בײַ זיי אָפּ. אַ טיי, אַ לײַכטן ביס און מיטאָג. אַלעקסאַנדערס טעג, ווייסט ער זענען געציילטע. איז וואָס איז שוין דאָ צו רעדן? מה נאמר ומה נדבר?...

חיים האָט געוווּסט אין וועלכן חדר ער דאַרף זיך געפינען. ער האָט גלײַך געטראָפן. אָבער אַלעקסאַנדערן האָט ער נישט געזען. אַ דיזשורנע שוועסטער האָט געמערקט ס׳דרייען זיך אין לאַנגן קאָרידאָר פון אַן עלטערן מענטש און זוכן מיט די אויגן אין אַלע חדרים, האָט זי אים געפרעגט צו וועמען ער דאַרף.

— אַלעקסאַנדער רײַנער.

— אַדוני, ער איז שוין נישטאָ.

— ווי אַזוי דאַרף איך עס פאַרשטיין?

— פּשוט, הוא נפטר.

— ווען?

— הײַנט פאַר טאָג.

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט דער קורצער ביקור חולים.

חיים האָט אָנגעהויבן פּלאַנירן ווי אַזוי קומט ער מיט אָט דער „בשורה״ צו פנינה און שורה. פאַרשטערן זיי אַ שבת? ס׳איז אים איינגעפאַלן ווײַזן זיך צו מיטאָג. שוין במילא אַוועק דער אין דער פרי. אויך שורה וועט זײַן. אין דער נאָכמיטאָג־שעה פאָרן זיי ביידע אין איר מיליטעריש מאַשינדל מבקר חולה זײַן. זיי וועלן זיכער אויך אים מיטנעמען. ער וועט זאָגן, אַז מ׳דאַרף נישט, ער קומט פון דאָרט. „איז וואָס ברענגסטו פון דאָרט גוטס?״ — וועט

פנינה אַוודאי פרעגן, וועט ער ענטפערן: „הלוואי וואָלט ער גע־האַט גוטס צו זאָגן: נישט קיין גוטע בשורה האָט ער פאַר זיי. וועלן מאַמע און טאָכטער עפענען צוויי פאַר אויגן, וועט ער זאָגן: „נפטר געוואָרן".

און אַזוי איז עס געווען.

אין דער נאָכמיטאָג־שעה, ווען מאַמע און טאָכטער האָבן זיך געגרייט פאָרן מבקר חולה זײַן אַלעקסאַנדערן, האָט פנינה שטור־מערהייט אַ פרײַנטלעכן זײַטיקן קוק געוואָרפן אין חיימס זײַט אַרײַן. אַ קוק, וואָס וויל זאָגן: — ידידי חיים, ביסט פאַרבעטן צוזאַמען מיט אונדז אויפן ביקור חולים.

חיים האָט שטיל און פאַמעלעך זיך צוגעבויגן צו פנינהן, גע־לאָזט פאַלן איין וואָרט:

— מ'דאַרף נישט.

— וואָס זאָגסטו, חיים?

— איך בין הײַנט געווען דאָרט.

— איז וואָס?

— גאָרנישט. מ'דאַרף נישט. אַלעקסאַנדער איז שוין נישטאָ.

פנינה איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. חיים האָט איר אונטערגערוקט אַ שטול. שורה נעמט אָן די מאַמען פאַרן אָרעם:

— זיץ, אמא.

שטום ווי די ווענט פונעם סאַלאָן, אַלע ווענט פון דער דרײַצימער־דירה, זענען אַלע דרײַ געבליבן. חיים האָט געזוכט אַ וואָרט, כאָטש איין וואָרט פון טרייסט. „טרייסט נישט דעם אָבל, כּל־זמן דער מת איז פאַר די אויגן" — האָט ער זיך דערמאָנט.

פנינהס פנים האָט געטוישט קאָלירן. אירע ליפּן האָבן גע־מורמלט:

— איז וואָס האָב איך דאָ צו טאָן אָן אַלעקסאַנדערן?

חיים האָט אָן אויסרעדן אַ וואָרט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף שורה. שורה איז אָן אָנגעבויגענע איבער דער מאַמען גע־שטאַנען, שטום געקוקט אויף חיימען מיט אַ בליק פון הסכמה,

ווי איינער רעדט: „גערעכט, חיים, אמת. מיך האָט זי דאָר״.

זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, געמאַכט עטלעכע טריט אין קיך אַרײַן. צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז וואַסער:

— טו אַ זופּ, אמא.

פנינה האָט מיט אַ קאָפּשאָקל געענטפערט אויף „ניין״. זי האָט אײַנגעטונקען די רעכטע האַנט, אָנגעשעפּט אַ זשמעניע וואַסער און באַשפּריצט ס'פּנים.

זונטיק אַזייגער צוועלף־איינס איז געווען די לוויה.

אַ שטילע לוויה. עטלעכע נאָענטע שכנים, אייניקע פון פײַער־לעשער־אָרקעסטער, אַ צענטליק זעלנערקעס, זעלנער פון שורהס מיליטערישער איינהייט זענען געקומען.

אָן הספּדים. מאַמע און טאָכטער שטייען אַרומגענומען, שטאַרק געדריקטע איינע צו אייננאַנדערע, שטיל וויינען זיי.ביידע קעפּ נאָענט צו זיך שאָקלען לײַכט צו צום קדיש, וואָס חיים זאָגט פון אַ סידור נאָכן אַראָפּלאָזן דעם מת אין קבר און פאַרשיטן מיט פרישן אויסקאָפּ. נאָכן קדיש מאַכט חיים אַן אל־מלא־רחמים און זאָגט אַ תפילה אויף עליות נשמה „אנא״:

״אנא ה' מלך מלא רחמים אשר בידך נפש כל־חי ורוח כל־בשר איש, ויהא־נא לרצון לפניך תלמוד תורתנו ותפילתנו בעבור נשמת אַלטער (אַלעקסאַנדער) ריינער בן מנשה וציפורה. — —״

שבעה איז חיים צוזאַמען מיט פנינה און שורה געזעסן בײַ זיי אין שטוב.

19

מער ווי ס'פריינטלען זיך וואָס איז פּאַר חיימען נשמה־באַ־דערפעניש, געוווינשאַפט, וואָס ווערט אַ צווייטע נאַטור — האָט אים אין די שבעה־טעג קיין רו נישט געגעבן דער געדאַנק, אַז ער איז פאַר פּנינה און שורה מער ווי אַ שטובמענטש. אַ נאָענטער ליבלעכער קרוב איז ער. זײַן חוב איז אַלץ טאָן, כּדי פאַרגרינ־גערן זייער עקאָנאָמיש און גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישע מערכה. אַ מאָראַלישער חוב איז עס פאַר אים. שורה איז יונג און שיין. ס'גאַנצע לעבן איז נאָך פאַר איר. פּנינה — נאָך נישט אַזוי אַלט אויף פאַלן שורהן צו לאַסט. אסור איר אַראָפּלאָזן די הענט, וואַרטן... צו פרי פאַר איר צו וואַרטן אויף דעם וואָס קומט במילא... שלעכט איז אים קוקן אויף פּנינהס פּנים, וואָס האָט די מראה פון אַ מיגרענע־קראַנקע. ער טאָר נישט, ער קאָן זיי נישט איבערלאָזן אַליין.

חיים זיסקינד האָט זײַן חשבון הנפש שוין פון לאַנג גע־מאַכט. אַ פענסיאָנער העכער צוואַנציק יאָר. ער וואָלט נאָך אַ סך יאָרן געאַרבעט. אַ שאָד וואָס בײַ פינעף און זעכציק יאָר דאַרף אַ מענטש זיצן אין שטוב און אָנהייבן ציילן די טעג אויף צוריק... וויפל איז נאָך געבליבן ביז... דאָס קליינע לאַנד פון צווישן ים און מדבר האָט זיך אויפגעבויט. ער, דער יסוד, דער יסוד פון בנין. בנין הארץ — ליגט אין דר'ערד ווי אַלע יסודות — שיכּון הוותיקים. אַ נײַער דור, צוויי דורות גייען אויף פאַר זײַנע אויגן. זיי וועלן ממשיך זײַן דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן. אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן האָט ער נישט געטאָן פאַר זײַנע־

טוועגן. דאָס גיט אים כּוח און ביטחון צו לעבן און ליב האָבן דאָס לעבן.

★

שורה. איינמאָל איז זי פאַרבײַגעגאַנגען ס׳גרויסע קולטור־הויז אויף צפון תּל־אביב. זי קען דאָס הויז. זינט זי געדענקט זיך קען זי דאָס הויז. תּמיד זענען די טירן אָפן, באַהאָנגען מיט גרע־סערע און קלענערע מודעות, אַפּישן וועגן אימפּרעזעס פון קליינ־קונסט־טעאַטער, קאָנצערטן, מיטינגען אויף ליטעראַרישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס. זי כאַפּט אַ בליק און גייט ווײַטער. עס האָט איר נישט אינטערעסירט, נישט קיין געדולד גע־האָט אָפּשטעלן זיך און איבערלייענען אַ פּלאַקאַט ביזן סוף. דאָס מאָל האָבן קידוש לבנה־אותיות אַראָפּגעשריגן פון ביידע זײַטן צעעפנטע טירן:

אליהו שחר

אַ רעטראָספּעקטיווע 1947—1990 אויסשטעלונג.

די דערעפענונג מאָנטיק י״ב באייר תש״ו, 7טן מאַי 1990.

באַזוכן: אין די טעג א—ה אין שעהען 10—13, 17—19.

פרייטיק אין דער שעה 19.

„מגדל" פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט באַגריסט דעם קינסטלער צו זײַן 58־טן געבוירן־יאָר.

עפּעס האָט אין שורהן אויפגעציטערט בײַם איבערלייענען דעם נאָמען אליהו שחר. זי איז שטיינגעבליבן אַ דערשראָקענע מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ און געשפּאַנטן געהער, ווי אַ הירשעכע אויף אַ פּלוצעמדיקן שאָס. אליהו שחר — האָט זי געמורמלט אין דער שטיל, מורא געהאַט דעם נאָמען הויך אַרויסצורעדן. זיך אַרומגעקוקט צי קיינער שטייט נישט לעם איר. דער האַלבער דזשענטלמאַן, האַלבער באָהעם, מענטש, מאָלער, גרויסער קינסט־לער, לעבט, שאַפט. אַזאַ אויסשטעלונג — האָט זי צו זיך גערעדט, געפרעגט אין דער שטיל, זיך אַליין געפרעגט: האָט דער מענטש איר ליב געהאַט צי סתּם מיט איר אַ טשעפּע געטאָן? פאַר וואָס

איז זי פון אים אַנטלאָפן? עטלעכע מאָל אַנטלאָפן. אַ גרויסער קינסטלער, אַ גוטער מענטש. אַ טאַטע איז ער דאָך געווען פאַר איר. אויך אַ טאַטע קאָן אַמאָל אַ גלעט טאָן אַן אייגענע טאָכטער. אַזוי היימישלעך אינטים געזעסן לעם אים בײַם קיך־טישל. אז מה, איז וואָס? האָט ער דען געמיינט איר שלעכטס? האָט ער זיך גע־רייצט מיט איר? און זי אַ טיפש־עשרה, אַזוי נאַריש זיך אויפ־געפירט. באַליידיקט אים דעם גרויסן מאָלער. איין מאָל. נאָך אַמאָל. און ער איז נישט געווען אין כעס אויף איר. תּמיד ווען זי האָט געוואָלט האָט ער פאַר איר געעפנט די טיר. אָ, יענעם אָוונט, אַ באַליידיקטע, אַ געשלאָגענע אַרויס פון יענע פרעכע הענט איז זי נישט אַהיימגעלאָפן. צו אים, צו אליהו שחר איז זי געגאַנגען. אַן אומגעבעטענער גאַסט — האָט ער איר די טיר געעפנט. אים האָט זי דעם גאַנצן אמת דערציילט, אָ, אָ, זײַן האַרציק געלעכטער, זײַן אויסגעשריי: „כּל הכּבוד!" ס'בעט, זײַן בעט איר אָפּגעטראָטן אויף אַ גאַנצע נאַכט. מיט מירהלען איז זי געשלאָפן.

סעקונדן, ברוכטיילן פון סעקונדן האָט געדויערט ס'פאַרהאַלטן זיך בײַ די אָפענע טירן און זי שטייט נאָך אַ פאַרדמיונטע.

אָט גיבן זיך אַ שיט אַרויס מענטשן, מענגעס מענטשן: יונגע, אַלטע, פרויען, מענער. אַ סך פרויען מיט אַ מורמלעניש, אַ גע־רייד: „סאַראַ ווונדערלעכע בילדער, פאַרטרעטן?" „אליהו", „שחר", „אדון שחר" — לויפט אַדורך דער נאָמען פון מויל צו אויער. פּנים־גרימאַסן, שמייכלען, אַ סמאָטשקעניש פון ליפּן פון פאַרוווּנדערונג, שבחים, לויב־רייד אויפן אַדרעס פון קינסטלער־מאָלער אליהו שחר.

ס'קומט אים — זאָגט זי צו זיך. תּמיד געחלומט ווערן אַ באַ־רימטער קינסטלער. גערעדט צון איר. זי האָט געהערט, נישט תּמיד פאַרשטאַנען זיינע רייד „גענודזשעט".

אָט גייט אַרויס איינער, דער לעצטער. אַ הויך געשטאַלט פון אַ מאַן. ער ווענדט ס'פּנים אויף לינקס. זי שטייט רעכטס בײַ דער

צווייטער זײַט טיר. זי זעט בלויז זײַן פּלייצע, זײַנע לאַנגע הענט וואָס באַוועגן זיך מיטן שנעלן גאַנג. קאָפּ פאַרהויבן, אַפּנים פאַר־דמיונט גייט ער, אָן אומקוקן זיך אויף צוריק. גוט. אַ מזל. ער האָט זי נישט באַמערקט. און אפשר געמאַכט זיך נישט זען? איז ער ברוגז אויף איר? אַ דערשראָקענע, אַ צעטומלטע איז זי נאָך אַלץ נישט זיכער צי וועט ער זיך נישט אומקערן. טאָמער יאָ — וועט ער זי דאָך זען — שטאַמלט זי. העכער, מאָגערער זעט ער איר אויס זינט זי געדענקט אים. אַוודאי אַ זיבן־אַכט יאָר זינט דעמאָלט. איר קומט אויס, אַז שוין אַ סך אַ סך יאָרן אים נישט געזען. דער זעלבער בערעט אויפן קאָפּ. קיל אין דרויסן, אַ לייכט ווינטל יאָגט פונאַנדער עטלעכע גראָע הערעלעך, וואָס סטאַרטשען פון הינטערן בערעט, וואָס ליגט קאָקעטיש אויף אַ זײַט קאָפּ.

זי לאָזט זיך גיין. פּאַראַלעל לענגאויס דעם ים ציט זיך די גאַס. אַ געדיכט געגיי הין און צוריק. אַ ראָדפּאַרקער: מאַשינען, טעקסיס, אויטאָבוסן, אַ טראָסקען פון מאָטאָציקן. שטאַרק באַ־לויכטענע וויסטאַוועס, קאַפעען, רעסטאָראַנען. בײַ טישלעך זיצט מען, מ׳לענט זיך אונטער ס׳האַרץ. זי שפּאַצירט אין דער ריכטונג ווו אליהו האָט זיך געלאָזט גיין. זי וויל אים נישט פאַרלירן פון אויג און וויל אים נישט טרעפן פּנים אל פּנים.

שורהס פאַרבײַגייין הײַנטיקן אָוונט דאָס קולטור־הויז איז אייגנטלעך אַ צופאַל. באַדאַרפט זיך טרעפן מיט אַ חברטע, וואָס וווינט דאָ נישט ווײַט פון דער צענטראַל־גאַס. צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן — געדענקט זי דער מאַמעס אַ פּויליש ווערטל.

צו דער חברטע האָט זי שוין פאַרשפּעטיקט — זאָגט זי צו זיך. זי איז אויך צעטומלט און נישט אין אַ שטימונג אַצינד צו זען אַ מענטש, הערן אַ מענטש, אַ ווײַל טון זיך. ס׳איז שוין אויך שפּעטלעך. אַליין דרייען זיך אין גאַס אין דעם מענטשן־טלאָק איז איר אויך נישט אָנגענעם. וואָס מער מענטשן זי זעט, אַלץ אור־מעטיקער, טרויעריקער ווערט איר אויף דער נשמה. ווייניק קומט זי אַהער אויף דער לענגסטער, גרעסטער גאַס פון צפון תל־אביב,

בפרט אין די שעהען. אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט כאַפּן איר פּלו־צעם אַרום די ליכטער פון אַלע זײַטן, ווי זיי וואָלטן זיך אַרײַנ־געריסן אין איר אינעווייניק, ווילן אָפּדעקן פאַר אַלעמענס אויגן אירע געדאַנקען: אירע נאַרישע געדאַנקען פון אַ טיפּש־עשרה.

ס׳פּלאָנטערן זיך איר נאָך אַלץ אין קאָפּ די סעקונדן ווען זי האָט פּלוצעם דערזען אליהו שחרן אויפן שוועל פוןביידע צע־פּראַלטע טירן, זײַן לויפנדיקן גאַנג מיט די צוויי לאַנגע הענט ווי פּלינקע חיות. אפשר האָט ער זי באַמערקט און געמאַכט זיך נישט זען? איז ער בייז אויף איר? געדענקט ער זי בכלל? זי געדענקט זײַנע לעצטע ווערטער יענעם אין דער פרי, ווען ס׳האָט זיך איר נישט געגלוסט גיין צו דער אַרבעט אין טאַטנס ביורא. זײַנע לעצטע געציילטע ווערטער:

— באַדענק זיך, שורה. איך עצה דיך. פאַר אַהיים, מאַך זיך אַ טוש און לייג זיך שלאָפן. וועסט אויפשטיין אַ נײַער מענטש.

איז זי געשלאָפן יענעם טאָג, יענע נאַכט? חלומות, האַלוצי־נאַציעס, קאָשמאַרנע, פאַרהוילענע, אומקלאָרע געדאַנקען. אַ מיש־מאַש פון חלום און וואָר. פּנימער. אויגן. פּרעבע, ברוטאַלע אויגן, אַ טונקל שוואַרץ באַוואָקסן פּנים און אַ מילד־ליבלעך פּנים. אַ צווייערלייִק געשטאַלט הייבט זיך אַרויס פון אַ ים־כוואַליע אַן אָפּגעוואַשנס, אַן אָפּגעצוואָגנס. סאַפּלעס רינען פון געשטאַלט. אַזוי־אָ גייט ער, דערנענטערט זיך צו איר. זי האָט מורא, נורעט אײַן דעם קאָפּ אין קישן. פון קישן ווערט אַ קיזלשטיין. זי כאַפּט אַ פּאַטש אין פּנים, שרײַט אַרויס, וועקט זיך איבער.

אליהו שחר — דערמאָנט זי זיך אַצינד — האָט איינמאָל ווען מ׳האָט גערעדט וועגן חלומות, אַ שלעכט אומרויִק שלאָפן — האָט ער איר „וויסנשאַפטלעך" דערקלערט: „די חלום־מיסטעריע, דאָס איז אייגנטלעך — זאָגט ער — אַ מיסטעריע פון פאַנטאַזיע און וואָר. איבערלעבונגען אין אַ לויזער אומגעלומפּערטער פאָרעם, אַ מין קאַפּויערדיקער אויפקום פון פאַרטײַעטע בילדער. אַלץ זאָל זיך נעמען פונעם עראָס־ליבידאָ".

ניין — זאָגט זי צו זיך — ס'האָט נישט קיין זין אַליין זיך דרייען אין גאַס. מיט דער חברטע וועט זי זיך טעלעפאָניש פאַר־בינדן. זי פאָרט אַהיים.

★

אין שטוב האָט שורה געטראָפן די מאַמע און חיימען ביַים סאַלאָן־טישל אין אַ געמיטלעכן שמועס. אַ שטילער שמועס. חיימס קאָרעקט גוט־געפּאַרעמט עטוואָס געקנייטשט פּנים, גוטמוטיקע אויגן קעגן דער מאַמעס אָוואַל־בראָנעט פּנים מיט אַן אויסדרוק פון מידקייט און אַ טרויעריק־פאַרגיביק שמייכעלע.

ס'האָט איר הנאה געטאָן, שורהן. וואָס וואָלט זי געטאָן אַצינד, איר מאַמע, אָן חיימען — איז איר אַדורכגעגאַנגען אַ געדאַנק. זי האָט זיך נישט לאַנג פאַרהאַלטן לעם זיי. געזאָגט „שלום" צו חיימען און מיט אַ „מה נשמע?", אָן וואַרטן אויף ענטפער, זיך געלאָזט גיין אין איר חדר. אַ מידע פון לאַנגן שלעפן זיך לענג־אויס דער גרויסער גאַס — האָט זי פאַמעלעכקע אַראָפּגעצויגן פון זיך די מיליטערישע בגדים, אַ שאָקל אַראָפּ געטאָן פון זיך די געלע מיליטערישע שיך, געגרייט אַ טוש און אַט־אַט אין בעט אַריין.

מאָרגן גאַנצפרי דאַרף זי זיַין אויף דער באַזע.

אייגנטלעך האָט זי געמיינט פריער אַריַינגיין אין קיך מאַכן זיך אַ גלאָז טיי, עפּעס איבערכאַפּן.

דאָס דרייען זיך הין און צוריק — האָט זי פאַרשטאַנען — וועט דער מאַמען און חיימען שטערן אין זייער געמיטלעכן שמועס און איז געבליבן אין איר חדר.

דער וואַרעמער שפּריץ שטראָמט אויף איר האַלדז און נאַקן, וואַשט איר ליַיב מיט געפּליעסק. ס'מחיהדיקע וואַסער רינט פון קאָפּ איבערן פּנים, אויגן, נאָז, זאַמלט זיך און בלעזלט הינטער אי־רע פיס און גייט אויף מיט אַ שטיל, פריילער געררויש. איר גאַנצער גוף אָטעמט פריַיער גרינגער אָפּ. ליַיכט ווערט אויף איר דער

קאָפּ, אַזש ס׳גלוסט זיך אַ הייב טאָן די הענט ווי פליגל און תּענוגדיק אַ קרעכץ טאָן הויך אויפן קול:

— ניין. איך האָב זיי נישט פֿײַנט די בחורים. איך לײַד נישט זייער נאָענטקייט. זיי ווילן בלויז אַ טשעפּע טאָן מיט מיר. הוי, בחורים, איינער פון אײַך איז זיכער ראוי צו שטיין מיט מיר אונטער דער חופּה. און ער וועט מיר זײַן אַ מאַן.

דבר חבר־השופטים בחלוקת פרס־הופשטיין לשנת תשנ"ד — 1994 בהחליטם להעניקו לסופר שלמה וורזוגר

שלמה וורזוגר הנו אחד העתירים ביותר מבין סופרי יידיש בארץ, שקמו והתפתחו כאן עם קום המדינה, אשר יוצרים בכמה וכמה ז'נרים ספרותיים. התחיל בשירה עוד בהיותו במינכן, כפליט ושריד, הוציא שם אוסף שירים בשם „זיַין" (להיות) ובארצנו הופיע ספר שריו בשם „דאָ גייט אויף די זון" (כאן עולה השמש), שבהם הוא מגיע ללירוקה עדינה של פייטן בשל. וורזוגר אינו בעל־בכי, אדרבא, משורר החיים הנהו, השר על ואת החיים שהתנוער כאן מחדש.

הפואימה שלו „יאָמערגעזאַנג" (שירת הנהי) החובקת מר־חבים, ומחברה שומר בה באדיקות, לכל אורכה ורחבה, על בתים דו־שורותיים מחורזים, הנה אֶיפּוס על המשפחה יהודית עממית בפולין שלפני המלחמה עד לחורבן האיום.

ז'נר הדומיננטי ביצירותיו של וורזוגר היא הפרוזה — הסיפורים, הנובלות, ובעיקר הרומנים. מאז שנת 1960 שהופיע הרומן הראשון שלו, ששמו „ברויט" (לחם), הספיק מחברנו להוציא לאור שמונה רומנים.

במרוצת השנים דולה הוא חמצן ספרותי מהתקופות שעברו בחייו והופך אותם ליצירות בלטריסטיות. ומעניין, דווקא נושא יחיד זה הופך אצלו למעיין מתגבר של השראה. ברומנים שלו: **זאַמד** (חול), **גורלות**, **יאָרן** (שנים), **יוני 1941**, **דורות** הוא מתנוצץ ומתנתז אל מרחבים וגאיות. וורזוגר המכיר ויודע טוב־טוב את החומר, מצליח ליצור דמויות ויטליות, טיפוסים מסויימים ומצבים שונים ומשונים.

גם את חיינו כאן, בישראל, אין הסופר מזניח. כל הסביבה

על וותיקיה ועוליה החדשים הוא רואה ומספר עליהם, גם כל אחד ואחד בחוויותיו, בהתנהגותו ובבעיות חייו מביע מחברנו בכשרון.

שלמה וורזוגר הנו גם מסאי, המביע דעתו בחיוניות רבה על כל ספר וספר הכתוב ביידיש ומופיע בארץ ומחוצה לה. יש לו השקפה משלו על ספרות בכללותה והוא דן בבעיותיה בצורה ברורה וביתית.

כן אין לפסוח על פעילויותיו החיוניות — אקטיביות בארגון הסופרים כותבי יידיש בישראל, כשהוא עומד בראש הוועדה המארגנת ומכוונת נשפי־ספרות בבית לייוויק, והוא משתתף לבדו ברבים מהם, ומשמיע בטוב טעם את דברו על יצירת חבריו.

ש. וורזוגר הוכתר בפרסי ספרות רבים, בתוכם — פרס מאַנגר, פרס מנדלי מוכר ספרים ועוד.

פון זעלביקן מחבר:

זײַן, לידער, פאַרלאַג „פרײַהייט״, מינכען 1948

ברויט, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1960

זאַמד, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1963

גורלות, ראָמאַן, פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב 1967

יאָרן, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1973

דאָ גייט אויף די זון, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1975

9 **סיפורים** (עברית), פון ייִדיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב תשל״ט, 1979

הי, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1985

אַזוי צו זאָגן, עסייען, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב 1985

יאָמערגעזאַנג, פּאָעמע, „ישׂראל־בוך״, תל־אביב 1987

יוני 1941, נאָוועלע, „ישׂראל־בוך״, 1988

האַלינאַ, ראָמאַן, „ישׂראל־בוך״, 1990

דורות, ראָמאַן, „ישׂראל־בוך״, 1992

אַ גט, נאָוועלע

גרייט צום דרוק:

אַזוי צו זאָגן, עסייען, באַנד 2